STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00830

A TOG IN TREBLINKE

S. Polakiewicz

Permanent preservation of this book was made possible by
Lawrence D. Schaffer
in memory of
Esther & Max Schaffer

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמחה פאליאקיעוויטש

א טאָג אין טרעבלינקע

די הכנסה פונעם בוך איז באשטימט פאַר
דער הילפס־ארבעט פונעם פוילישן יידנטום

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

31

רעדאקטאָר:

מארק טורקאָוו

פארלאגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגנבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך

שמחה פאליאקיעוויטש

א טאָג אין טרעבלינקע

כראָניק פון א יידיש לעבן

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראל-פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע
צוזאמען מיט די
לאנדסלייט פאראיינען פון סאָקאָלאָוו - פאדלאסק אין
ארגענטינע און אורוגוואי
בוענאָס איירעס, 1948

IMPRESO EN LA ARGENTINA
Copyright by
Symcha Poliakiewicz

Symcha Poliakiewicz

A TOG IN TREBLINKE
(Un día en Treblinka)

Buenos Aires, 1948

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Industria Argentina

אינהאלט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — 9

I אין די שטעטלעך ארום טרעבלינקע — — — — — 13

II די פארניכמונג — — — — — — — — — — — 23

III איבער פעלדער און וועלדער — — — — — — — 29

IV צום דריטן מאָל אנטלאָפן — — — — — — — — 47

V קיין טרעבלינקע — — — — — — — — — — 53

VI א טאָג אין טרעבלינקע — — — — — — — — — 57

VII צוריק אין סאָקאָלאָוו — — — — — — — — — 76

VIII צו א נייער וואנדערונג — — — — — — — — 129

רשימה פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום" — 136

פרעסע שטימען — — — — — — — — — — — — — 139

* * *

„ווער עס האָט אזעלכעס נישט מיטגעמאכט, דעם איז ווירקלעך
שווער צו באַגרייפן ווי אַזוי אַ מענטש קען איבערטראָגן אַזעלכע
ליידן.. ליידער איז מיין פעדער צו שוואך, מיין שפּראך צו אָרים
אַז איך זאָל קענען אַלץ אַזוי גענוי דערציילן און באַשרייבן, אַז מענ-
טשן זאָלן עס קענען פאַרשטיין און גלויבן״...

דאָס זענען עטלעכע שורות פון אַ לאַנגן בריוו, וואָט דער מחבר
פון דער דאָזיקער שילדערונג האָט מיר געשריבן, ווען איך האָב פּרו-
בירט קאָנטראָלירן, צי זענען געוויסע עפּיזאָדן פון דער דאָזיקער אומ-
געווענלעכער עפּאָפּייע, וואָס שמחה פּאָליאַקעוויטש האָט דורכגע-
מאַכט, ניט איבערטריבן. צי קען מען זיך פאַרלאָזן אויף דעם אַלעם,
וואָס ער באַשרייבט, אַז די דאָזיקע באַשרייבונג זאָל ווערן אַ באַ-
שטאַנדטייל פון יענער דאָקומענטאַלער זאמלונג, וואָס איז נויטיק בכדי
די צוקינפטיקע פאָרשער זאָלן זיך אויך דערמיט קענען באנוצן ביים
באַהאַנדלען די טראַגישע עפּאָכע פון דער צווייטער וועלט-מלחמה.

„איר פרעגט מיך, ווי אַזוי איך האָב עס געקענט אין אַ קאָלטער
נאַכט אינגאַנצן נאַקעט שפּרינגען פון פאָרנדיקן צוג? פּראָבירט באַ-
גרייפן, וואָס פאַר א ווילדער פרימיטיוו-מענטשלעכער אינסטינקט
האָט מיך געמוזט דאַן באַהערשן, אַז זייענדיק אינגאַנצן נאַקעט, בין
איך ווי אַ מאַלפּע געשפּרונגען אויף אַ בוים, בכדי צו ראַטעווען דאָס
לעבן. די שרעק פאַרן טויט, דער ווילן צום לעבן האָבן זיכער אין יע-
נעם מאָמענט פאַרמינערט די פיזישע ליידן פון דער שניידנדיקער
קעלט, ווּאָס האָט מיך געפּייניקט״...

זיינע איבערלעבונגען האָט שמחה פּאָליאַקיעוויטש באַשריבן
שוין נאָכן אָפּראַטעווען זיך קיין ארץ-ישראל, ווו ער לעבט היינט,

אָבער ביים שרייבן די דאָזיקע כראָניק פון זיין לעבן, וואָס איז אַ כראָניק פון מיליאָנען יידישע לעבנס, וואָס בלויז יחידים איז געלונגען זיך צו ראַטעווען, האָט ער נישט געפילט די וואַרעמקייט פון דעם זוניקן יידישן היים-לאַנד, נאָר האָט זיך מיט זיינע מחשבות איבער-געטראָגן צוריק אויף די פינסטערע וועגן, וואָס האָבן געפירט קיין טרעבלינקע, אויף די וועגן, וואָס זענען דורכגעזאַפּט מיט יידיש בלוט, אויף דער ערד, וואָס איז באַמיסטיקט געוואָרן מיטן אש פון די פאַר-ברענטע יידישע לעבנס.

דער מחבר איז נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער און זיין שילדערונג אַנטהאַלט דעריבער ניט קיין שום ליטעראַרישע אָדער קינסטלערישע באַפּוצונגען.

עס איז אַ פּשוטע, טרייע שילדערונג פון די איבערלעבונגען פון נאָך איין ייד, וואָס האָט געלעבט אין דער קליינשטעטלדיקער יידי-שער פאָלקס-סביבה און האָט מיטגעמאַכט דעם חורבן פון דעם שטע-טל און דעם אונטערגאַנג פון די יידן פון זיין שטעטל. און צווישן די דאָזיקע יידן האָבן זיך אויך געפונען זיינע סאַמע נאָענטסטע, וועמענס אָנדענק דער מחבר ווידמעט דאָס דאָזיקע ביכל.

„אַ טאָג אין טרעבלינקע", וואָס מיר גיבן איבער דעם לייענער אַלס דער 32-טער באַנד פון דער ביכער-סעריע „דאָס פּוילישע יידנ-טום" איז נאָך אַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער מאַר-טיראָלאָגיע. עס איז נאָך אַ קאַפּיטל יידישע כראָניק.

אָבער די באַדייטונג פון דער דאָזיקער כראָניק באַשטייט ניט בלויז אין דעם אַזוי טראַגיש איבערגעלעבטן טאָג אין טרעבלינקע — צוזאַמען מיט די טעג און וואָכן ערב דעם מחברס אָנקומען קיין טרעבלינקע און מיט די טעג און וואָכן נאָך זיין אַנטלויפן פון דאָרט.

די באַדייטונג פון דעם ביכל באַשטייט אויך דערין, וואָס מיר באַקומען דאָ אַ באַריכט וועגן דעם אונטערגאַנג פון דעם אַלטן פּויליש-יידישן שטעטל סאָקאָלאָוו-פּאָדלאַסק.

אין אונדזער ביכער-סעריע איז אַלס 4-טער באַנד דערשינען דאָס בוך פון דעם היגן יידישן שרייבער און עסקן פּרץ גראַנאַטשטיין, וואָס האָט געשילדערט פאַר אונדז ווי אַזוי דאָס כאַראַקטעריסטישע

שטעטל האָט געלעבט, ווי אַזוי מען האָט דאָרט געשאפן, געחלומט און געקעמפט אין די רואיקע פאַר-מלחמהדיקע צייטן.

איצט, אין דעם בוך פון שמחה פּאָליאַקעוויטש, קומט דער סוף פון דעם שטעטל, זיין חורבן, זיין אונטערגאַנג.

די טראַגישע איבערלעבונגען פון שמחה פּאָליאַקיעוויטש ענדיקן זיך נאָך נישט אין דעם דאָזיקן בוך, ווען ער האָט זיך געראַטעוועט פון איין פייער, אַנטלאָפן מיט די אַרישע פּאַפּירן פון זיין געבורטס-שטעטל סאָקאָלאָוו. ער איז דאַן געקומען קיין וואַרשע, געלעבט אויף דער אַרישער זייט, דאַן אָוועקגעשיקט געוואָרן אַלס פּוילישער שקלאַף קיין דייטשלאַנד, ווו ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט סאָוויעטישע קריגס-געפאַנגענע אין די קוילן-גרובן אין וועסטפאַליען צו 16 שעה אַ מעת-לעת.

יעדעס בוך וואָס ווערט געשריבן און פאַרעפנטלעכט וועגן יענער עפּאָכע, איז נישט מער ווי א פראגמענט. אונזער פליכט איז אָבער די דאָזיקע פראַגמענטן צונויפזאַמלען, אויפהיטן זיי דורכן פאַרעפנט-לעכן זיי אין בוך פאָרם און זאָרגן, אַז קיין שום פרט זאָל פאַר דער געשיכטע נישט פארלוירן גיין.

אויב נישט פאר דער אלגעמיינער מענטשלעכער געשיכטע, זאָל עס כאָטש אָפּגעהיטן ווערן פאַר אונדזער אייגענער, פאַר דער יידי-שער געשיכטע.

אויב די גרויסע און אַזוי רשעותדיקע וועלט וויל גאָרנישט אָפּ-לערנען פון דעם אַלעם, וואָס ווערט דערציילט און געשילדערט אין די דאָזיקע ביכער, אפשר וועלן מיר אַליין עפּעס דערפון אָפּלערנען.

ווייל די דאָזיקע שילדערונגען טאָרן נישט זיין בלויז א מצבה פאַר דער חרוב-געוואָרענער פאַרגאַנגענהייט.

די דאָזיקע שילדערונגען דאַרפן קודם-כל זיין אַ וואָרענונג פאַר אונדזער אייגענער צוקונפט.

מארק טורקאָוו

בוענאָס איירעס, מערץ 1948.

דאָס דאָזיקע בוך איז געהייליקט דעם אָנדענק פון

מיין פאָטער אברהם צבי,

מיין מוטער רייזל,

מיין פרוי רוזשע מעלניק פון קאליש מיט אונדזער פיר־חדשימדיק קינד שיינע העניעלע, וואָס זענען אומגעקומען אין טרעבלינקע,

מיינע ברידער און שוועסטער,

דעם קוטנער חזן שלמה מיט זיין פרוי און דריי קינדער, וואָס זענען אומגעקומען אין קוטנער קאָנצענטראציע־לאגער.

עליע־חיים מיט זיין פרוי און זעקס קינדער, וואָס זענען אומגעקומען אין טרעבלינקע,

רחל מיטן מאן און זון, וואָס זענען אומגעקומען אין װארשעווער געטאָ,

לאה מיט איר מאן יעקב לעלטשוק און אכט־יעריק טעכטערל לושיא, וואָס זענען אומגעקומען אין וואר־שעווער געטאָ,

יואל, פסח און משהלע — דער יינגסטער פון אונדזער משפחה, וואָס איז מיט נאָך יידן דערמאָרדעט געוואָרן דורך פוילישע באנדיטן אין די סטערדינער וועלדער.

זאָל געהייליקט ווערן דער אָנדענק פון אלע קדושים פון אונדזער שטעטל סאָקאָלאָוו, וואָס זענען אומגעקומען אין די טרעבלינקער גאז־קאמערן.

דער מחבר

תל אביב, 1947.

I

אין די שטעטלעך ארום טרעבלינקע

אין מאי 1942, גלייך נאָכן באזוך פון ווארשעווער גובערנאטאָר ד״ר פישער אין סאָקאָלאָוו־פּאָדלאסקי, האָט זיך שוין געלאָזט מערקן דער מער־דערלעך צוגעגרייטער פּלאַן קעגן די יידן פון די שטעטלעך נעבן טרעבלינ־קע, ווי סאָקאָלאָוו, ווענגראָוו, קאסאוו, סטערדין אד״ג.

א גרויסע טייל פון די יינגערע מענער פון די שטעטלעך האָט מען מיט צוואנג ארויסגעפירט אין די ארבעטסלאגערן פון דער ארומיקער גע־גנט, ווי קורטשעוו, סקשעסק, לובלינער געגנט און אנדערע ערטער, און אָנ־געהויבן צו קאָנצענטרירן זיי הינטער שטעכיקע דראָטן מיט באוואָפנטע וואכן פון פאָלקס־דייטשן און אוקראַינער. אנדערע יידן האָט מען געמאכט פאר קאסאנירטע, ד״ה אָפּגעזונדערטע פון זייערע פאמיליעס, וואָס האָבן געהערט בלויז אונטערן מיליטערישן באפעל פון ארבעט און האָבן גע־ווינט אין א לאגער הינטער דער שטאָט.

צו דער דאָזיקער גרופּע האָב איך אויך געהערט.

א געוויסער טייל יידן האָבן די מערדער געגעבן די מעגלעכקייטן צו קענען ארבעטן ביי גוטבאזיצערס אויף לאנד־ארבעט.

חוצדעם האָט מען אויך דורכגעפירט א רעגיסטראציע פון די אלע יידן, וואָס האָבן נאָענטע קרובים אין אויסלאנד, אויף צו „געבן די מעג־לעכקייטן״ צו קענען עמיגרירן צו זיי... עס איז געווען א ספּעציעלער פּלאַן פון צערייסן פאמיליעס און שאפן אַן אנטאגאָניזם צווישן דער יידישער באפעלקערונג גופא, צעטיילן אויף פּריווילעגירטע, וואָס האָבן געקענט בלייבן אין געטאָ (דער פארמעגלעכער שיכט) און אויף אזעלכע, וואָס האָבן זיך גע־

מוזט צעשיידן מיט זייערע פאמיליעס און פֿאָרן אין ארבעטס־לאגערן אויף שווערע ארבעט (דער אָרימסטער טייל פון די געטאָ־איינוווינער).

די מערדער האָבן גוט געוווּסט, אז מיר ווינען נאָענט פון טרעבלינקע און מיר קענען שנעל דערשפּירן די גאזדריחות, האָבן זיי אלץ געטון אויף אָפּצולענקען די אויפמערקזאמקייט, דעזאָריענטירן די יידישע באַפעלקערונג און האָבן אפילו פארלייכטערט דעם געטאָ־רעזשים.

איז טאקע צוגעגאנגען אַן איבערקויף־פּאָליטיק צווישן יידנראט מיט די פירער פון טרעבלינקע, צו וועלכע עס האָבן געהערט ס.ס. פירער גראמס (סאָקאָלאָווער בירגערמייסטער) און זיין פארטרעטער ד״ר הערמאן. מען האָט געצויגן פון דער געפייניקטער יידישער באפעלקערונג וואָס מער שטייערן און ווערטפולע חפצים, ווייל די רויבער האָבן זיך זייער לייכט געלאָזט איבערקויפן.

ס. ס. פירער גראמס, דער בירגערמייסטער פון סאָקאָלאָוו, דער דיקטאַטאָר פון דער גאנצער געגנט, א הויכוווּקסיקער, א שלאנקער, מיט א שטרענגן מיליטערישן אויסזען, שטענדיק מיט א גרויסן הונט און א מיליטערישן באגלייטער נעבן זיך, האָט אויף קיין יידן נישט געקענט קוקן. ווען דער דאָזיקער פארשוין פלעגט אמאָל דורכגיין דעם געטאָ אויף אַן אינספּעקציע, פלעגן די יידן פארשווינדן, נישט וועלנדיק זיך באגעגענען מיט זיינע מערדערישע בליקן. ער פלעגט שטענדיק גיין אין מיטן גאס, בכדי זיך נישט אָנרירן אָן די „אָנשטעקנדיקע דרעקישע יידן". אזוי פלעגט ער די יידן רופן. דערזעלביקער גראמס איז געווען גוט באקאנט אין דער גאנצער ארומיקער פּויערישער געגנט אלס דעספּאָט. דער קלענסטער ברוך קעגן זיינע פאראָרדענונגען איז נישט אדורך שטראָפלאָז. פאר דעם מינדסטן פארשפּעטיקן זיך ביים צושטעלן די קאָנטינגענטן תבואה פלעגט ער די פויערים מאסנווייז אוועקשיקן אין קאָנצענטראציע־לאגער טרעבלינקע נומער 1.

ד״ר הערמאן, אין אויסזען דער קעגנזאץ פון דערמאָנטן גראמס, א ביסל נידעריקער פון מיטעלן וווּקס, א ברייט־פּלייציקער, מיט א פּאָר בינאָקלען. דאָס פּנים זיינס האָט זיך צו יעדער צייט געקענט ענדערן. דאָ איז ער שטרענג אָנגעבלאָזן מיט אויסגעשטעלטע בייזע אויגן ביים ארויסגעבן שטרענגע געטאָ־באפעלן, אין א מינוט שפּעטער פלעגט ער סאדיס־

טיש שמייכלען, ווען מען איז אים געווען נאָכגיביק און אונטערטעניק. דאָ זעט מען אים מיטן קאָפּ פאררייסן אין מיליטערישן טריט, ווי וועלנדיק דערמיט אָנזאָגן די געטאָ־איינוווינער, אז ער איז דאָ, א צווייט מאָל פלעגט ער אריין אין געטאָ, קיינער זאָל אים נישט באמערקן, כדי צו קענען אָב־סערווירן דאָס, וואָס איז אים נויטיק געווען. טיילמאָל פלעגט ער קומען צום יידנראַט און אויף דער גאַס, נעבן זיין אויטאָ, זיך פארשטענדיקן מיט דעם סעקרעטאַר יצחק שלאַפּמיץ אָדער מיט דעם פרעזעס נחום לעווין. אַן אנדער מאָל פלעגט ער אומגעריכט אליין אריינגיין אין דער יידישער גמינע.

ווי איז געווען צו א ייד אָדער פּאָליאַק, וואָס איז אריינגעפאלן אין זיין נעץ. ער האָט אים געמאכט פאראנטוואָרטלעך פאר יעדער טעטיקייט פון דער פּוילישער אונטערערדישער באוועגונג אין דעם גאנצן קרייז. צו זיין דיספּאָזיציע האָט ער אויך געהאַט פאָלקס־דייטשקעס פון פּויזנער געגנט, וועלכע האָבן אים געהאָלפן מיט זייער פארעטערישער טעטיקייט.

ווען דער דאָזיקער פארשוין פלעגט כאַפּן יידן אויף די וועגן אויסער דעם געטאָ זוכן א שטיקל ברויט פאר די קינדער, וואָס זענען אויסגעגאנגען אין געטאָ פון הונגער, פלעגט ער זיי ברענגען צו זיך אין שטאָט, דערשיסן, און דעם יידנראַט געלאָזט וויסן, אז מען זאָל קומען אָפּנעמען די „געפאנגענע" יידן...

ער פלעגט צו זיך ארויסרופן אָפט דעם יידישן דאָקטאָר פון געטאָ, לודוויג האַלצער, און קאָנטראָלירן וויפל טויטן־שיינען ער שרייבט אויס א וואָך פאר די אויסשטאַרבנדיקע יידן פון הונגער און עפּידעמיעס.

אָט די דאָזיקע פארשוינען האָבן זיך געלאָזט איבערקויפן און פאר־זיכערט, אז אונדז וועט קיין שלעכטס נישט געשען, זיי האָבן שטענדיק פארזיכערט, אז מיר, אלע יידן פון די דערמאָנטע שטעטלעך, זענען אר־בעטס־נוצלעכע.

אזא איבערקויף־פּאָליטיק איז אָנגעגאנגען, ביז עס האָט זיך אָנגע־הויבן דאָס ארויספירן די יידן פון ווארשעווער געטאָ כלומרשט אויף אר־בעט קיין טרעבלינקע.

אין יולי 1942, ווען אלע יידן־טראַנספּאָרטן זענען פארבייגעפאָרן די באַן־ליניעס סאָקאָלאָוו־קאָסאָוו, ווען צו אונדז האָט אָנגעהויבן דערגיין

דער ריח פון די גאַז־קאַמערן פון דעם טויטן־לאַגער, דאַן האָבן די מערדער גענומען פייערלעך פאַרזיכערן, אַז מען מיינט נישט אונדז יידן פון די שטעטלעך נעבן טרעבלינקע. דער פירער פון טרעבלינקער טויטן־לאַגער, דער שרעקלעכער מערדער זאַגע פלעגט זיך צייט נעמען... און קומען אייניקע מאָל אין וואָך קיין סאָקאָלאָוו צום יידנראַט און פאַרלאַנגען פאַרשידענע מאַטעריאַלן ווי דראָט, טשוועקעס, בלעך, אין לאַגער אַריין און פאַר זיך ווערטפולע חפצים, און פלעגט אונדז שטענדיק ציניש פאַרזיכערן, אַז מיר קענען לעבן רואיק, אונדז וועט קיין שלעכטס נישט געשען, ער האָט דערמיט אויף אַ מערדערלעך ראַפינירטן אופן געוואָלט אָפּנאַרן און פאַרטושן די אויפמערקזאַמקייט פון אונדז צו די שוידערלעכע טויט־קאַמערן, וואָס האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון אונדז.

ספּעציעלע אַגענטן פלעגן אַרומגיין און פאַרשפּרייטן פאַרשידענע ווערסיעס, וואָס האָבן געהאַט איין אינהאַלט: „מיר וועלן בלייבן"...

די פּלענער פון די מערדער האָבן געגעבן די געהעריקע רעזולטאַטן, פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעטלעך האָבן זיי געמאַכט אַ צעברעקלטע מאַסע אָן אַ וועלכן עס איז געמיינשאַפטלעכן דענקען. די שטימונג פון די יידן איז געוואָרן אַ פאַרצווייפלטע, וועלנדיק געפינען אַ שטיקל „טרייסט", האָבן אַ סך אויפגעכאַפּט די דאָזיקע פאַרשפּרייטע פאַלשע ווערסיעס.

אַזוי איז צו יענער צייט פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער קרייץ אין דער שווייץ האָט זיך דערוווּסט וועגן טרעבלינקע און צו וויסן געגעבן דער וועלט און אינטערווענירט ביי היטלערן, און אַז דאָס וועלט־געוויסן איז אויפגעציטערט געוואָרן, און אָט־אָט איז צו דערוואַרטן, אַז די טויט־צוגן וועלן אויפהערן צו לויפן קיין טרעבלינקע.

די דאָזיקע ווערסיעס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן דורך די דייטשן גופא ספּעציעל פאַר די יידן פון די דערמאָנטע שטעטלעך.

אַזוי זענען אַדורך אייניקע מאָנאַטן. דורך דער באַן־ליניע סאָקאָלאָוו־קאָסאָוו פלעגן נישט אויפהערן יעדן טאָג דורכלויפן די טויט־צוגן מיט טויזנטער יידן פון די ווייטסטע געגנטן אין דער ריכטונג פון שוידערלעכן גיהנום טרעבלינקע.

BEKANNTMACHUNG

Mit sofortiger Wirkung

verbiete ich

sämtlichen Reichsdeutschen und Nicht-deutschen, seien es Uniformträger oder Zivilisten,

das **Betreten** des **früheren Ghettos.**

Der Kreishauptmann in Sokolow

Gramss

Sokolow, den 22. September 1942

Bekanntmachung Nr. [illegible]

BEKANNTMACHUNG

Unter Hinweis auf meine Bekanntmachung Nr. 125 bezügl. der Bildung eines jüdischen Wohnbezirkes in Kossow mache ich auf folgendes aufmerksam:

Ab 1. 12. 42 darf keine Dienststelle, kein landwirtschaftlicher oder sonstiger Betrieb, kein Arbeitslager, keine Privatperson mehr einen Juden beschäftigen.

[illegible]

... mit dem Tode bestraft werden.

Sämtliche Dienststellen und Betriebe [illegible] verantwortlich, daß die bisher bei ihnen beschäftigten Juden bis zum 30. 11. 42 in den Judenwohnbezirk Kossow umgesiedelt worden sind.

Anträge auf Genehmigung von Weiterbeschäftigung der Juden sind bei meiner Dienststelle, Zimmer 23 zu stellen.

Der Kreishauptmann in Sokolow

Gramss

Sokolow, den [illegible] November 1942

אַנטי־יידישע געזעצן אין סאָקאָלאָוו

א טאָג אין טרעבלינקע

דורך דער צייט פלעגן צו אונדז דערגיין אַלץ מער ידיעות וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין טרעבלינקע. די יידן האָט אַרומגעכאַפּט אַ האָפענונגסלאָזע פאַרצווייפלונג, אַ שרעקלעכע אַפּאַטיע, אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג. ביי אַזאַ שטימונג האָט די פאַרצווייפלטע מאַסע אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט, וואָס האָט נאָר געקענט אויף אַ מאָמענט פאַרטרייבן די פאַרצווייפלונג, ווייסנדיק אַפילו אַז עס איז ווייט פון אמת, זיך אַליין איינרעדן אפשר... אפשר וועט דאָס אונדז אויסמיידן.

ביז עס איז געקומען ענדע אויגוסט 1942, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך די אויסראָטונג פון די שעדלעצער און לאָשיצער יידן (דרייסיק קילאָמעטער פון אונדז). די דאָזיקע יידן זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך דער סאָקאָלאָווער באַן־סטאַציע קיין טרעבלינקע. די דאָזיקע ידיעה איז אַדורך ווי אַ בליץ איבער די געטאָ־איינוואוינער פון סאָקאָלאָוו. סטיכיש, ספּאָנטאַן, האָבן זיך כמעט אַלע יידן אַרויסגעלאָזט אין די פעלדער און וועלדער, געשטויסן פון אַ שרעקלעכן פּסיכאָז פון גרוילזאַמער שרעק און גרענעצן. בלויז די עלטערע זענען געבליבן און געוואַרט מיט אַ שוידערלעכער גלייכגילטיקייט אויף די מערדער.

איך בין דאַן אַנטלאָפן פון מיין אַרבעטס־לאַגער, כדי זיך צו פאַראייניקן מיט מיינע נאָענטסטע, מיט מיין פרוי און קינד. אָבער איך האָב שוין קיינעם נישט געטראָפן, בלויז עטלעכע שכנים האָב איך געזען, די גרעסטע טייל זענען געלעגן אין די בעטן מיט דער „טרייסט" דערשאָסן צו ווערן אין דער אייגענער היים. ווער עס האָט זיך קראַנק געמאַכט, איז קיין טרעבלינקע נישט געפירט געוואָרן, נאָר אין בעט דערשאָסן געוואָרן.

מיין שווער אברהם יצחק מיעלניק פון קאַליש טרעף איך ליגן אין בעט, אַרומגעוויקלט איבערן לייב מיט די מאַנוסקריפּטן פון זיינס אַ רעליגיעזן ספר, ער זאָגט צו מיר: „מיט דעם וועט מיר זיין לייכטער צו שטאַרבן". ער זאָגט מיר: „אַנטלויף. דו ביסט נאָך יונג, אפשר וועסטו זיך ראַטעווען, „זיי" קענען יעדע מינוט קומען. אין פעלד, אין וואַלד וועסטו געפינען דיין פרוי און קינד".

אויף די אויסגעשטאָרבענע גאַסן פון געטאָ טרעף איך בלויז איינצלנע יידן מיט בלייכע געזיכטער און דערשראָקענע אויגן, באַהערשט פון משוגעת־פּסיכאָז, לויפן זיי פון איין גאַס אויף דער צווייטער. זיי ווייסן

נישט ווי אזוי צו זוכן א רעטונג. יידישע פּאָליציי־לייט דרייען זיך אומ־רואיק ארום דער קהילה, ווו די יידנראטמענער זיצן מיט פארלוירענע קעפּ.

דורך א לאָך אונטער די גטעאָ־דראָטן האָב איך מיך ארויסגעקראָגן, אראָפּגעריסן פון זיך דעם שאנד־צייכן און געלאָזט זיך הינטער דער שטאָט.

אין א פארנאכט, ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן טונקל, האָב איך מיך דורך די קריסטלעכע געסלעך געלאָזט אין פעלד אריין. איך וויל ביי די איינוווינער עפּעס איבערפרעגן: „אנטלויף, אנטלויף!" פאר־יאָגט מען מיך ווי א בין, מ'האָט מורא פאר מיר ווי פאר א ווילד באַ־שעפעניש.

איך לאָז מיך אין דער ריכטונג פון די פעלדער, וואָס געפינען זיך א פּאָר קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. גייענדיק אין דער נאכט־פינסטער־ניש, דערזע איך פארדעכטיקע ליכט־סיגנאלן, איך לויף אויפן פעלד טי־פער, גראָב זיך איין אין א בערגל היי, אין דער שטילקייט פון דער נאכט דערהער איך פארשטיקטע מענטשלעכע געשרייען, און באלד דערנאָך הער איך לויפן אין מיין ריכטונג, איך דערהער געמיינע זידל־ווערטער אין דער פוילישער שפּראך, איינער פרעגט דעם צווייטן:

— האָסט דעם זייגער?

— יאָ.

— דאָס געלט אויך? — דער קרעציקער ייד האָט זיך נאָך געוועהרט...

א קאַלטער שוויים האָט מיך באדעקט, ווען די רויבער זענען פארביי מיר אדורך. און פארשווונדן אין דער נאכט־פינסטערניש.

אויף צומאָרגנס האָבן באקאנטע פּאָליאקן געפונען אין פעלד א צע־שטאָכענעם און בארויבטן דעם סאָקאָלאָווער תבואה־הענדלער מיכולקע.

איך גיי ווייטער אין דער ריכטונג פון נאָענטסטן וואלד און דערזע אין דער פינסטערניש סילועטן פון מענטשלעכע געשטאלטן, וואָס גייען ארום פון א קליין וועלדל. איך ווארף מיך שנעל אויף דער ערד און אָב־סערוויר די ריכטונג, ווו זיי גייען. איך דערהער יידיש רעדן! איך דערנענ־טער זיך צו זיי און דערקען גלייך די צוויי זין פון נפתלי דעם פערד־הענדלער און זייער חבר דעם קצב שטשערב (אלע סאָקאָלאָווער). זיי גייען אוועק פון וואלד אין אן אנדער ריכטונג. זיי לעבן שוין אין וואלד א לענ־גערע צייט. זיי זאָגן צו מיר: דאָס אָרט זעט פאר אונדז אויס צו געפערלעך,

אין די ערטער זענען פאראן צופיל יידן, וואָס בלאָנדזשען ארום אנטלאָפענע פון די שטעטלעך, נישט באוואָפנט, נישט אָרגאניזירט, ארומגערינגלט מיט א שרעקלעך אנטיסעמיטישער באפעלקערונג; זיי ראטן מיר צו גיין אין א צווייטן וואלד, איך צעשייד זיך מיט זיי, מייד אויס דעם וואלד און גיי אין א צווייטער ריכטונג.

איך גיי אין דער פינסטערניש אָן א ציל, אָן א פּלאַן, איך פארליר די אָריענטאציע, ווו איך געפין זיך, איך מייד אויס די פּויערישע קאָלאָניעס, עס זאָל מיך נישט פארראטן דאָס בילן פון די הינט. איך בין אליין, מיט מיר בלויז איז די נאכט־שטילקייט, וואָס ווערט פון צייט צו צייט איבערגעריסן פון הינט־בילן. מיט מיר איז אויך די נאכט־פינסטערניש, וואָס שיצט מיך קעגן די חיות אין מענטשלעכע געשטאלטן. אלץ וואָס איז אויסגעלאָשן פון לעבן, אלץ וואָס באהעפט זיך מיט טויטקייט באגלייט מיך. איך וויל אנטלויפן פון טויט, אָבער ווו געפינט מען א רעטונג צום לעבן?

אזוי פּייניקן מיך די געדאנקען, בעת איך ליג הינטער געדיכטע ביימלעך ביים ראנד פון א וואלד. עס גייט אויף די לבנה נאָך האלבער נאכט, די פינסטערניש פארשווינדט, א שרעק נעמט מיך ארום, אין ליכט האָב איך מורא פאר מיין אייגענעם שאָטן. פּלוצלינג דערהער איך ווי פון א דערנעבנדיק פעלד הייבט זיך אָן ברעכן דאָס טרוקענע היי פון די אויפגעשטעלטע בערגלעך, די העלע נאכט־שטילקייט ווערט איבערגעריסן פון א געדיכט שושקען זיך פון מענטשן און באלד לויפן פארביי מיר דורך שווער סאָפּנדיקע, איינגעבויגענע, א טייל מיט קליינע קינדער אויף די הענט אין דער ריכטונג צום וואלד. איך פארשטיי גלייך, אז דאָס זענען יידן, וואָס זעען פאר זיך א געפאר, איך לויף זיי נאָך. אין וואלד דערקען איך אין זיי סאָקאָלאָווער יידן, גאנצע משפחות, אויך ווענגראָווער ארומבלאָנדזשענדיקע יידן. רוביבער זענען א טייל פון זיי באפאלן. דערפילנדיק פאר זיך א געפאר, זענען זיי ארויס פון די באהעלטענישן און אנטלאָפן אין וואלד, מען צעטיילט זיך אויף קלענערע גרופּן און מען נעכטיקט דורך די נאכט.

אזוי זענען אוועק צוויי וואָכן ביז דער ערשטער העלפט סעפּטעמבער 1942. יעדער טאָג און יעדע נאכט איז געווען א קאמף פאר קענען דורכלעבן דעם טאָג, ווער אין א לאָך אונטער דער ערד, ווער אויף א בוים אין וואלד, ווער אין די בערגלעך היי אין פעלד.

אזוי זענען אוועק טעג און נעכט פארפאָלגט ווערנדיק פון דייטשע זשאנדארמען, פוילישער פּאָליציי, געשיקט אין דער ריכטונג צום וואלד, וווּ די יידן זענען געווען באהאלטן.

אָפּקלאנגען פון מאשין־ביקסן־שאָסן פלעגן אָנזאָגן וועגן די מאסן־קברים פון די ארומבלאָנדזשענדיקע יידן.

צוויי וואָכן זענען אזוי אוועק לעבנדיק אין פעלד און וואלד, נישט זיכער זייענדיק מיטן לעבן, אויסגעהונגערטע, אויסגעמאטערטע, בארויבטע און באליידיקטע, נישט געפינענדיק קיין שוץ אפילו דאָרט, וווּ די טריט פון די מערדער זענען נישט דערגאנגען.

טיף אין די וועלדער האָבן אויך געלעבט געוועזענע רוסישע קריגס־געפאנגענע, אנטלאָפענע פון סובאזעבערער לאגערן (אויפן וועג פון סאָקאָ־לאָוו־שעדלעץ). אין יענער צייט נאָך נישט אָרגאניזירט, נישט באוואָפנט, געלעבט ווי רויבער־באנדעס, אויך די אנטיסעמיטישע אטמאָספער האָט אויף זיי געווירקט, און זיי האָבן אין אונדז געזען נישט מער ווי א פגר, ווי רויב־פייגל צו שטילן זייערע אפעטיטן.

די מערדער, וואָס האָבן שוין געהאט באשטימט א טערמין פון אומ־ברענגען אונדז, איז נאָר נישט געווען באקוועם זייערע קרבנות צו זוכן אין די צעשפּרייטע פעלדער און וועלדער. זיי האָבן געלאָזט וויסן דעם יידנראט און אויסגעדריקט זייער פארוווּנדערונג, פארוואָס מען איז אנט־לאָפן, בעת אונדז דראָט נישט קיין שלעכטס...

האָט מאקע דער יידנראטניק, דער שעף פון ארבעטס־אָפּטיילונג ביים יידנראט קלמן קלין (ראָזען איז זיין ריכטיקער נאָמען), געלאָזט אונדז וויסן דורך פארשידענע אומוועגן, אז מען קען צוריק קומען אין געטאָ. „מען פארלאנגט פון אונדז נישט מער ווי ארבעט"... וועגן דעם זענען די יידן אין פעלד און וואלד געוואָר געוואָרן, און די שוצלאָזע, בארויבטע, פאר־צווייפלטע און מיט טויט־געפאר ארומבלאָנדזשענדיקע יידן האָבן זיך בלינד געלאָזט פארפירן, און בלינד געגלויבט, אפשר... איבעריקנס האָט די אפּאַ־טיע און גלייכגילטיקייט שוין דערגרייכט אזא מדרגה, אז דער ווילן צום לעבן איז אָפּגעשטאָרבן. זאָל זיין וואָס עס וועט זיין — האָבן יידן געזאָגט — און כמעט אלע אנטלאָפענע זענען צוריקגעקומען אין געטאָ אָן שטע־רונג מצד דער מאכט.

גאַנצע מחנות יידן האָבן זיך געמאָלדן פון די פעלדער און וועלדער אויפן רוף פון יידנראַט צו דער ארבעט.

ספּעציעלע דייטשע מיליטערישע וואכן פלעגן קומען אין געטאָ צו נעמען וואָס מער יידן צו אומגוויטיקער ארבעט, ספּעציעל ארויסצורופן דעם גלויבן, אז מען האלט אונדז פאר ארבעטסנוצלעכע.

עס האָט אָבער געשוועבט איבער אונדז דאָס געשפּענסט פון טויט. יעדער מיט זיינע נאָענטסטע קרובים האָבן זיך אין די הייזער געמאכט אונטערערדישע הילן, טאָפּלטע ווענט, טאָפּלטע בוידימער, פארמאסקירטע קעלערס, נישט גלייבנדיק אין די פארזיכערונגען פון די מערדער. אלע יידן האָבן זיך פארצווייפלטערהייט געוואָלט ראטעווען אין מוסטערהאפט אויסגעקלערטע באהעלטענישן.

אזוי איז דאָס לעבן, וואָס איז קיין לעבן נישט געווען, צוגעגאנגען אין כסדרדיק אָפּווארטן, וואָס וועט זיין מיט אונדז? מען פלעגט נעכטיקן פארזאמלט צוזאמען מיט דער נאָענטסטער פאמיליע, און בייטן זיך מיט דער צייט פון שלאָפן, בכדי עס זאָל שטענדיק זיין איין וואכנדיקער אונטערצוהערן יעדן פארדעכטיקן שאָרך, און ביי יעדער אומרואיקייט פון דרויסן פלעגן זיך אלע ארייננלאָזן אין דער באהעלטעניש.

דער געטאָ־קאָמאנדאנט סורדיק, א פּאָליאק פון פּויזנער געגנט (ראַגאָזשנע), פלעגט אונדז נישט קארגן קיין שרעק און אומרואיקייט, ער פלעגט ספּעציעל ארומלויפן גאנצע נעכט אין געטאָ באוואָפנט, שיסן און ווילדעווען אין א שכורן צושטאנד, ציווילע דייטשן פלעגן מאכן רויב־אָנפאלן און געשלעגן אין די נעכט, ספּעציעל מאָראליש צו דערדריקן און ארייננצוווארפן די געפּייניקטע יידן אין א צושטאנד פון דעפּרעסיע און מאכטלאָזיקייט. אזוי האָבן די מערדער געפּייניקט אין טויט־שרעק, און דאָס לעבן האָט זיך געצויגן אין מאטערנישן, אין א ווארטן, וואָס איז נישט געווען קיין טויט און נישט קיין לעבן, ביז עס איז געקומען דער 22סטער סעפּטעמבער 1942.

די מערדער האָבן ספּעציעל אויסגעקליבן די דאטע פון מוצאי יום־כפּור. אין טאָג פון יום־כפּור זענען זיך די יידן אין געטאָ צונויפגעקומען אין די שטיבלעך דאווענען (פון אונדזער לאגער האָט מען אלע צום דאווענען געשיקט...). עס איז שווער צו שילדערן דאָס בילד, ווי עס האָט אויסגעזען

כיים דאוונען. דאָס גאנצע יום־כפורדיקייט האָט זיך צעגאָסן אויף יעדן איינעם. יונגעליים, וואָס זענען פרעמד געווען פון רעליגיעזן לעבן, זענען אויך געקומען דאוונען, געשטויסן פון אן אינערלעך געפיל, אפשר איז דאָס שוין דאָס לעצטע מאָל, טאָ זאָל מען נאָך מיט יידן זיין צוזאמען ביי די תפילות, וואָס האָבן אויסגעזען ווי א ודוי אין די לעצטע מינוטן פון לעבן.

שטייט דער אלטער סאָקאָלאָווער בעל־תפילה ישראל הענעך ביים עמוד און וויינט און שרייט, און רופט צו גאָט, ווי ער וואָלט געוואָלט ביי גאָט די שרעקלעכע גזירה אָפּשרייען. דער געשטאפּאָ־מערדער ד״ר הערמאן מיטן געטאָ־קאָמאנדאנט סורדיק זענען אין דער צייט ארומגעגאנגען אין געטאָ, ציניש גיריגע נאָך יידיש בלוט, געשמייכלט פון די יידישע רחמים־געבעטן, וואָס זענען שוין נישט געווען מער ווי א ודוי אין די לעצטע שעהן פון לעבן. ביינאכט נאָכן דאוונען, ווי דער יידישער שטייגער נאָכן תענית, האָבן אויך יידן נישט פארגעסן צו טרינקען לחיים. אָבער שוין דאָס לעצטע מאָל, נישט ווויסנדיק אז עס וואַרטן שוין א פּאָר שעה שפּעטער אויף זיי אָבטיילונגען פון ס.ס., אוקראַינער, ליטווינער און לעטן דורכצופירן דעם שוידערלעך־צוגעגרייטן מאָרד־פּלאַן.

II

די פארניכטונג

צומאָרגנס נאָך יום־כפור, 5 אזייגער פרי, זענען מיר אין אונדזער לאגער נעבן דער שטאָט דערציטערט געוואָרן פון א מוראדיקער שיסעריי ארום געטאָ. דריי שעה האָט געדויערט אַן אומאויפהערלעך שיסן, 8 אינ־דערפרי זענען די מערדער ארייגעדרונגען אין געטאָ, באוואָפנט מיט האנט־גראַנאַטן, מיט מאשין און האנט־ביקסן, כדי צו באזייטיקן די יידן פון די באהעלטענישן.

מיט דער הילף פון מוראדיקע אויפרייסן, פון שרעקלעכסטן טעראָר, ווי אויך מיט דער הילף פון א טייל יידישער פּאָליציי, וואָס האָבן געוואָלט זייער לעבן ראטעווען דורך א צווייטנס טויט, איז די מערדער געלונגען דעם ערשטן טאָג צונויפצוזאמלען אויפן שול־פּלאַץ כמעט א העלפט יידן פון די באהעלטענישן, און פון דאָרט טרייבן צו דער באן אין א ספּעציעל צוגעגרייטן צוג קיין טרעבלינקע.

שווידערלעך איז געווען דאָס בילד פון טרייבן די ערשטע פיר טויזנט יידן אין זייער לעצטן וועג. פיר טויזנט יידן, געטריבן ווי סטאדעס בהמות מיט שנעלע טריט, געיאָגט פון באוואָפנטע מערדער. יעדע פּאָר טריט — א מערדער מיט אַן אויסגעשטעלטן אויטאָמאט גלייך צום שיסן. א שווארצער וואָלקן פון שטויב האָט באַדעקט די שנעל געטריבענע מענער, פרויען און קינדער; יונג און אלט, אלע זענען געגאנגען צונויפגעגאָסן, צוזאמענגע־דריקט, געברידערט זיך אין לעצטן וועג, גאנצע משפחות זענען געגאנגען אונטער די הענט צוזאמענגעשלאָסן. שטום, אָן לשון זענען די דאָזיקע מענטשן געגאנגען זייער לעצטן וועג, ווי זיי וואָלטן מיט זייער שווייגן געוואָלט אויסדריקן זייער עקל קעגן דעם שרעקלעכסטן פון שרעקלעכן,

קעגן דעם בארבאריזם, קעגן דעם גרויל, וואָס די מענטשלעכע געשיכטע האָט נישט געקענט ביז איצט.

מוטערס האָבן געטראָגן אויף זייערע הענט פּיצלעך זויג־קינדער און פאַרשטאָפּט די מײַלעכלעך פון די וויינענדיקע קינדער מיט זייערע ליידיקע בריסטן, אַז די קינדער זאָלן נישט שטערן און נישט איבעררייסן די שטיל־קייט פון דעם טרויעריקן מאַרש צום טויט.

מענער טראָגן זייערע קינדער און שלעפּן מיט זייערע האַלב פאַר־הלשטע פרויען, וואָס קענען שוין מער נישט טראָגן אין זייערע הענט דעם לעצטן מאָל זייערע קינדער; אַ גאַלאָפּ־מאַרש צום טויט. ווי אַלע וואָלטן זיך געאײַלט שנעלער צום אומקומען! ווי זיי וואָלטן שוין געוואָלט שנעלער אַנטלויפן פון דער נידערטרעכטיקער וועלט, וואָס האָט דערלאָזט צו אַזאַ שרעקלעך פאַרברעכן קעגן אומשולדיקע מענטשן. פון די זייטן שטייען די אַריער, די פרומע קאַטאָליקן און קוקן זיך גלייכגילטיק צו צום דאָזיקן טויט־מאַרש.

צווישן די לעצטע געטריבענע לויפט נאָך אַן אַלטע פרוי מיט איין פוס, אונטערגעשפּאַרט אויף צוויי קוליעס, לויפט נאָך ווילד, מיט אַלע כוחות געטראָגן פון די צוויי העלצער, ווי זי וואָלט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט אַלע יידן און אומקומען צוזאַמען מיט זיי. אירע כוחות גייען אויס און זי פאַלט אַ דערשאָסענע לענגאויס אונדזערע לאַגער־דראָטן.

די לעצטע גייען יונגע ליטווינער, מערדער, וואָס שיסן אין די אַלע יידן, וואָס קענען שוין נישט מיטמאַכן דעם שנעלן מאַרש. דער וועג איז באַדעקט געוואָרן מיט אַזעלכע דערשאָסענע.

עס איז איבעריק צו שילדערן, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט הינטער די דראָטן, צוזעענדיק דעם דאָזיקן שוידערלעכן טויט־מאַרש, ווו יעדער האָט זיינע נאָענטע קרובים געזען צום לעצטן מאָל. ווער אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ פרוי, אַ קינד און טאַטע־מאַמע.

די מערדער האָבן געהאַט אַ גאַנץ גענויע רשימה פון די אַלע יידן וואָס האָבן געדאַרפט דורך זיי פאַרניכטעט ווערן, יעדער וואַגאָן איז געווען גענוי געציילט, וויפל יידן עס גייען אין אים אַריין, און לויט דער רשימה האָבן זיי גענוי געוווּסט וויפל נאָך צו זוכן אין די באַהעלטענישן.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט די נאָך באַהאַלטענע יידן, וואָס

האָט געדויערט איבער 10 טעג. אלע אונטערערדישע און אנדערע באַ־העלטעגישן זענען אָבסערווירט געוואָרן דורך ספעציעלע מערדער, וואָס האָבן שוין געהאַט דערפאַרונג ביים אומברענגען יידן אין אנדערע שטעט און שטעטלעך. אממיינסטן פלעגן פאַרראַטן די קליינע קינדער מיט זייער פאַרשטיקט געוויין. עס זענען געווען פיל פאַלן ווען אין מאָמענטן פון שרעק, אויסגעמישט מיט משוגעת, האָבן פאָטערלעכע הענט דערשטיקט זייערע קינדער, כדי נישט פאַרראַטן צו ווערן.

די יידן, וועלכע זענען אנטדעקט געוואָרן די ערשטע פּאָר טעג פון דער פאַרניכטונג, פלעגן די מערדער דערשיסן אין מאַסן־קברים אין געטאָ. אזעלכע מאַסן־קברים געפינען זיך אין סאָקאָלאָוו אייניקע.

ביי אזא מאַסן־קבר האָב איך געזען אויספירן די שוידערלעכע מאַסן־דערשיסונגען מיט א פולקאָמער גלייכגילטיקייט מצד די מערדער.

געווען איז דאָס אזוי. איך מיט נאָך א גרופּע אַרבעטער פון אונדזער לאַגער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די ברידער ישראל און הערשל גרינבערג, משה קרייטמאַן, שלמה גאָלדוואַסער, זענען געשיקט געוואָרן אַרבעטן אין א מיל, וואָס איז געווען דאַן פאַרוואַנדלט אין א מיליטערישן מאַגאַזין. די מיל איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון די געטאָ־דראָטן אן ערך הונדערט מעטער. נישט ווייט פון די דראָטן אין געטאָ, אויף א גרעסערן פּלאַץ, זענען פאָרגעקומען די שוידערלעכע אויסשיסונגען ביי דעם מאַסן־קבר, מען האָט געקענט אלץ גענוי זען. דאָס איז געווען אין 4טן טאָג פון דער פאַרניכטונג.

דער שוין דערמאָנטער קלמן קלין איז געשטאַנען מיט א פאַפּיר אין די הענט און געשריבן, ווער עס ווערט אלץ דערשאָסן און באַמיט זיך צו דערקענען די אָראָפּגעבערענגטע טויטע קערפּערס פון די הייזער, וואָס זענען שוין דאָרט א פּאָר טעג געלעגן.

א הימל שרייענדיקער מאָרד־טאַט איז דאָרט געוואָרן אויסגעפירט. איין שאָס האָט געמוזט טויטן צוערשט איין ייד, און דאַן צו 2, 3, 4, 5, עס איז אויך געווען צו זען, ווי די בעסטיאַלישע מערדער האָבן אויסגע־שטעלט צו 10 מענטשן און פון איין שאָס האָבן אלע געדאַרפט געטויט ווערן. אזוי ווי דאָס איז אוממעגלעך געווען, האָבן די לעבנגעבליבענע פון דעם איינציקן שאָס געמוזט פאַרשאָטן ווערן לעבעדיקערהייט. נישט וועלכ־

דיק באגראָבן ווערן לעבעדיק, האָט זיך יעדער געריסן צו זיין פון די ערשטע, אז די קויל זאָל אים דורכלעכערן. גאנצע פאמיליעס האָט מען געטריבן האלב־פארחלשטע, איינער האלטנדיק זיך פארן צווייטן אויף צו קענען נאָך דערגיין ביז דעם אָרט פון מאסן־קבר. טאטעס און מאמעס פארדעקן די פנימער פון זייערע קינדער, אז זיי זאָלן נישט זען פארן טויט די האַרץ־רייסנדיקע סצענעס.

א יונג מיידל דערקענט אין א יידישן פּאָליציאנט איר געליבטן, ביי וועלכן זי בעט הילף. מערדערישע הענט שליידערן זי שנעל אריין אין גרוב.

צווישן די טרייבנדיקע האָבן אויך נישט געפעלט קיין יידישע פּאָ־ליציי־לייט, צו שאנד זאָלן דערמאָנט ווערן זייערע נעמען. דאָס זענען געווען די יידישע פּאָליציאנטן: משה וואלנאוויטש, שפיגעלמאן, שעפּסל ראָזענ־בערג (אלע סאָקאָלאָווער), פּרענקעל (געשטאמט פון קאָוונע), ארבוז (א קאלישער), יאנקל פּארבשטיין און נאָך אנדערע, וועלכע איך האָב נישט געקענט געננוי דערקענען. א טייל יידישע פּאָליציי און א טייל באגרעבער האָבן געמוזט שטיין און צוקוקן ווי זייערע נאָענטסטע קרובים ווערן קאלט־בלוטיק געטויט.

אין די לעצטע פּאָר טעג פון דער פארניכטונג. זענען א סך יידן אליין ארוים פון די באהעלטענישן זיך איבערגעבן אין די הענט פון די מערדער, דערשעפּטע פון הונגער, האלב בלינדע פון ליגן אין דער שטענדיקער פינס־טערניש, פארשטונקענע פון דער מענטשלעכער אומריינקייט, פארעפּושט פון די געשטאָרבענע. די כסדרדיקע טויט־שרעק האָט זיי דערפירט צו דער העכסטער מאָס פון רעזיגנאציע, אויסגעמישט מיט משוגעת. אָט די מענטשן, וואָס זענען שוין קיין מענטשן נישט געווען, האָבן שוין געוואָלט בעסער טרעבלינקע, איידער א לאנגזאמען אומפארמיידלעכן טויט אין די אונטער־ערדישע היילן און אין אנדערע באהעלטענישן. זיי זענען געזאמלט געוואָרן צו איינציקע הונדערט און ווען עס פלעגט אדורך א צוג מיט יידן קיין טרעב־לינקע, פלעגן אויך די רעשטלעך סאָקאָלאָווער יידן מיטגעשיקט ווערן.

אין דער צייט איז דער פירער פון טרעבלינקער טויטן־לאגער, זאגט, ארומגעפאָרן איבער אלע שטעטלעך ארום טרעבלינקע און קאָנטראָלירט ווי די פארניכטונג גייט צו, אמלענגסטן האָט ער פארבראכט אין סאָקאָ־

לאָוו. דעם לעצטן שאָס האָט ער געגעבן צום פּרעזעס פון יודנראַט, נחום לעווין, נאָכן אויסנוצן אים צו דער פאַרניכטונג.

אין די לעצטע פּאָר טעג האָבן אַקטיוו אַנטייל גענומען אין דער פאַר־ניכטונג די פּוילישע פּאָליציי מיטן קאָמענדאַנט אַנטאָניעוויטש בראש, דייט־טשע זשאַנדאַרמען און מיליטערלייט. עס האָבן אויך אַנטיילגענומען פיל ציוויל־באַאַמטע דייטשן מיט דעם מאַגיסטראַט־באַאַמטן ברינינג בראש.

ווען אין איין טייל פון דער שטאָט האָט זיך געגאָסן יידיש בלוט, ווען דאָס יידישע בלוט איז נאָך נישט פאַרטרוקנט געוואָרן אונטער דער ברענענדיקער זון, איז אין דער אַרישער זייט דאָס לעבן געפלאָסן נאָרמאַל. פּויערים זענען געקומען פון די דערפער פאַרקויפן די תבואה אויף די מערק, איינקויפן אין די פּוילישע קלייטן, הענדלער פון טישלעך מיט שפּילצייג פאַר קינדער אויפן מארק רעקלאַמירן זייער סחורה, מען האַנדלט און מען לעבט ווי קיינמאָל גאָרנישט.

די שאָסן און גראַנאַט־אויפרייסן האָבן קיינעם פון זיי נישט געקי־מערט. די שאָסן האָבן פאַר פיל אַריער אָנגעזאָגט, אַז עס בלייבט שוין קיינער נישט, כדי שפּעטער זיך צו מאַנען דאָס צוגערויבטע פאַרמעגן פון די געפייניקטע יידן. בלויז אין די נעכט האָט זיי אַביסל געשטערט, די שאָסן און גראַנאַט־אויפרייסן האָבן זיי נישט געלאָזט רואיק שלאָפן. די פרומע קאַטאָליקן פלעגן זיך דערויף באַקלאָגן...

מיט א פּאָר טעג שפּעטער נאָך דער פאַרניכטונג האָבן די פּאָליאַקן גענאָסן פון א ביליקן אויספאַרקויף פון די מלבושים, מעבל, געשיר, בעט־געוואַנט, דער דראַנג צו דעם איז געווען זייער גרויס. פּויערים פון דאָרף האָבן געמאָנט פאַר זיך דאָס ערשטע רעכט צוליבן פּינקטלעכן צושטעלן די קאָנטינגענטן תבואה. שטאָטישע פּאָליאַקן האָבן אויסגענוצט זייער פּראָטעקציע ביי די מערדער אַריינצוקריגן זיך פריער אין דעם אויסגע־שטאָרבענעם געטאָ, בכדי צו זיין די ערשטע אויסצוקלייבן זיך א בעסערן רויב. געווען אַזעלכע יחידים, וואָס האָבן קיין געדולד נישט געהאַט אָפּ־צוּוואַרטן אויף דעם רעכט פון אַריינטריט אין געטאָ און זענען דאָרט דער־שאָסן געוואָרן צוליב עובר זיין אויפן פאַרבאָט.

ווי איז געווען צו די פּאָליאַקן, וואָס עס איז זיי צוגעטיילט געוואָרן פאַרבלוטיקטע מלבושים אָדער בעטגעוואַנט, און די דאָזיקע בלוט־פלעקן

איז זײ געװען שװער צו דערװאַשן. אָדער אַזעלכע װאָס האָבן אָנגעטראָפן אױף דורכגעשאָסענע מעבל פון מערדערישע קױלן. גליקלעך זענען געװען די, װאָס האָבן אין מלבושים און בעטגעװאַנט געפונען באַהאַלטן געלט אָדער אַנדערע װערט־זאַכן.

אין אונדזער לאַגער, װוּ קײן באַפעל אונדז צו פאַרניכטן איז נאָך נישט געװען, פלעגן זיך אַנדערע מערדער אין דער פרײַער צײַט אַביסל לוסטיק מאַכן און אָנפאַלן אױף אונדז. בײַ אַזעלכע אָנפאַלן איז אומגעקומען דער לאָדזשער ייִדישער שילער הערשעק בוב. ער איז געפאַלן נעבן די לאַגער־דראָטן אַנטקעגן אַ פױערישער כאַטקע און די פױערים האָבן זײַנע מלבושים אַראָפּגענומען און באַגראָבן אים נעבן זײער כאַטע; עס איז אױך געפאַלן דער סאָקאָלאָװער יוגנטלעכער אַרלאָװסקי, װאָס איז אַרױסגעשפּרונגען פון צוג קײן טרעבלינקע און זיך אױסבאַהאַלטן בײַ אונדז אין לאַגער. דער װאַרשעװער ייִדישער שילער יצחק גאָלדװאַסער (זײַן ברודער שלמה, װאָס איז דאַן ניצול געװאָרן, איז געלאָפן אים געבן הילף, אױך ער איז שױן געװען נאַקעט, זײַנע מלבושים האָט מען שױן געהאַט פון אים אַראָפּגעשלעפּט) און נאָך אַנדערע. בלױז אַדאַנק אונדזער שטענדיקן זײַן אױף דער װאַך און דער גוטער געהײמער באַהעלטעניש האָבן מיר פאַרלױפיק אױסגעמיטן דעם טױט.

מיט צען טעג שפּעטער בין איך צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדן פון דאָזיקן לאַגער געשיקט געװאָרן קײן טרעבלינקע.

III

איבער פעלדער און וועלדער

אין די אומרואיקע טעג פון סוף אויגוסט 1942, ווען די יידן פון די שטעטלעך נעבן טרעבלינקע זענען זיך צעלאָפן אין די פעלדער און וועלדער, דערפילנדיק, אז די ריי פון פארניכטונג קומט אויך צו זיי.

צווישן די אנטלאָפענע בין איך אויך געווען, און געוואנדערט דורך וועגן און שטעגן, דורך וועלדער און פעלדער און געזוכט מיין פרוי און 4־חדשימדיק קינד, וועלכע איז אנטלאָפן דורך אנדערע וועגן, נישט זייענדיק דאן צוזאמען מיט מיר. דער געדאנק, אז זי איז איינזאם און הילפלאָז מיט דעם קליינעם עופהלע, האָט מיך געפייניקט און געמאטערט. איך האָב מיך נישט געקענט בארואיקן און לעבן מיט דעם געדאנק, אז איך זאָל זוכן שוין נאָר פאר מיר אליין. צוזאמען איז דאָך גרינגער אריבערצוטראָגן די גרעסטע ליידן. אָבער ווי אזוי געפינט מען זי אין אזא צייט, ווען א ייד האָט זיך נאָר געקענט באווייזן אין דער נאכט־פינסטערניש? ווי אזוי שטעלט מען זיך איין צו וואנדערן בייטאָג, ווען אזוי פיל אויגן לויערן אויף א ייד?

א דערשלאָגענער שלעפ איך מיך איינמאָל איבער די פעלדער, ווו איך דערזע פון דערווייטנס נעבן א קאָלאָניע א פויערישע פאמיליע, וואָס גראָבט אין פעלד קארטאָפל. איך דערנענטער זיך צו זיי און לייג פאָר מיין הילף ביי דער ארבעט פאר א שטיקל ברויט אָדער אפשר א נאכט איבערצונעכטיקן. אַן עלטערער פויער איבער די פופציקער מיטן נאָמען פּאיקע, מיט איין האנט א פּאראַליזירטע, שלעפט מיט דער צווייטער געזונטער האנט א קויש קארטאָפל און בלייבט שטיין ביי א האלב שוין אָנגעפילטן זאק, וואָס שטייט אויף דער צעגראָבענער ערד. דער פויער דערקענט אין מיר אַן ארומבלאָנדזשענדיקן ייד און פרעגט מיך, פון וועלכן שטעטל איך בין. איך זאָג אים, אז איך בין א סאָקאָלאָווער.

מיט אים זענען דאָ זיינע צוויי זין, מאַריאַן און סטאַך: דער עלטערער מאַריאַן, אַ שיינער יונגער פויער, מיט העל בלאָנדע האָר, וואָס זענען אַביסל צעשויבערט פון דער אַרבעט, מיט אַ פּאָר מילדע בלויע אויגן, נישט אַזעלכע אויגן וואָס מען פלעגט זען ביי אַנדערע אין זיינע יאָרן, ווען זיי פלעגן באַגעגענען אין פעלד אַ ייד.

דער יינגערער סטאַך, אַ דיקער מיט אַן אָנגעפּויִשט פּנים, אונטער די באַקן אויפן האַלז שקראָפל צייכנס. מיט אַ בייזן אויסזען — ביידע ברידער ליינען אַוועק די גראָב־אייזנס, הייבן אָן פאַרדרייען סיגאַרעטן פון היימיש פויערישן גרינעם טאַבאַק און קומען הערן, וואָס איך פאַרלאַנג פון זייער פאָטער. ביידע זין הערן זיך צו, וואָס זייער פאָטער פרעגט מיך אויס אויף זיינע באַקאַנטע יידישע קרעמער, שניידער און שוסטער, פון וועלכע ער טראָגט נאָך אָט די הויזן ביי דער אַרבעט, און פון דעם שוסטער, וואָס האָט געוווינט אין קליינעם מאַרק, טראָגט ער אַלע זונטיק זיינע יום־טוב שטיוול אין קלויסטער.

די אַלטע פויערטע, דאָס ווייב פון פּאַיקע, רייסט אויך איבער איר אַרבעט און בלייבט אויף די קני שטיין אין דער זעלבער פּאָזע ווי ביים גראָבן די קאַרטאָפל, אונטערגעשפּאַרט אויף דעם גראָב־אייזן און הערט זיך אויך צו ווי איך דערצייל זיי, פאַרוואָס די יידן זענען זיך צעלאָפן פון די שטעטלעך. די פויערים דערציילן מיר טאַקע, אַז מען האָט געזען איבער די פעלדער פיל יידן אַרומבלאָנדזשען, אָבער איצט זעט מען זיי זעלטן בייטאָג. מערסטנטייל קומען זיי ביינאַכט און בעטן עסן. דער פויער וווּנדערט זיך, וואָס קיינער פון זיינע באַקאַנטע יידן קומט נישט צו אים, ווייל ער וואָלט זיי גערן געגעבן הילף. דאָס מאַכט מיר היימלעכער אויפן האַרצן און איך דערפיל, אַז איך האָב אָנגעטראָפן אויף גוטע מענטשן.

דער פויער ווייזט מיר אויף זיין קראַנקער האַנט און זאָגט מיר: „דאָס האָבן מיר אויך די הינטישע זין (די דייטשן) געמאַכט". ער דערציילט מיר, ווי זיי האָבן אים אַמאָל געפאַנגען אין שטאָט מיט פערד און וואָגן און אים מיט נאָך אַנדערע פאַרשלעפּט הינטערן פראָנט אין רוסלאַנד צווישן מינסק און סמאָלענסק, וווּ ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן פון אַ שפּליטער אין האַנט, און פון דאָרט אַנטלאָפן איבערלאָזנדיק פערד און וואָגן. איצט מוז די אָרימע פויערישע משפחה אויסבאָרגן זיך פערד ביי באַ־

קאנטע פויערים אויף טאָגלוין. פון א קריגל, וואָס שטייט הינטער א בערגל אײנגעדארטע קארטאָפל צווייגן, גיסט מען מיר אָן א טעפּל מילך מיט ברויט און איך שטיל דערמיט מיין שטארקן הונגער. דער פּויער לייגט מיר דערנאָך פאָר, איך זאָל גיין מיט איינעם פון זיינע זין צו די דערביי־איקע קאָלאָניעס, ווו ער וועט מיר געבן אָן אָרט זיך צו באהאלטן.

איך לאָז מיך פירן פון דעם יונגן פּויער א געריטער פון ד ע ר ה י ל ף, וו אָ ס ע ס ג י ב ן מ י ר ד י ג ו ט ע מ ע נ ט ש ן פ ו ן ד ע ר פּ ו י ע ר י ש ע ר פ א מ י ל י ע. צווישן פעלדער, אָפּגעשניטענע פון תבואה־זאנגען, וואָס ווערן איצט ווידער צעאקערט און גרינע לאָנקעס גראָז, וואָס ווערט געשניטן דאָס צווייטע מאָל אין דעם זו־מער, נישט ווייט פון א קליין שטייענדיק וואסער, ווו די בהמות, וואָס פּאשען זיך אין פעלד, טוען זיך אָנטרינקען, שטייט אַן אָרים פּויערישע כאטקע, וועלכע איז צוזאמען געבויט מיט א שייער, האלב אָנגעפילט מיט תבואה סנאָפּעס. אויך דער צווייטער בוידעם פון דער כאטקע איז האלב אָנגעפילט מיט פריש געשניטן טרוקענעם היי. אויף דעם שייער־בוידעם מאכט מיר דער יונגער סטאַך א נעסט ווו זיך צו באהאלטן.

דורך די ברייטע שפּארעס פון דער בוידעם־וואנט זע איך א דערנע־בנדיקן וואלד, וואָס שאָטנט מיט זיין געדיכטקייט אונטער דער שפּעט זומערדיקער הייסער זון. פון דעם געדיכטן וואלד ביים ראנד זעען זיך ארויס ווייס זילבערנע בעריאָזענע ביימער.

אין דעם דאָזיקן שייער שמעקט פון דער פריש געשניטענער תבואה, עס שמעקט דאָס פרישע היי און איך פיל מיך אזוי גוט פון דעם מענטש־לעכן מיטגעפיל מצד די פויערים, וואָס לאָזן מיך מיינע מידע גלידער אויסרוען. כאָטש איך בין אזוי טויט מיד, לאָזן מיך מיינע פארשידענע געדאנקען נישט איינשלאָפן, עס שרעקט מיך דאָס כסדרדיקע בילן פון הונט, אפשר גייט ווער זוכן א באהאלטענעם ייד, דעריבער צעבילן זיך אזוי די הינט? צעלויפן זיך די פּאשענדיקע בהמות אויף די דערבייאיקע לאָנקעס, מיין איך, אז מען יאָגט נאָך באהאלטענע יידן... איך קוק אלע מאָל ארויס דורך די שפּארעס און עס שרעקט מיך, טאָמער זעט מען מיך פון די שכנותדיקע קאָלאָניעס... אָבער קיינער זעט מיך נישט און קיינער זוכט מיך נישט אין באהאלטענעם לאָך צווישן דעם שטרוי. און דאָך קען

איך רואיק נישט איינליגן, עס פייניקט מיך נאָר איין געדאנק, איך מוז געפינען מיין ארומבלאָנדזשענדיקע פרוי און קינד. זיי ווארטן זיכער אויף מיין הילף. דאָ אין דעם נעסט, צווישן די שטרויענע בינטלעך, וואָלטן מיר צוזאמען זיך געקענט אויסבאהאלטן פון די מערדער.

מיינע אויגן פארקוקן זיך שטארק אויפן צווייטן בוידעם פון דער כאטקע, דאָרט הענגען אויסגעצויגענע שטריק, אויף די שטריק הענגט די גאנצע אָרימקייט פון דער פויערישער פאמיליע.

פלוצלינג פאלט מיר איין א געדאנק זיך איבערצוטאָן, איבעראנ־דערשן מיין קליידונג, מאכן זיך פארענדערט מיט נישט קיין יידישן אויס־זען, און אזוי וואנדערן ביז איך וועל זיך נישט דערפרעגן אויף מיין פרוי און קינד.

אזוי טראכטנדיק, דערפיל איך א שטארקע מידקייט אין מיינע גלי־דער און פאל ארײן אין א טיפן, מידן שלאָף.

אין שלאָף חלומט זיך מיר מיין אויסזען אלס איבערגעטוענער קריסט, מיט פארבויגענע גראָבע פויערישע הויזן, מיט א פויעריש העמד און קראגן וואָס איז מער געל ווי ווייס, מיט אן אָפּגעבלאָקעוועט דאָרפיש רעקל, א גראנאט היטל און איך לויף באָרוויס פון דאָרף צו דאָרף, פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע, איבער פעלדער און וועלדער, און פרעג זיך נאָך אויף מיין פרוי און קינד.

פלוצלינג דערזע איך נאָענטע מחנות געטריבענע יידן, געטריבן פון שלעכטע פויערים און דייטשיש מיליטער, און צווישן די מחנות געטרי־בענע זע איך מיין פרוי און קינד, וועלכע ווערן געטריבן קיין טרעבלינקע. איך הייב מיך אָן רייסן צו דער מחנה יידן, פון וועלכע איך וויל מיין פרוי און קינד באפרייען, אָבער מען פאריאָגט מיך, און מען שלאָגט מיך, ווייל איך וויל אלס קריסט צו הילף קומען די יידן.

איך אמפּער זיך מיט די, וואָס לאָזן מיך נישט צו, און קעמף זיך אדורכצורייסן צו דער מחנה יידן, אונטער די קלעפּ פון ביקסן־קאָלבן און נאַגייקעס. אזוי אמפּערנדיק זיך, דערפיל איך מיך אָן אויסגעווייקטער אין קאלטן שווייס, ארום מיר איז א שטארקע פינסטערניש, איך בין צעטומלט, איך ווייס נישט, ווו איך געפין זיך, עס איז מיר שווער זיך צו אָריענטירן, אָדער שלאָף איך נאָך און האלט די אויגן פארמאכט, ערשט נישט לאנג

נאַצישע זעלנער איזדעקעווען זיך איבער יידן

ר׳ שכנא רובינשטיין, ר׳ הערש־מענדל סאפירשטיין און א פולטוסקער ייד

איז דאָך נאָך טאָג געווען. די שלייפן האקן מיר פון קאָפ־שמערצן, מיר איז קאַלט און שלעכט אויפן הארצן, פיינפולע געפילן באהערשן מיך.

עס מאכן מיך מער וואכנדיק די באוועגונגען פון דער פויערישער משפחה אונטן. איך קען זיך נישט אָריענטירן, ווי לאנג זיי זענען שוין דאָ פון פעלד.

אזוי א צעטומלטער, דערהער איך ווי עס קריכט ווער אויפן לייטער צום אָרט, וווּ איך געפין זיך. דאָס קומט מיך סטאַך וועקן צום אָוונט־ברויט.

פאר דער כאטע שטייט דער אלטער פאיקע און גיט אכטונג, צי עס גייט נישט קיינער פון די שכנותדיקע קאָלאָניעס צו אים. עס טאָר קיינער נישט וויסן, אז ער באהאלט אוים א ייד. ער שטייט אזוי לאנג, ווילאנג עס דויערט מיין עסן מיט דער משפחה.

אין מיטן פון דער האלב־פינסטערער כאטקע, באלויכטן פון א נאפט־לעמפל, וואָס געפינט זיך אין לאָך פון באק־אויוון, שטייט א נידעריק רונד טישל, שיעור אזוי גרויס ווי די שיסל וואָס איז פול מיט קארטאָפל, באגאָסן מיט מילך, און מיר עסן אלע צוזאמען פון דער שיסל ארויס. די איינציקע טאָכטער זייערע, מיט א קרענקלעכן אויסזען, טראָגט א טיכל אויפן האלדז, וואָס פארדעקט אירע סקראפול־ווונדן, שטייט קניענדיק אין א ווינקל אנט־קעגן א הייליק בילד, מיט די הענט פלאך צוזאמענגעדריקט איבער דער ברוסט און איז פארטיפט אין א נאכט־תפילה.

די אלטע פויערטע דערציילט, אז אין די הייליקע ביכער שטייט גע־שריבן, אז עס וועט אמאָל זיין א קריג און ס'וועלן אומקומען אזוי פיל מענטשן, אז נאָך דעם קריג וועט איין לעבנגעבליבענער דעם צווייטן זוכן אין ווייטע געגנטן.

— היטלער —זאָגט זי— פארניכטעט היינט די יידן און מאָרגן די פאָליאקן. דעם גאנצן קריג פון מענטשן־פארניכטונג זעט די אלטע פויערטע נאָר אין פוילן. ווען מיר ענדיקן דאָס עסן און קלייבן זיך ארויס־צוגיין אין דרויסן, בלייבט דאָס יונגע פויערישע מיידל נאָך אלץ פארטיפט אין אירע נאכט־תפילות.

פאר דער כאטקע רעד איך מיך אדורך מיט די פויערים. איך לייג זיי פאָר, זיי זאָלן מיר דערלויבן איבערצוטאָן זיך אין זייערע מלבושים, ביז וואנען איך וועל נישט געפינען מיין פרוי און קינד. די גוטע מענטשן

דערלויבן מיר און זענען מסכים, אז איך זאָל מיט איר קומען און זיין אַזוי לאַנג, ביז די לאַגע אין שטעטל וועט קלאָר ווערן. אויף צו מאָרגן פרי טו איך מיך איבער אַזוי ווי איך האָב זיך געזען אין חלום אין פּויערישע קליידער, באָרוויס, מיט די שיך צוזאַמענגעבונדן אויף אַ שטעקן, וואָס איך טראָג אויף מיין אַקסל. מיט אָנגעפּילטע טאַשן מיט ברויט פאַרלאָז איך די פּויערישע כאַטקע און לאָז מיך ווידער אין מיין וואַנדער־וועג.

דעם קאַלטן פרימאָרגן דערפיל איך גלייך אין מיינע באָרוויסע פיס, וועלכע ווערן נאַס פון דעם מאָרגן־טוי, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער די גרינע פעלדער.

צוזאַמען מיט דער אויפגייענדיקער זון לאָזן זיך די פּויערים פון די אַרומיקע קאָלאָניעס אויף זייערע פורלעך צו די נאָענטע פעלדער, פון דערוויטנס טרייבט אַ פּויעריש יינגל אויף פּאַשע בהמות, וועלכע באַגריסן דעם פרימאָרגן מיט אַ ברומען, וואָס צעהילכט זיך אין דער פּוסטער אַרומיקייט.

אויף אַ וועגל, וואָס צעשניידט די גרינע פעלדער, לאָז איך זיך אין דער ריכטונג, וואָס פירט צו אַ דאָרף.

איך גיי, נישט ווייסנדיק ווו עס איז דער ציל, אז איך זאָל זיך קענען טרעפן מיט מיין פרוי. איך בין אָבער באַהערשט פון אַ געפיל, אַז אַ צופאַל וועט מיך מיט איר צוזאַמענברענגען. איך גיי מיט דער זיכערקייט, אַז די פּויערישע קליידער וועלן מיך שיצן קעגן די, וואָס פאַרפאָלגן יידן.

איך גיי אריין אין אַ דאָרף. ווו נישט ווו שטייען פּויערטעס אַרום זייערע כאַטעס, איך באַגריס זיי, אַדורכגייענדיק, מיטן טראַדיציאָנעלן „זאָל זיין געלויבט יעזוס". „אויף אייביקע אייביקייטן, אמן" — ענטפערן מיר אָפּ די פּויערטעס. אַזוי גייענדיק טיפער דורכן לאַנגן דאָרף, באַמערק איך אַ שטאַרקע באַוועגונג, אַן אומרואיקייט צווישן די דאָרפס־איינוווינער. איך קען אין מאָמענט זיך נישט אָריענטירן, וואָס דאָ קומט פאָר. אָבער באַלד דערזע איך צוויי מיליטערישע אויטאָס מיט דייטשער זשאַנדאַרמעריע, וועל־כע זענען פּלוצלינג אָנגעקומען אין דאָרף. עס באַהערשט מיך אַ שרעק, אָבער איך ווייס, אַז איך דאַרף זיך איצט פילן דרייסט, און שפּילן די ראָלע פון אַ פּויער. איך פאַרקירעווע מיך צו אַ הייזל, פון וועלכן עס קומט אַרויס אַ פּויערטע דורך די פענסטער אין דער ריכטונג צו די אויטאָס. „געלויבט

זאָל זיין יעזוס־כריסטוס". — „אויף אייביקע אייביקייטן, אמן" — ענט־פערט מיר די פויערטע און איך פרעג זי, צי די זשאנדארמען כאַפּן נישט קיין פּאַליאקן אויף ארבעט קיין דייטשלאַנד. די פויערטע ווייסט מיר נישט וואָס צו ענטפערן, פרעג איך זי ווייטער: צי קען איך אריין צו איר אין שטוב, ביז די הינטישע זין וועלן אוועקפאָרן? איך דערצייל איר ווייטער, אז איך גיי אין א שכנותדיקן דאָרף צו א באקאנטן פויער, ביי וועלכן איך וויל קויפן א קו פאר מיין ווירטשאפט. און דאָ קענען מיך נאָך די הינ־טישע זין כאַפּן קיין דייטשלאַנד אויף ארבעט.

די פויערטע דערלויבט מיר אריינצוגיין און איך לייג אראָפּ אויף דער ערד מיינע הענגענדיקע שיך אויפן שטעקן.

די פויערטע, וועלכע געפינט זיך אליין אין שטוב מיט א קליין קינד, וואָס קריכט ארום אויף אַלע פיר איבער דער פויערישער כאטקע, דערציילט מיר, אז אויף די וועגן איז היינט אומרואיק. דייטשן פאָרן ארום און זוכן ארום די יידן, וואָס זענען זיך צעלאָפן פון די שטעטלעך. מיר צערעדן זיך וועגן די שווערע צייטן פאר די פויערים, וואָס מוזן צושטעלן די קאָנטינ־גענטן תבואה, וועגן כאַפּן קיין דייטשלאַנד אויף ארבעט, וועגן דעם יקרות אין די שטעט.

אין מיטן קומט אריין דער פויערטעס א שכנטע, א צעטראָגענע, און דערציילט, אז די זשאנדארמעריע האָט ארעסטירט אייניקע פויערים פאר נישט צושטעלן פּינקטלעך די תבואה. איצט זענען זיי ביים סאָלטיס פון דאָרף, ווו עס זענען געלעגן ארעסטירט א פּאָר פארוואונדעטע יידן, וואָס זענען געשפּרונגען פון די טויט־צוגן קיין טרעבלינקע. מען האָט די יידן דערשאָסן.

איך מאך מיך פאַרזאָרגט און זאָג צו זיי, אז איך דאַרף צושטעלן אין די נאָענטסטע טעג מיין קאָנטינגענט און די תבואה איז נאָך נישט גרייט.

די פויערטעס באקלאָגן זיך אויף די שלעכטע צייטן, אויף דעם אָנ־קומענדיקן ווינטער.

איך הייב מיך אויף פון דעם נידעריקן בענקעלע, אויף וועלכן איך בין געזעסן, מיט א באהאלטענער אומרואיקייט, קוק ארויס דורכן פענסטער און זע שוין נישט די זשאנדארמעריע מער. איך באדאנק דער פויערטע

און פארשווינד פון דאָרף אויפן פרייען פעלד, ווו איך זעץ זיך אונטער א געדיכטן בוים, וואָס שטייט פאראיינזאמט אין פעלד. איך בין פארטראכט, עסנדיק דאָס צעקרישלטע פויערישע ברויט פון דער טאַש. איך טראכט וועגן די יידן, וואָס מען האָט ערשט דערשאָסן אין דאָרף.

פון דערווייטנס פּאַשען זיך בהמות אויף די לאָנקעס, פויערים שניידן דאָס גראָז און שארן עס צונויף אויף בערגלעך.

זיצנדיק אַזוי פארטראכט אונטער דעם נידעריקן בוים, וואָס שאָטנט מיט זיינע געדיכטע צווייגן, אויף וועלכע עס וואקסן ווילדע פעלד־באר־נעלעך, באמערק איך פון דערווייטנס צוויי יינגלעך מיט טאָרבעס אין די הענט גייען אין מיין ריכטונג.

איך הייב מיך אויף פון דעם אָרט, נעם דעם שטעקן מיט די שיך אויפן אקסל און גיי זיי אנטקעגן.

פלוצלינג הייבן זיי אָן לויפן, עס יאָגן זיי נאָך יונגע שקצים מיט אַן אָנגערייצטן הונט. אלע לויפנדיקע דערנענטערן זיך שנעל אין מיין ריכטונג, די צוויי יינגלעך מיט די טאָרבעס אין די הענט הייבן אָן יאָמער־לעך צו וויינען, דער אָנגערייצטער הונט אויף זיי בייסט און רייסט פון זיי ארוים די טאָרבעס, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געוואָלט אָפּיאָגן פון בייזן אָנגערייצטן הונט, די שקצים לאַכן און רופן „ביים די יידן". איך ווער פארציטערט פון אויפרעגונג, איך גיי צוריק אריין אין ראָל פון פריי־ערדיקן פויער, כאַפּ מיין שטעקן און פארטרייב דעם הונט, און צו די שקצים זאָג איך: ווער האָט אייך געהייסן דאָס טון קעגן די אָרימע יינגלעך וואָס גייען אויפן פעלד און שטערן קיינעם נישט? די פויערישע שקצים קוקן אויף מיר מיט פארוווּנדערונג און זאָגן צו מיר: דאָס זענען דאָך יידן! — אנטלויפט שנעל — זאָג איך, די יידן האָבן גענוג, אז די דייטשן שיסן זיי, יאָגן און פּייניקן, די דייטשן הרגענען אויך אונדז פּאָליאַקן! די שקצים אנטלויפן און לאַכן זיך אויס פון מיר פארוואָס איך פארטיידיק די צוויי יידישע יינגלעך. דער הונט בלייבט נאָך שטיין און בילט אויף אונדז.

די צוויי יינגלעך קוקן אויף מיר מיט אויסגעשטעלטע אויגן, וועלכע דערקענען אין מיר א באקאנט פּנים אונטער דעם לאַקירענעם דאשיק פון מיין פויעריש היטל. זיי בלייבן שטיין האלב דערשראָקן מיט מיר אין פעלד,

נישט ווייסנדיק וואָס צו טון, אויפקלייבן דאָס צעשאָטענע ברויט פון די טאָרבעס אָדער אנטלויפן פון מיר.

די צוויי יידישע ייִנגלעך, אין עלטער פון 16-14 יאָר, האָב איך גלייך דערקענט, דאָס זענען געווען די צוויי זין פון מיין אָרימען שכן פון סאָקאָלאָווער געטאָ. זייער פאָטער האָט מען גערופן „הונדערטער״, ביי זיין ריכטיקן נאָמען האָב איך אים קיינמאָל נישט געהערט רופן. דער נאָמען איז אים געבליבן פון זיינע אמאָליקע גוטע צייטן אין שטעטל, ווען ער איז נאָך רייך געווען. ביים אויפרופן אין דער שול צום ספר פלעגט ער זאָגן, „וואָס איז שוין ווייניקער ווי א הונדערטער״. דער דאָזיקער אָרימער שכן מיינער, א קליינער מיט א קורץ בערדל, כמעט אַ שווארצער אויפן פנים, האָט תמיד געטראָגן האלב צעריסענע קליידער, שטענדיק פארשמירט פון די קישקעס פון די בהמות, מיט וועלכע ער פלעגט האנדלען און פארקויפן די פוילישע וווּרשט־מאכערס. אין שטוב ביי זיי איז געווען א שרעקלעכע אָרימקייט. די פאמיליע מיט ניין קינדער פלעגן צען מאָל א טאָג שטארבן פון הונגער, פלעגן טאקע די קינדער זיך ארויסגנבענען דורך די געטאָ־דראָטן אונטער מיין פענסטער און ברענגען צושלעפּן פון דער פוילישער זייט א ביסל קארטאָפל, פולע קעשענעס מיט אָנגעבעטלט ברויט. זייער מו־טער איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן פאר געפינען ביי זיי אין דער וווינונג א געשאָכטענע קו. זי האָט גענומען די שולד אויף זיך, אָפּרא־טעווענדיק דערמיט דאָס לעבן פון איר מאן און קינדער. אויך דאָס לעבן פון שוחט און קצב, צו וועמען דאָס פלייש האָט געהערט.

אָט די דאָזיקע צוויי אָרימע יידישע ייִנגלעך מיט די זעלבע טאָרבעס, מיט וועלכע זיי פלעגן זיך אריינגנבענען צוריק דורך די געטאָ־דראָטן, אין די זעלבע טאָרבעס טראָגן זיי דאָס אויסגעבעטלטע ברויט פאר דער אנט־לאָפענער גאנצער משפחה, וואָס לעבט איצט אין וואלד. ווען איך לאָז זיך דערקענען פאר זיי, בלייבן זיי צופרידענע און דערציילן מיר, ווי אזוי זיי פארשאפן פאר אלע עסן און אין וועלכן וואלד זיי לעבן אין באהעלטעניש. איידער איך באוויז זיי נאָך צו פרעגן אויף מיין פרוי און קינד, דערציילן זיי מיר, ווי זיי האָבן זי געזען אנטלויפן פון שטאָט צוזאמען מיט אלע יידן, און אפילו געזען וואנדערנדיק מיט דעם קינד אין די אָרעמס נישט ווייט פון דער באן־ליניע. אזוי גייען מיר איבער פעלדער און וועגן, וואָס פירן

צו דעם וואלד, ווו זיי האָבן זייער באהעלטעניש. די קינדער ראטן מיר, אז איך זאָל מיטגיין מיט זיי אין וואלד, ווו עס ליגן א סך יידן אויסבאהאלטן און צוווארטן ביז נאכט, ווען יידן הייבן זיך אָן באווייזן פון די באהעל־טענישן זוכן עסן. אפשר ביי זיי וועל איך זיך עפּעס דערוויסן וועגן מיין פאמיליע.

עס איז שוין געווען שפּעט בייטאָג, ווען די יינגלעך זענען פאר־שווונדן געוואָרן אין די געדיכטענישן פון וואלד. איך בלייב זיצן באהאלטן צווישן געדיכטע ביימלעך. איך ווארט, ביז די נאכט וועט אָנקומען.

אין וואלד הערשט א טויטע שטילקייט. פון צייט צו צייט צעזינגט זיך א פויגל, וואָס צעהילכט זיך איבער דעם גאנצן וואלד. ערגעץ ווייט אין די טיפענישן פון וואלד הערט זיך ווי א פויער האקט ארום א בוים, וועלכער ברעכט זיך איין און פאלט מיט א גערויש, אזוי ווי צענדליקער ביימער וואָלטן זיך איינגעבראָכן אין אלע עקן וואלד.

אזוי ליג איך, ביז עס פאלט־צו די נאכט, וועלכע פארפינסטערט דעם וואלד און מאכט אים נאָך מער הפקרדיקער און שרעקנדיקער. צו גיין א טריט פאָראויס אין דער פינסטערניש, מוז מען טאַפּן מיט די הענט, בכדי זיך נישט אָנצושטויסן אויף א בוים. איך שטעל מיך אויף און האלט מיינע אויערן אָנגעשפּיצט, צי מען הערט אימיצן פון די יידן ארויסקומען פון דער באהעלטעניש.

פלוצלינג הער איך א פייפן, וואָס דערטראָגט זיך פון די טיפענישן פון וואלד, און באלד ווערט אין אלע עקן וואלד אָן אומרואיקע פייפעריי, וואָס ווערט איבערגעריסן און צוריק באנייט. ביז עס ווערט שטיל און עס דערהערן זיך אָנקומענדיקע טריט פון צעשאָטענע וואלד־מענטשן, וואָס שארן זיך אין שטארקער פינסטערניש צום אויסגאנג פון וואלד. איך מיין, אז דאָס זענען יידן און איך וויל זיך צו זיי דערנענטערן, אָבער אין דעם מאָמענט דערהער איך רעדן רוסיש און איך גיי צוריק אין מיין באהעל־טעניש.

ווען זיי פארשווינדן אין דער פינסטערניש און עס ווערט ווידער א טויטע שטילקייט, דערטראָגט זיך פון די ארומיקע קאָלאָניעס א בילן פון הינט, וועלכע זאָגן אָן, אז די צעלאָפענע רוסישע קריגס־געפאנגענע לאָזן זיך צו די פויערים נאָך עסן. איך בלייב ווייטער ליגן מיט אומהיימלעכע

געפילן פון שרעק — פון דער נאַכט און פון וואַלד. איך ליג, נישט וויסנ־דיק וואָס איך זאָל ווייטער טון. פּלוצלינג דערהער איך, ווי מען הייבט זיך אָן דראַפּען אויף ביימער און מען גיט זיך איבער סיגנאַלן דורך א קורץ פייפן און באַלד ווערט א דראַפּעריי אויף ביימער נישט ווייט פון מיר. עס הייבן אָן זיך ברעכן צווייגעלעך, וואָס פאַלן אַרונטער פון די ביימער, איינ־ציקווייז לאָזן זיי זיך אַראָפּ פון די ביימער אויף דער ערד.

גאָט מיינער, ווער קען דאָס זיין? שפּרינגען פון די ביימער? מאַל־פּעס? שדים? ווילדע מענטשן? ניין! דאָס זענען יידן! איך דערהער קלאַנגען פון יידיש. איך הייב מיך האַסטיק אויף און דערנענטער זיך צו זיי. אונטער מיינע פיס ברעכן זיך דאַרע צווייגעלעך און דאָס קוקט פאַר די יידן אויס פאַרדעכטיק, זיי פרעגן זיך אין פּויליש — ווער איז דאָרט? איך ענטפער אויף יידיש, אַז זיי זאָלן זיך נישט שרעקן. זיי דערנענטערן זיך צו מיר, און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס זענען באַקאַנטע. צוויי פון זיי זענען געווען אַנטלאָפענע פון מיין אַרבעטס־לאַגער, די וואַרשעווער תושבים פאָ־טער און זון באום. און איינער א תבואה הענדלער, וואָס שטאַמט פון א דאָרף נעבן סאָקאָלאָוו מיטן נאָמען חיים. ער האָט גוט געקענט מיין פרוי און דערציילט מיר, אַז זי זאָל זיך געפינען אין דעם זעלבן געגנט וואָס די צוויי יידישע יינגלעך האָבן דערציילט.

זיי זענען שוין דאָ אויף די ביימער פון האַלבן טאָג —דערציילן זיי מיר— נישט האָבנדיק וו׳ זיך אויסצובאַהאַלטן. אין דער אַרומיקער געגנט איז געווען א שלעכטער טאָג — זשאַנדאַרמעריע און פּוילישע פּאָליציי האָבן געהאַלטן אין איין נאָכזוכן אַרומבלאָנדזשענדיקע יידן. איצט ציען זיי זיך אויס, אויסצוגלייכן די ביינער, וואָס טוען זיי ווי פון א גאַנצן טאָג זיצן איינגעקאָרטשעט אויף די ביימער.

אין פעלד גייען די יידן גרופּנווייז, טייל באַוואָפנט מיט מעסערס, כדי זיך קענען אַנטקעגנשטעלן די כוליגאַנישע רויב־אָנפאַלן אויף זיי. עס דערהערן זיך געשרייען פון פעלד און מיר צעלויפן זיך אין פאַרשידענע ריכטונגען.

איך הייב אָן וואַנדערן צום אָרט, וו׳ עס זאָל זיך געפינען מיין פרוי און קינד.

אין פעלד איז אומרואיק. פאַר די נעכט אין פעלד האָבן מורא בלויז

די, וועלכע האָבן אונדז פאַריאָגט אין די וועלדער, און זיי באַווייזן זיך נישט אַצינד. די וועלכע קענען גענומען פון טאָג־ליכט, האָבן איצט מורא פאַר די וואַלד־מענטשן, וועלכע זענען באַוואָפנט און גרייט צו פאַרטיידיקן זייער לעבן. אין דער נאַכט זעט אויס א שטעקן אויפן אַקסל ווי א ביקס. די נאַכט געהערט איצט צו אונדז.

פון אַרום הערט מען פייפן. דאָס פאַרשטענדיקן זיך אַזוי די רוסישע אַנטלאָפענע און גיבן זיך צייכנס. פון די דערבייאיקע קאָלאָניעס הערט מען רייסן די פאַרמאַכטע טירן פון די פויערישע כאַטקעס. דאָס בילן פון די הינט מישט זיך אויס מיטן געזאַנג פון רוסישע לידער, וואָס עס זינגען די רוסן, שכורע פון היימישן פויערישן בראָנפן.

אַזוי וואַנדערנדיק קום איך צו א קליין וועלדל און נעכטיק איבער די נאַכט. אינדערפרי האָבן מיך אויפגעוועקט די בהמות, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אַרום מיר.

ווען איך האָב מיך ווידער געלאָזט אין וועג, האָב איך זיך דערנענטערט אין דער ריכטונג פון צעוואָרפענע קאָלאָניעס לענגאויס דער באַן־ליניע און איך בין אַרויף אויף א זאַמדיק־באַרגיקן געגנט. נישט ווייט פון וועג אויף א בערגל איז געשטאַנען א פויעריש הייזל, א ביסל ווייטער, צופוסנס פון בערגל, איז געשטאַנען א שייער מיט תבואה. מיטאַמאָל באַמערק איך ווי א פויעריש מיידל טראָגט עפּן אין שייער אַריין און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיכער איז דאָרט באַהאַלטן עמיץ פון די אַנטלאָפענע יידן. אפשר מיין פרוי? אַזוי אַרומקרייזנדיק די פויערישע ווירטשאַפט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס וויינט א קינד. איך זעץ מיך אַנידער אַנט־קעגן דעם שייער און דערהער גאַנץ דייטלעך א פאַרשטיקט וויינען פון א קינד, און מיר בליצט אויף דער געדאַנק, אַז דאָס איז מיין קינד. ווען דאָס פויערישע מיידל איז אַרויס פון שייער, האָב איך מיך אַריינגעגנבעט און געבליבן שטיין אינעווייניק. אין מיטן שייער שטייט א לייטער, דורך וועלכן מען קען זיך אַרויפקריגן אויפן בוידעם. איך קריך אַרויף און קוק זיך אַרום און זע קיינעם נישט. איך הייב אָן צו רופן אויף יידיש מיין פרוים נאָמען און זי דערשיינט פאַר מיינע אויגן א שטאַרק דערשראָקענע.

ווען זי האָט מיך דערזען אין די פויערישע קליידער, האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט פון איבערראַשונג. ווען זי האָט זיך אַביסל באַרואיקט,

הייבט זי מיר אָן צו דערציילן, ווי זי וואלגערט זיך ארום, בלויז צוליב דעם קליינעם עופהלע האָט מען אויף איר רחמנות און מען לאָזט זי ווו נישט ווו איבערנעכטיקן. ווען דאָס קינד צעוויינט זיך, טרייבט מען זי ארויס פון דעם באהעלטעניש אין פעלד. איצט — דערציילט זי מיר ווייטער— האָט זי אָנגעטראָפן אויף א גוטע פויערטע, וואָס האָט אויך א קליין קינד און האלט זי שוין א פּאָר טעג. נאָר די פויערים פון ארום האָבן זיך דערוווּסט און האָבן די פויערטע אָנגערעדט, אז זי זאָל זי פארטרייבן.

„גוט וואָס דו האָסט מיך אָפּגעפונען — זאָגט זי מיר— צוזאמען איז גרינגער אריבערצוטראָגן די שווערע לײדן". דאָס קינד שלאָפט איין אין איר שויס. און איך זיץ לעבן איר און פארטרייב די פליגן, וואָס קלייבן זיך אויף דעם קינד, וואָס איז פארשוויצט פון דער שטיקנדיקער לופט אויפן בוידים. איך דערצייל איר, ווי אזוי איך האָב זי אָפּגעפונען, ביי וועמען איך האָב זיך איבערגעטון אין פויערישע קליידער און טרייסט זי, אז אין אונדזער שטעטל איז רואיק. יידן גייען צוריק אין זייערע היימען. זי לייגט דעם קאָפּ אויף מיין אקסל און ווישט זיך די טרערן פון אירע אויגן. טרערן פון טרייסט און פון אומענדלעכע יידישע לײדן.

פון דער דערבייאיקער באַן־ליניע, וואָס פירט קיין טרעבלינקע, הערט זיך דאָס רויש פון א צוג. זי הייבט אויף דעם קאָפּ פון מיין אקסל און זאָגט מיר, אז עס איז שוין דער דריטער צוג מיט יידן דעם היינטיקן טאָג קיין טרעבלינקע. איך קוק ארויס דורך א לאָך פון דער בוידים־וואנט און צייל די וואגאָנען. 20—40—60—70 וואגאָנען, געשלעפּט פון 2 לאָקאָמאָטיוון. אויף די טרעפּלעך פון די וואגאָנען שטייען די מערדער מיט אויטאָמאַטן און קוקן אין דער ריכטונג פון די קליינע פענסטערלעך, גרייט יעדן מאָמענט צו שיסן. דער צוג גייט פארביי און איך קוק אין יענער ריכטונג, ווו דער צוג פארשווינדט מיט די יידן קיין טרעבלינקע. דער צוג איז שוין לאנג פארשוווּנדן און איך קוק נאָך אלץ אין דער ריכטונג. עס זשומעט מיר נאָך אין די אויערן דאָס קלאַפּן פון די רעדער. איך זע נאָך די פּנימער פון יידן, וואָס זענען געשטאנען אין די פענסטערלעך, איך זע איצט די יידן ארויספקריכן פון די וואגאָנען, ארויספרייסן פון זיך די קליידער, גיין צו דער שחיטה. איך זע איצט טרעבלינקע...

איך קוק מיך אום צו מיין פרוי און קינד. דאָס קינד האָט זיך צע־

וויינט, די מוטער פארשטאָפּט נערוועז דאָס מיילכל פון קינד מיט דער ברוסט, עס זאָל קיינער נישט דערהערן דאָס געוויין...

איך בלייב מוטלאָז זיצן און טראכט נאָר וועגן טרעבלינקע, צוקוקנ־דיק מיט צער אויף מיין פרוי מיטן האלב פארחלשטן קינד.

פלוצלינג דערהערן מיר טריט און מיר דערזעען צוויי פויערים גיין גלייך צו אונדז.

עס עפענען זיך די טירן און די פויערים קריכן איבערן לייטער צום בוידים. מיר ליגן אין דער נאָרע באהאלטן מיט קלאפּנדיקע הערצער.

— עס איז דאָך קיינער נישטאָ — זאָגט איינער צום צווייטן...

אָבער צום אומגליק צעוויינט זיך דאָס קינד, און מיר ווערן אנטדעקט. די פויערים שרייען צו אונדז:

— מאַרש פון דאַנען, יידן!

פארצווייפלט נעמען מיר דאָס קינד און גייען אוועק אין פעלד.

מיר גייען אין דער ריכטונג פון פויער פאיקע. די פויערים אין פעלד קוקן אונדז נאָך, וווּ מיר גייען. בכדי נישט צו ווערן צופיל אויפפאלנדיק, באשליס איך צו גיין פאָראויס אלס גוי, און מיין פרוי און קינד הינטער מיר. ביז מיר זענען אזוי דערגאנגען צו דער קאָלאָניע פון פויער פאיקע. איך לאָז מיין פרוי ווארטן און גיי זיך אינפאָרמירן, אויב עס זענען נישטאָ קיין פרעמדע שכנים פון די דערבייאיקע קאָלאָניעס. קומט מיר אנטקעגן די אלטע פויערטע און דערציילט מיר, אז איר מאן איז געוואָרן ארויסגע־רופן צום בירגערמייסטער און איז דאָרט ארעסטירט געוואָרן. זיי קענען זיך גאָרנישט אינפאָרמירן וועגן זיין גורל. זייערע אלעמענס שטימונג איז א שלעכטע און זיי ריכטן זיך אויף פאָליציי. עס ווערט מיר אומהיימלעך אויפן הארצן. איך טו מיך שנעל איבער אין מיינע אלטע קליידער און לאָז זיך צוזאמען מיט מיין פרוי און קינד אין וועג אריין, נישט ווינסנדיק וווּ זיך אהינצוטון. מידע און דערשלאָגענע דרייען מיר זיך ארום אין די פעל־דער און מיר באשליסן צו גיין צוריק אין שטאָט.

אויפן וועג הינטערן שטאָט באגעגנט אונדז א פויער, וואָס פאָרט פון סאָקאָלאָוו. ער שטעלט אונדז אָפּ און פרעגט אונדז וווּ מיר גייען.

— צוריק אין שטאָט — ענטפערן מיר.

מיר באקלאָגן זיך פארן פויער אויף אונדזער גורל, ווי מיר וואלגערן זיך ארום אזוי טעג און נעכט אין פעלד און וואלד.

דער פויער רייסט אונדז איבער דאָס רעדן און דערציילט אונדז, אז אין דער שטאָט איז שרעקלעך אומרואיק. די דייטשן הרגענען יידן —זאָגט צו אונדז דער פויער מיט פיל ערנסטקייט— זעצט זיך אויף מיין פורל אין איך וועל אייך אוועקפירן צו מיר אין דאָרף. דאָרט וועל איך אייך באַהאלטן, ביז עס וועט זיך בארואיקן אין שטעטל. מיר בלייבן דערשראָקן פון די רייד פון פויער און אויך איבערראשט פון זיין מיטלייד צו אונדז. מיר קוקן זיך איבער — איז דאָס א מלאך פאר אונדז? מיינט ער עס אויפריכטיק? האָט ער נישט קיין בייזע געדאנקען? איך פרעג אים וווּ ער וווינט, ווי ער הייסט? ער זאָגט אונדז — 12 ק"מ פון סאָקאָלאָוו, אויפן וועג קיין קאָסאָוו. זיין נאָמען איז בוטשינסקי, ער פארזיכערט אונדז א גוט באהעלטעניש. קיינער וועט נישט וויסן, אז ער וועט אונדז אויסבאהאלטן.

געיאָגט פון אומרו און שרעק, פון וועלן געפינען א שטיקל רעטונג אין אונדזער פארצווייפלטער לאגע, לאָזן מיר זיך איינרעדן און דער פויער בוטשינסקי פירט אונדז אוועק הינטער דעם דאָרף. פאָרנדיק אויפן וועג, האָט דער פויער באמערקט, ווי אונדז איז אביסל אויפפאלנדיק זיין בייז אויסזען — א רויט פנים, מיט א פאָר זייער בייזע אויגן, שווארצע וואָנסן, וואָס האָבן נאָך מער פארברייטערט זיין מויל — דער פויער באמיט זיך צו מאכן מילד און טרייסט אונדז אין דער שווערער לאגע, ווייזט ארויס פיל מיטלייד פארן קליינעם קינד. קומענדיק הינטערן דאָרף, פירט ער אונדז צו צווישן ביימער וואָס קרייזן ארום א קליין שטייענדיק וואסער. אונטער די ביימער הייסט ער אונדז וואַרטן, ביז עס וועט טונקל ווערן, וועט ער קומען נאָך אונדז, און מיר וועלן קענען אריין אין דער באהעלטעניש, וואָס ער וועט אונדז צוגרייטן. מיר קוקן נאָך ווי עס פארשווינדט פון אונדז דער ברייט-פלייציקער מאסיווער פויער, אין וועמען מיר ווילן געפינען איצט א רעטונג.

בינו-לבינו ווערט טונקל. פון דערנעבנדיקן דאָרף דערהערט זיך א באוועגונג פון די דאָרפס-איינוווינער ארום זייערע הייזלעך. פויערטעס צעקלאפן און מאכן ווייך זייער לײַן, פון וואָס זיי מאכן אין ווינטער די הויי-

מישע שטאָפּן. ערגעץ ווו שלעפּט זיך נאָך א פארשפעטיקט פויעריש פורל פון פעלד.

מיר זיצן צווישן די ביימער און וואַרטן אָפּ, ביז דער פויער וועט קומען אונדז נעמען. עס פאלט צו די נאכט. עס גייט פארביי א לענגערע צייט און מען זעט קיינעם נישט. עס באהערשט אונדז א גרויסע אומרו־איקייט. מיר הייבן אָן פארשטיין, אז דער פויער בוטשינסקי האָט אונדז פארפירט.

פּלוצלינג דערהערן מיר א שטילע געריידעריי פון מענטשן, וואָס גרופּירן זיך נאָענט פון אונדז. איך אָריענטיר זיך שנעל אין דער לאגע און דערפיל מאָמענטאל א געפאר. מען מוז פון דעם אָרט אוועק. איך כאַפּ שנעל דאָס קינד און לאָז זיך מיט דער פרוי אנטלויפן פון דעם אָרט. אָפּ־לויפנדיק א קליינעם שטח, דערזעען מיר, אז מיר זענען ארומגערינגלט. מיר הייבן אָן לויפן אין ריכטונג צום דאָרף. אין דעם מאָמענט דערפיל איך ווי מען לויפט אונדז נאָך און מען כאפּט מיך ביים האלז און מען שטיקט מיך. עס פאלט מיר ארויס דאָס קינד פון די הענט. איך ראנגל זיך מיט אלע כוחות זיך צו באפרייען, אין דעם מאָמענט קריג איך א קלאַפּ איבערן קאָפּ מיט א טעמפּן קעגנשטאנד און פאל אין אָנמאכט.

* * *

ווען איך בין צו זיך געקומען, האָט מיך מיין פרוי געמינטערט א ווייגענדיקע, דאָס קינד איז געלעגן פארשטיקט פון א געוויין אויפן גראָז. פון מיר איז אלץ געווען אראָפּגעצויגן. בלויז אין די הויזן בין איך גע־בליבן מיט איבערגעדרייטע צעריסענע טאשן. אויך ביי דער פרוי האָבן די באנדיטן אלץ אוועקגערויבט. אונדז איז געבליבן דאָס האלב נאקעטע קינד, וואָס האָט זיך פארקייכט פון געוויין.

פון דאָרף זענען זיך צוזאמענגעלאָפן פויערים און פויערטעס פון די הילפס־רופן. דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן געהערט פון זיי, איז געווען, אז די רוסן האָבן דאָס געטון... איין פויערטע דערלאנגט אונדז א פארטוך און מיר וויקלען איין דאָס קינד. מיר דערציילן, אז אונדז האָט אהער גע־בראכט בוטשינסקי. די פויערטע פירט אונדז צו זיין וווינונג. די טיר איז

פארשפּארט, מען לאָזט אונדז נישט אריין. קיינער פון די ארומיקע פויערים וויל אונדז נישט ארייננלאָזן איבערצוגעכטיקן. דערשלאָגענע און שרעקלעך איבערגעשראָקענע, האָבן מיר מורא זיך צו לאָזן אין פעלד־אריין. מיר הייבן אָן רייסן ביי דער טיר פון בוטשינסקיס וווינונג. אויף אונדזער קלאַפּן עפנט אונדז די טיר א שכן פון הויז, א פויער פון פויזנער געגנט. מיר דערציילן אים די געשיכטע. ער הייבט מיט די אקסלען. „קלאַפּט אין דער אנדערער טיר״ — זאָגט ער — „דאָרט וווינט בוטשינסקי״. די אנדערע טיר וויל אָבער קיינער אונדז נישט עפענען. מיר רייסן אזוי לאנג, ביז עס עפנט אונדז א פויערטע דערשראָקן, מיר רייסן זיך אריין אין דער וווינונג און פרעגן זיך אויף איר מאַן, פארוואָס האָט ער אונדז פארפירט. די פויערטע צלמט זיך און ברעכט מיט די הענט: ער האָט שוין ווידער איר א שאנדע אָנגעטון און דערצו נאָך מיט יידן! זי וויינט, זי שרייט, אז זי איז קראנק, פאלט אויף דער ערד, איר טאָכטער ווערט צעמישט, ווייסט נישט וואָס צו טון, צי ראטעווען די מוטער אָדער אונדז פארטרייבן. מיר שווינדלט פאר די אויגן, אלץ קומט פאָר אין דער טונקל. די פרוי מיינע שאָקלט דאָס וויינענדיקע קינד און בעט זיך, מען זאָל אונדז לאָזן דאָ איבערנעכטיקן, צוליב דער שולד פון איר מאַן זענען מיר דאָ פארפירט געוואָרן. „גייט״ — שרייט די טאָכטער. — איר מוטער האָט מורא פאר יידן און שטויסט אונדז צום ארויסגאנג. מיר קלאַמערן זיך אָן די ווענט, נישט לאָזנדיק זיך באזייטיקן. די טאָכטער צעוויינט זיך און די פויערטע קרעכצט ליגנדיק אויפן בעט.

מיר פאררוקן זיך אין א ווינקל. פּלוצלינג עפנט זיך די טיר און עס דערשיינט בוטשינסקי. ער איז שכור און לויטן ווייסן העמדל, וואָס ער האָט געטראָגן, האָבן מיר גלייך דערקענט, אז ער איז איינער פון די אָנ־פאלער אויף אונדז אין וואלד.

עס ברעכט אויס א סקאנדאל צווישן בוטשינסקין און זיין פרוי. זי זידלט אים אויס, וואָס ער האָט געבראַכט יידן אין דאָרף אריין. זי איז נאָר וואָס געקומען פון שפּיטאָל און שוין אזא אומגליק אויף איר קאָפּ.

דער שכורער פויער בלייבט איר אָבער אויך נישט שולדיק און זידלענדיק זי, די יידן און די גאנצע וועלט, פאלט ער אוועק א מידער אויפן בעט.

מיר ליגן די גאנצע צייט איינגעקאָרטשעטע און פארציטערטע אין ווינקל.

עס גייט נישט דורך קיין האלבע שעה און דער פויער קריכט אראָפּ פון בעט און ברומענדיק אונטער דער נאָז פארשידענע זידלווערטער, הייבט ער אונדז אָן צו זוכן אין דער פינסטערניש. ער גיט זיך ווילדערהייט א וואָרף אויף מיין פרוי און רייסט פון איר די קליידער. מיר אמפּערן זיך און שרייען. מיין פרוי שלעפּט אראָפּ דאָס גאָלדענע חופּה־רינגל און גיט עס דעם שכורן פויער. דאָס קינד וויינט ביז אין הימל־אריין, ווי עס וואָלט געוואָלט מיטן געוויין אָפּראטעווען די מוטער פון דער שאנד־טאט. דער פויער נעמט דאָס גאָלדענע רינגל און וואקלענדיק זיך, דערשלעפּט ער זיך צוריק צו זיין בעט מיט בייזע קללות קעגן דער גאנצער וועלט. מיר באַפרייען זיך פון זיינע ווילדע לאַפּעס.

קוים האָט אין דרויסן אָנגעהויבן טאָגן, ווען די שטוב־מענטשן זענען נאָך געשלאָפן, זענען מיר ווי בייזע שאָטנס ארויס פון דער פויערישער כאטע און דורכן פעלד זיך געלאָזט לויפן צוריק אין אונדזער שטעטל אריין.

מיר האָבן באשלאָסן אונדזער גורל פאראייניקן מיטן גורל פון אלע יידן, וואָס זענען נאָך פארבליבן אין דעם שטעטל.

* * *

אָנהייב סעפּטעמבער 1942 האָבן פיל יידן פון די ארומיקע וועלדער, מידע און אויסגעמאטערטע פון די וואנדערונגען אָן א ציל און פון די פארפאָלגונגען מצד די דייטשן און מצד די פויערים זיך אָנגעהויבן אומקערן קיין סאָקאָלאָוו.

דעם 23סטן סעפּטעמבער האָבן די דייטשן אָנגעהויבן דורכפירן די נייע ליקווידאציע פון די סאָקאָלאָווער יידן, ארויספירנדיק זיי קיין טרעבלינקע.

צווישן די פיל קדושים, וועמענס לעבנס זענען פארוואנדלט געוואָרן אין הויפנס אש, וואָס איז צעשפרייט געוואָרן איבער דער טרעבלינקער ערד, האָט זיך אויך געפונען מיין יונגע פרוי מיט אונדזער קינד.

IV

צום דריטן מאָל אנטלאָפן

אָנפאנג אָקטאָבער 1942 בין איך ווידער געווען אין ארבעטסלאגער פון סאָקאָלאָוו פּאָדלאסקי.

דער לאגער האָט זיך געפונען הינטער דער שטאָט, אויפן וועג צו דער באן. פון ביידע זייטן שאָסיי אויף א גרעסערן שטח זענען געווען אויסגעשטעלטע באראקן, געדיכט ארומגעצוימט מיט דראָטן. שטענדיקע וואכן האָבן אָבסערווירט, אז קיין פרעמדער פוס זאָל נישט באטרעטן דעם פּלאץ, וואָס האָט געדינט אלס מיליטערישער מאגאזין פון פעלד־בעטן, שטולן, טישן, געשיר, אויוונס, פאר דער גאנצער אומגעגנט מיליטערישע גארניזאָנען.

אין א ווינקל פון דעם גרויסן ארומגעצוימטן פּלאץ איז געשטאנען א געמויערט הייזל, איינגעאָרדנט ספּעציעל פאר די שטענדיקע יידישע אר־בעטס־שקלאפן, וואָס האָבן דאָרט געארבעט און געלעבט אָפּגעזונדערט פון זייערע פאמיליעס אלס „קאסאנירטע יידן". אויסער די דראָטן פון ארומיקן שטח איז אויך דער פּלאץ, ווו דאָס דאָזיקע הייזל איז געשטאנען, געווען ארומגעצוימט מיט שטעכעדיק דראָט צוויי מעטער הויך. נאָך דער ארבעט, וואָס איז שטענדיק פארענדיקט געוואָרן מיט אָן אפּעל, זענען אלע יידן אריין הינטער די דראָטן פון וואנען מען פלעגט ארויסגעלאָזט ווערן אין די מאָרגן־שעהן ווידער צו דער ארבעט. דאָ האָבן מיר געלעבט צוזאמען איבער 30 יידן פון ווארשע, קאליש, לאָדזש און דער גרעסטער טייל פון סאָקאָלאָוו.

דער קאָמענדאנט פון לאגער, א פאָלקס־דייטש פון אויבערשלעזיע, סאראצקי, א דיקער אָנגעפּרעסענער מיט ברייטע פּלייצעס, א פּנים מיט

א מערדערישן אויסזען, ווען ער פלעגט בייז ווערן. טיילמאָל, ווען ער פלעגט זיך בלומרשט גוט מאכן פאר אונדז און אויך א שמייכל טון, פלעגט מען גלייך דערקענען, ווי ער צווינגט זיך צו דעם. א דעגענעראַט און אויסוווּרף, שטענדיק אין א שיכורן צושטאַנד, איז ער געווען דער פאראַנטוואָרטלעכער אויך פאר אונדזער רו און זיכערהייט. געקומען איז ער צו אונדז אלס נייער קאָמענדאַנט מיט א גאַנץ רייכער „יידן־פארגאַנגענהייט". ער פלעגט אונדז גאַנץ אָפט דערציילן, ווי אזוי עס זענען אומגעקומען די יידן אין שעדלעץ, פון וואַנען ער איז געקומען, און זיינע שמוציקע הענט זענען באַפלעקט געווען פון יידיש בלוט. בלויז צו אונדז האָט ער שטענדיק געהאַט א „שטאַרקע ליבע" און האָט אונדז אָפטמאָל פארזיכערט, אז מיר וועלן דאָ בלייבן אלס שטענדיקע ארבעטער און אויסמיידן טרעבלינקע. נאָר דערפאר האָט ער פארלאַנגט פון אונדז, ווער עס האָט נאָך גוטע זאַכן, גאָלד, בריליאַנטן, זאָל ביי אים דאָס באַהאַלטן, ער מיינט דאָס חלילה נישט פאר זיך, נאָר דאָס זאָל אונדז נישט פארלוירן גיין... פון די פּאָר יידישע געפיניקטע מיידלעך, וואָס האָבן געארבעט אין קיך, האָט ער פארלאַנגט, אז זיי זאָלן קומען צו אים נעכטיקן, דאָס מיינט ער בלויז זיי צו „שיצן" פאר א מעגלעכן איבערפאַל. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט צו קוקן, ווי דער משוגע געוואָרענער פון שרעק סאָקאָלאָווער יונגערמאַן משה ראָזענבוים זוכט נאָך לעבער אין די ווענט אָדער שמאָלע אויוון־רערן און שטופּט אהין דעם קאָפּ אָדער א פוס, וועלנדיק ארייננקריכן אין דער דאַזיקער באַהעלטעניש... אין מאָמענטן פון אונדזער איינזאַמקייט און טרויער פלעגט ער אונדז באַזוכן און ציניש אויספייפן ראָמאַנטישע מעלאָדיעס. טיילמאָל פלעגט דער דאָזיקער אויסוווּרף זיך אָנשיכורן מער ווי געוויינלעך און פלעגט זיך ארויסכאַפּן פון לאַגער אויף זיינע ווילדע אָרגיעס, פלעגן שוין אנדערע מערדער וויסן און קומען צו אונדז שלאָגן און הרגענען. נאָך אזעלכע איבערפאַלן פלעגט ער אונדז נאָך מאכן א פאָרוווּרף, פארוואָס מען איז נישט געקומען בעטן ביי אים הילף...

מיר זענען שוין דאָן געבליבן דאָס רעשטל פון טויזנטער יידן פון דעם שטעטל, וואָס מיט א קורצער צייט צוריק האָבן נאָך אלע געלעבט.

דאָס לעבן אין דעם דאָזיקן לאַגער איז געווען שווער און ביטער, מיר האָבן מאָראַליש און פיזיש אויסגעטראָגן די ערגסטע ליידן, שטענדיק

אין געפאר פון אַן איבערפאל איבער אונדז. יעדער פון אונדז איז ארייַנגעפאלן אין מעלאנכאָלישע שטימונגען אלס רעזולטאט פון איינזאמקייט און טרויער נאָך די שווערע איבערלעבונגען ביים פארניכטן אונדזערע נאָענטסטע אין געטאָ. גאנץ גערן פלעגן מיר זיך באזאָרגן מיטן ביטערן טראָפּן, אוים פארצווייפלונג פארשכורן די שלעכטע געפילן, וואָס האָבן אזוי שטארק געפּרעסט אויפן הארצן...

יעדער טאָג און יעדע נאכט איז געווען שווער איבערצולעבן און אָפּווארטן אויפן טויט. אַן איינזאמער, אָן אלע נאָענטע, וואָס זענען מיר אזוי ליב און טייער געווען, האָב איך באשלאָסן מיט נאָך צוויי חברים זיך ווידער צו לאָזן אין פעלד. די צוויי פרעמדע מענטשן, וואָס זענען מיר אזוי ליב געוואָרן ווי לייבלעכע ברידער, דאָס זענען געווען די ברידער שוסטער פון סאָקאָלאָוו, צוויי אומדערשראָקענע און קאלטבלוטיקע יאטן. מיר האָבן אויסגעארבעט א פּלאן פון אַן אונטערערדישן לאָך אין א וואלד. ביינאכט, ווען אלע לאגער־איינוווינער זענען געשלאָפן נאָך א שווערן ארבעטסטאָג, האָבן מיר באשלאָסן זיך ארויסצוקריגן פון הינטער די דראָטן, און ווידער בין איך שוין צום ווייטן מאָל אוועק אין פעלד און אין וואלד אריין.

אין וואלד טרעפן מיר נאָך איינעם א ייד פון ווארשע, וואָס איז געשפּרונגען פון א צוג קיין טרעבלינקע. ער האָט זיך מיט אונדז פאראייניקט, און מיר זענען שוין געווען פיר מענטשן, וואָס האָבן זיך געשווירן ברידערלעכקייט אין אזא שוידערלעכער צייט.

אין דעם וואלד, אויפן וועג צווישן סאָקאָלאָוו־קאסאָוו, האָבן מיר באשלאָסן צו אָרגאניזירן אונדזער באהעלטעניש. מיר האָבן זיך פארשאפט מכשירים, א גאנצע נאכט פון אָנגעשטרענגטער ארבעט האָט אונדז געקאָסט פּארטיק צו מאכן די דאָזיקע באהעלטעניש. מיר האָבן געמוזט פארווישן אלע שפּורן פון אונדזער ארבעט, דאָס ארומגעשאָטענע בערגל באדעקט מיט גראָז און באוואקסענע ערד. אונדזער עפענונג איז געווען א שטיק ערד באזעצט מיט א קליין ביימעלע. די לבנה האָט אונדז צוגעלויכטן אין אונדזער ארבעט.

אויף צו מאָרגנס זענען מיר שוין געלעגן אין דעם לאָך באהאלטן פאר דער ליכטיקער שיין. עס מאטערן די געדאנקען. אין דעם קליינעם

אונטערערדישן לאָך האָט שרעק געפּויזעט. פאַר מיינע אויגן זע איך דעם וואַלד מיט זיין ווילדקייט און הפקרדיק לעבן. יעדער בוים — אַ מערדער, אַ רויבער, יעדע צווייג — אַ האַנט מיט אַ מאַשין־געווער, יעדער בוים קומט מיר פאָר אַ תליה, ווי מיינע נאָענטסטע הענגען. אַ מאַטערנדיקע שטילקייט פיניקט, אַ טויטע שטילקייט פון דעם אויסגעשאָכטענעם געטאָ, אַ שטילקייט וואָס הרגעט אָוועק מיט איר טויבקייט.

זאַלבעפערט זענען מיר דאָ, איינער צום צווייטן צוגעטוליעט, צו־נויפגעגאָסן, פאַרברודערט. עס וויל איינער דעם צווייטן דערוואַרעמען, פאַר־שטומטערהייט מיט נאָענטקייט פון ברידערליכע געפילן. ווער איז אייגנט־לעך דער פערטער? אַ פרעמדער? איך האָב אים נאָך רעכט נישט אָנגעקוקט. מיר האָבן נאָך רעכט מיט אים נישט גערעדט. ער איז געשפּרונגען פון צוג שוין ביים טויער פון שוידערלעכן גיהנום. ער איז אויך געבליבן אליין. ער האָט אונדז געהאָלפן גראָבן דעם לאָך, און איצט זענען מיר פאַראייניקט אין איין פיינפולן און שרעקלעכן גורל.

וואָס טוען מיר אייגנטלעך אין וואַלד? מיר זענען אַנטלאָפן זיך ראַ־טעווען, און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער טויט לויפט אונדז נאָך. מיר ליגן ווי פייגל צונויפגעדריט ביים שטאַם. איך דרימל איין, עס עפענען זיך ווידער די אויגן און פאַרמאַכן זיך, ווי איך וואָלט אין דער חושכדיקער פינסטערניש נישט געוואָלט זען אַלע גרויל בילדער, וואָס יאָגן נאָך און פייניקן אַזוי שטאַרק. אַ שטאַרקע מידקייט צעגיסט זיך איבער די גלידער, און מיר ווערן אַנשלאָפן אין אַ טיפן מידן שלאָף.

ווי לאַנג מיר זענען געשלאָפן, ווייס איך נישט, עס האָט אונדז אויפ־געוועקט אַ שטאַרקע קעלט. מיר האָבן געציטערט, קלאַפּנדיק אַ צאָן אָן אַ צאָן. מיר האָבן זיך פון די ערטער נישט געקענט רירן, נישט געוועזן ווו די פיס אויסצוציען.

— מן הסתם שלאָפן מיר שוין לאַנג —זאָגט איינער—, ווייל עס זוילט זיך אַזוי עסן.

איך הייב מיך אויף ווי פאַרשיכורט פון דער מידקייט און צעבראָ־כענע גלידער, גיב אַכטונג, צי מען הערט נישט קיין פאַרדעכטיקטס און הייב אויף אונדזער ערד־צודעק מיט דעם קליינעם ביימעלע. אַ העלע טאָג־ליכ־טיקייט שיינט אַריין אין מיינע פאַרפינסטערטע אויגן. מיר האָבן מורא

פאַר דער ליכטיקער שיין. אין דער פינסטער פילט מען זיך זיכערער, די איינציקע שוץ געפינען מיר אין דער נאַכט־פינסטערניש. מיר באַשליסן צו וואַרטן ביז נאַכט, צוויי ווערן באַשטימט צו גיין זוכן עסן, איינער אָנצו־טראָגן אביסל שטרוי, דער פערטער זאָל צייכנס געבן אויפן אָרט פון באַ־העלטעניש, ווו מען דאַרף זיך ווידער טרעפן.

אזוי זענען אוועק אייניקע טעג און נעכט, נישט שטענדיק האָבן מיר געקענט נישט לאָזן קיין שפּורן נאָך זיך. פילנדיק אז מיר ווערן נאָכ־געזוכט, אז מען איז שוין אויף אונדזערע שפּורן, האָבן מיר באַשלאָסן פעסטצושטעלן, ווער עס לויערט אויף אונדז. מיר האָבן באַשלאָסן, צוויי פון אונדז זאָלן וואַכן אויף געדיכטע ביימער בייטאָג, נישט ווייט פון דעם באַהעלטעניש. איך און איינער פון די ברידער שוסטער האָבן זיך פאַר־פעסטיקט אויף אזעלכע ביימער.

נאָך צוויי טעג אָבסערווירן האָט מען געקענט פעסטשטעלן, ווי יונגע פּוילישע כוליגאַנעס פון די אַרומיקע קאָלאָניעס זוכן נאָך דאָס אָרט, ווו מיר געפינען זיך. ווער מיט א קאַסע, ווער מיט א האַק, גיריקע נאָך יידיש בלוט... לענגער צו בלייבן האָט געהייסן א זיכערער טויט, האָבן מיר באַ־שלאָסן ווייטער צו וואַנדערן...

איינמאָל זענען מיר אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון פּוילישער פּאָלי־ציי און דייטשער זשאַנדאַרמעריע, וואָס האָבן געזוכט אַנטלאָפענע רוסישע קריגס־געפאַנגענע אָדער נאָך אַרומבלאָנדזשענדיקע יידן. א גליקלעכער צו־פאַל האָט מיך דאַן נישט פאַרלאָזט. איך בין אַנטלאָפן אין א דערבייאיקן וואַלד, נישט ווייט פון מיר איז איינער פון די צוויי ברידער שוסטער פאַר־וואונדעט געוואָרן, דער צווייטער, זיך נאָך האַלטנדיק מיט אים, איז אויך געפאַלן פון א מערדערישער קויל. דעם פערטן האָב איך צוויי טעג שפּע־טער געטראָפן אין וואַלד א צעשטאָכענעם פון פּוילישע כוליגאַנעס. אַן אָפּגעריסן שטיק פון מיין שמוציק העמד האָט מיר דאַן געדינט פאַר אים אַלס באַנדאַזש, איך האָב זיך מיט אים געטיילט מיט מיינע „זאַפּאַסן", ברויט און מייערן, און זיך מיט אים צעשיידט.

לענגער אין פעלד און וואַלד האָב איך אַליין שוין נישט געקענט בלייבן, אומעטום האָט געלויערט א פאַררעטערישע אויג. איך האָב נישט

געװאָלט װי א הונט אין װאלד אליין אומקומען, און בין װידער געקומען אין זעלבן לאגער שוין נאָכן דריטן מאָל אנטלויפן...

אין לאגער זעענדיק נאָך לעבעדיקע יידן, האָב איך װידער אָפּגע־אָטעמט. װידער האָט דאָס בלינדע געפיל אָפּגענארט, אָבער שוין נישט אויף לאנג. מיט א פּאָר טעג שפּעטער איז אויך געקומען די רייע אויף אונדז. באװאָפנטע ס. ס. זענען אריין אין לאגער, א טייל האָבן זיי דער־שאָסן ביים אנטלויפן, א טייל איז נאָך געלונגען זיך אויסבאהאלטן און די רעשט זענען גענומען געװאָרן צו דער באן קיין טרעבלינקע.

V

קיין טרעבלינקע

דאָס איז געווען דעם 10טן אָקטאָבער 1942. אויף דער באַן־סטאַציע אין סאָקאָלאָוו איז געשטאַנען א לאַנגער צוג מיט יידן, געפירט פון א ווייטן וועג. עס ווייזט אויס, די מערדער אין סאָקאָלאָוו האָבן געוווּסט, אז אין טרעבלינקער גאַז־קאַמערן איז נאָך קיין פּלאַץ נישטאָ. מיר האָבן געציילט דאָן הינטער די לאַגער־דראָטן — שוין דער פערטער טויט־צוג אין זעלבן טאָג... שטייט דער לאַנגער צוג מיט די צוויי לאָקאָמאָטיוון און וואַרט אויף א באַפעל, ווען דער וועג צו די טויט־קאַמערן וועט פריי ווערן פאַר די פרישע קרבנות, צווישן וועלכע אויך איך האָב זיך געפונען.

אויף דער באַן־סטאַציע טרייבט מען אונדז אַרונטער פון לאַסט־אויטאָ, אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע מערדער, אַנדערע מערדער קוקן נאָך אין די וואַגאָנען וווּהין מען קען נאָך א אַריינקוועטשן א פּאָר יידן. איך האַלט מיך פעסט פאַר די הענט מיט מיין אַלטן פריינט, דעם זעכציק יעריקן לאָדזשער ייד בוב, מיר ווילן זיך נישט שיידן, אויך אין די לעצטע מינוטן פון לעבן איז נישט גוט צו זיין אַליין. א פּוילישער פּאָליציאַנט פרעגט מיך, צי איך ווייס, וווּ איך פאָר?

יאָ, זאָג איך, די וואָס שיקן מיך אַהין, וועלן אויך דעם וועג נישט אויסמיידן. א זעץ מיט דער קאָלבע פון ביקס איז געווען דעם פּאָליציאַנטס ענטפער. באַלד פירט מען אונדז צו א וואַגאָן, וווּ די מערדער מאַכן פּלאַץ פאַר נאָך א פּאָר יידן.

אין וואַגאָן, וואָס עיפּושט פון כלאָריק און מתים־געררוך, בלייב איך און מיין אַלטער פריינט שטיין, פאַרקוועטשטע צווישן דייטש־רעדנדיקע יידן, וואָס מען פירט זיי שוין דעם צווייטן טאָג כלומרשט אויף אַרבעט —

קיין טרעבלינקע. זיי פרעגן אונדז ווי ווייט איז נאָך אהין?... וואָס פאר אַן ארבעט איז דאָרט?... איך ווער אויפגעציטערט. זאָל איך זיי זאָגן דעם אמת, אז מען פירט זיי צום טויט? אָבער נאָך וואָס, ווען מען ווייסט נישט, איז לייכטער דער טויט. פאר א מענטש, וואָס האָט אזעלכעס נישט איבערגעלעבט, איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן ווי שוידערלעך עס איז צו זיין מיטן באוווּסטזיין, אז דער טויט איז אומפארמיידלעך און דערנענטערט זיך. איך בין מקנא געווען די, וואָס זענען אָפּגענאַרטע געפירט געוואָרן כלומרשט אויף ארבעט צו אזא שוידערלעך שרעקלעכן אומקום. איך וויל זיך אומדרייען, כדי אריינקוקן אין האלב פינסטערן וואגאָן, ווי עס זעען אויס די דייטשע יידן, וואָס וואַרטן שוין מיט אומגעדולד צו קומען אין דעם „ארבעטסלאַגער", בכדי צו קענען זיך אויסרוען פון שוידערלעכן שווערן וועג. אָבער איך קען זיך נישט אומדרייען. אזוי פארקוועטשט בין איך. עס הערן זיך שטילע קרעכצן פון גוססדיקע מענטשן. איינער בייזערט זיך אויפן צווייטן, ווי יענער וואָלט שולדיק געווען אין דער ענגשאפט, וואָס האָט געבראַכן די ביינער און נישט געלאָזט עטעמען. מיר זענען צונויפגעפּרעסט איינער צום צווייטן, באגיסנדיק זיך מיט א קלעפּיקן טויט־שווייס. אַן אלטער מאן לויט זיין שטים, וואָס האָט נאָך קוים געקענט רעדן, שעלט אומאויפהערלעך די גאנצע וועלט. איין ברודער פרווט מיט די לעצטע אָנשטרענגונגען פריי מאכן א שטיקל אָרט פאר זיין שוין שטארבנדיקן צווייטן ברודער. עס ווייזט זיך ארויס, אז מיר האָבן נאָך ענגער געמאכט אין דעם טויט־וואגאָן, וואָס איז געווען שוין אזוי אָנגעשטאָפּט, אז די ווענט האָבן זיך שיעור נישט צעשטויסן. מען הוסט און מען שטיקט זיך פון די גאזן פון דעם אויסגעשאָטענעם כלאָריק אין דעם וואגאָן, פון מענטשלעכער אומריינקייט, פון דעם עיפּוש פון די טויטע, ס'האָט געטרוקנט אין האלדז. וואסער! אביסעלע וואסער צו באנעצן די פארטרוקנטע ליפּן!

מיין אלטער פריינט פרעגט מיך, צי כ'וועל האָבן כוח אויסצוהאלטן זיין קאָפּ אויף מיין אקסל. אזוי אַן אָנגעשפּארטער, מיט א שווערן עטעמען, ווינטשט ער זיך אזוי צו קענען שטארבן און נישט אָנקוקן טרעבלינקע. ער פרעגט זיך אליין: „צי ווייסט די וועלט פון דעם שוידערלעכן פארברעכן?" ער רעכנט אויס נעמען פון זיינע נאָענטסטע, וואָס לעבן שוין

נישט מער, דערמאָנט פיל מאָל דעם נאָמען פון זיין יינגסטן זון, דעם יונגן שילער הערשעק בוב, וואָס איז מיט א פאָר טעג צוריק דערמאָרדעט גע־וואָרן אין לאַגער.

אזוי גייען פאַרביי שעהן, עס ווערט נאַכט, אין וואַגאָן ווערט א מוראדיקע פינסטערניש, מיר שטייען צוזאַמענגעפּרעסט אין טויטלעכער שרעק און וואַרטן, ווען דער צוג וועט זיך רירן פון אָרט אויפן וועג צום טויט.

פון צייט צו צייט הערן מיר שאָסן און שוידערלעכע געשרייען פון פאַרוווּנדעטע און דערשראָקענע. אין א דערנעבנדיקן וואַגאָן האָט מען אָנגעהויבן רייסן די טיר. דאָס איז געווען געגנוג, אז די מערדער זאָלן גלייך אָנהייבן שיסן אין דער טיר, וועלכע די קוילן האָבן דורכגעלעכערט און אריין אין די מענטשלעכע קערפּערס.

דאָס קרעכצן פון די פאַרוווּנדעטע ווערט לאַנגזאַם שטילער, ווי דער אָנקומענדיקער טויט וואָלט זיי פאַרשטילט, און ווידער הערשט א טויטע שטילקייט וואָס צעברעכט און מאַטערט.

א שרעקלעכע מידקייט פּייניקט מיך, גוט וואָס מיר זענען אזוי צו־זאַמענגעפּרעסט און קענען איינער דעם צווייטן אונטערהאַלטן. עס פּיי־ניקן מיך פאַרשידענע געדאַנקען, איך האָב איצט אין זינען און עס שטייען מיר פאַר די אויגן אַלע מיינע נאָענטסטע, וואָס זענען מיר אזוי ליב און טייער געווען, אַלע פאַר וועלכע איך האָב געלעבט, מיין אומשולדיק קליין עופעלע, וואָס א דייטשע בעסטיע האָלט דאָס ביים פּיסל און צעקלאַפּט דאָס קעפּל אָן א וואַנט אָדער אָן דער ערד. זיי אַלע זענען שוין נישטאָ און איך גיי איצט צו זיי. פאַר וואָס שפּעטער? צוזאַמען מיט זיי וואָלט מיר לייכטער געווען, געטיילט זיך אין דעם מאָמענט מיט דעם זעלבן גורל וואָס זיי. אין די געדאַנקען לויפן פאַרביי די יונגנט־יאָרן, מיין היים, ווו איך האָב זיך דערצויגן נישט ווייט פון דעם אָרט, וואָס איז איצט געוואָרן דער שוידערלעכער אומקום פון צענדליקער טויזנטער יידן א טאָג. מען דערמאָנט זיך, ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געווען, די צייטן פון ליבע און הארמאָנישן פאַמיליע־לעבן, אָט ערשט נעכטן האָב איך דאָך נאָך געהאַט די געפילן פון פאָטערלעכער ליבע צו א קינד, צו א פרוי, צו ברידער און שוועסטער. איז ווירקלעך שוין א סוף צו דעם דאָזיקן לעבן? אזוי לויפן

די געדאַנקען אין בײַנפולן טראַכטן, ווי עפּעס אַן אומבאַשטימטעס וואָלט אויף אַ מאָמענט געוואָלט פאַריאָגן דאָס געפיל, אַז מען שטייט שוין ביים ראַנד פון טויט. וועלן די מענטשן־פרעסער אונדז אין גאַנצן מיטן וואָרצל אַרויסרייסן? ניין! ערגעץ אין דער ווייטער וועלט, ווו די טײַוולישע נעגל וועלן נישט דערגרייכן, בלייבן מיר נאָך לעבן צוויי ברידער. עס וועלן נאָך לעבן אַזעלכע, וואָס וועלן אונדזערע נעמען דערמאָנען.

עס שטיקט דער בלאָריק, עס מאַטערן די טויט־קאָנוווּלסיעס פון די נעבן מיר שוין שטאַרבנדיקע. אויך מיין אַלטער פריינט פאַרלירט די קרעפטן — עס ווילט זיך אים אַזוי אַוועקלייגן און אויסהויכן די נשמה — זאָגט ער מיר שעפּטשענדיק אין אויער — פאַרוואָס שטייט דער צוג? פאַרוואָס איז נאָך קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר אונדז? פאַרוואָס ווערן דאָרט די מערדער שנעלער נישט פאַרטיק?

עס קומט דער פרימאָרגן, וואָס שלאָגט זיך אַריין דורך דעם פאַר־קראַטעוועטן פענסטערל, ווידער די ליכטיקע שיין! אָבער פאַר די אויגן דרייען זיך שוואַרצע רעדער, שווער מיר צו דערזען דאָס ליכט, בעסער די אויגן פאַרמאַכן, דאָס ליכט איז שוין נישט פאַר אונדז... עס דערהערן זיך שטאַרקע באַוועגונגען פון מערדערישע שנעלע טריט, און באַלד דערנאָך אַ געדיכטע שיסן פון האַנט־ און מאַשין־געווער. די שיסעריי זאָגט־אָן, אַז דער צוג רירט פון אָרט. און שוין שלעפּן אונדז די צוויי לאָקאָמאָטיוון. דורך די שפּאַרעס זע איך צום לעצטן מאָל די פעלדער און וועלדער, דעם זון־אויפגאַנג, ווי זי וואָלט פון אַ באַהעלטעניש אַרויסקריכן, אויף צו בלייבן אַן עדות און צו קוקן צו דער מערדערישער שאַנד־טאַט, וואָס ווערט אָפּגעטון אונטער איר. איך קוק צום לעצטן מאָל מיט צעשטרייטע בליקן אויף דעם אומעטיקן בײַזאַזש פון סאָסנע־ביימער, אין זומפּן, גרויע אומעטיקע געביידלעך, פויערישע כאַטקעס, אַלץ בלייבט הינטער מיר. דאָס אַלץ בלייבט נאָך לעבן. אָפּקלאַנגען פון געדיכטע ביקסן־שאָסן רייסן זיך אַריין אין די רוישנדיקע אויערן. איך קוק מיך אַרום נעבן מיר, אַלעמענס פּנימער זענען אַזוי בלאַס! זע איך אויך אַזוי אויס? איך באַוועג מיט מיין קאָפּ. יאָ, איך קען אים נאָך רירן. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, הייבט דער צוג אָן איינהאַלטן זיין שנעלקייט, עס זאָגט אָן, אַז טרעבלינקע דערנענטערט זיך.

דער וועג קיין טרעבלינקע

VI

אַ טאָג אין טרעבלינקע

דער צוג בלייבט שטיין און א מוראדיקע שפּאנונג כאפּט אלעמען ארום. דער מאָמענט דויערט אָבער קורץ, מען הערט באוועגונגען צווישן די וואגאָנען און באלד הייבט ווידער אָן צו גיין די באן, אָבער שוין מיט א צווייטן גאנג, לאנגזאם ווי צו דערפאָרן אויפן ריכטיקן אָרט. עס פארהאקט זיך דער אָטעם און אין א קורצער ווײַלע ארום בלייבט דער צוג שטיין. מערדערישע הענט רייסן אויף די פארהאקטע טירן מיט ווילדע חיהשע געשרייען צום אראָפּגיין.

עס שווינדלט מיר פאר די אויגן, אָבער איך פארמאָג נאָך קרעפטן צו האלטן זיך אויף די פיס, איך רייס מיך ארויס פון דער איינגעפּרעסטע־מענטשן־מאסע אין וואגאָן. א סך פון די פריער שטייענדיקע אין ענגשאפט פאלן איצט אום פארשטיקטע, דער גרעסטער טייל באוויזט נאָך אראָפּצוקריכן האלב לעבעדיק. ביים אויסשטייגן באמערק איך ווי דער צוג איז קירצער געוואָרן אויף מער ווי א העלפט. איך קען דאָס נישט פארשטיין. עס פארדריסט מיך וואָס איך בין נישט אין יענעם טייל צוג, וואָס איז נישט דערפאָרן קיין טרעבלינקע. איך קוק מיך ארום און דערזע, נישט ווייט, א וואקזאל־געביידע מיט דער אויפשריפט „טרעבלינקע". עס הערט זיך דאָס שפּילן פון אַן אָרקעסטער. אין ערשטן אויגנבליק בין איך ווי צעמישט. וואָס שפּילט דער אָרקעסטער? וואָס עפּעס אויף דער באַן־סטאַציע? איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אז איך פאָר גלייך אריין אין די טויט־קאמערן. ביז דעם מאָמענט האָב איך מער ווי טויט ארום זיך נישט געזען. און ווידער הייבן מיך אָן צו באהערשן פּיינפולע געדאנקען, אויסגעמישט מיט אומפארשטענדלעכע האָפענונגס־געפילן, אפשר געפינען מיר זיך נישט

אין פארניכטונגס־לאגער, נאָר אין דעם ארבעטסלאגער טרעבלינקע נומער 1?
איך אָטעם איין פרישע לופט, וואָס מישט זיך אין מיר אוים מיט די פאר־
עיפּושטע ריחות פון טויט־צוג. 4 אוקראינער אין טונקל גרינע אנצוגן
הייבן אָן קלאפּן נעבן מיין וואגאָן מיט א גומע איבערן קאָפּ, דאָס קלייבן
זיי אויס, ווער עס איז נאָך פעאיק אראָפּצוטראָגן די טויטע פון די וואַ־
גאָנען אין די שוין צוגעגרייטע אָפענע גריבער. איך בין צווישן די אויס־
געקליבענע, פיל אזעלכע קלייבט מען אויס, ווייל עס זענען פאראן א סך
טויטע אין די וואגאָנען.

די ס. ס. און אוקראינער שלאָגן מכות־רצח מיט גומעס און שטעקנס.
עס ווערן צעבלוטיקט פּנימער און קעפּ פון די האלב משוגענע יידן. פון
די גומעס און שטעקנס שפּריצט יידיש בלוט. ווילדע געשרייען פארהילכן:
אויסשטעלן זיך אין רייען.

עטלעכע טויזנט מענטשן שלעפּן זיך מיט פּעק, זעק, וואליזעס,
ראנצן אויף די פּלייצעס, צווישן זיי א טייל פרויען מיט קינדער אויף די
הענט; אלטע לייט, וועלכע האלטן זיך קוים אויף די פיס און ווערן אונ־
טערגעהאלטן פון זייערע נאָענטע קרובים. א מוטער שרייט מיט ווייגע־
דיקע קולות און טרייסלט איר קינד, וואָס איז שוין טויט, טרייסלט עס ווי
זי וואָלט עס געוואָלט אויפוועקן פון אייביקן שלאָף. קראנקע מיט בלאסע
פּנימער באמיען זיך צו מאכן געזונט און רירעוודיק אונטער די שטרענגע
באפעלן פון די מערדער.

עלטערן היטן אָפּ זייערע קינדער, אז זיי זאָלן זיך נישט פארלירן.
פון אנדערע ערטער הערט מען שרייען און וויינען קינדער, וואָס זוכן זייערע
פארלוירענע עלטערן. מען הערט רופן נעמען פון אזעלכע, וואָס האָבן זיך
פארלוירן פון זייערע נאָענטסטע, עס שרייען פון פארצווייפלונג די, וועלכע
האָבן אין די וואגאָנען געלאָזן טויט זייערע נאָענטסטע קרובים. אין א דער־
בייאיקן וואגאָן שטייט א יונג פארצווייפלט מיידל, וואָס וויל נישט ארויס־
גיין פון וואגאָן. דאָרט איז טויט געבליבן איר מוטער, מיט וועלכער זי
וויל זיך נישט שיידן, מערדערישע הענט טוען זיך שנעל מיט איר דער־
ליידיקן און שלעפּן זי ארונטער. א געדראנג פון טויזנטער יידן, אלט און
יונג, קראנקע און געזונטע. צונויפגעדריקט אין רייען, באוועגן זיך לאנג־
זאם אלע אין ריכטונג צו דער „וואקזאל"־געביידע, אונטער די אָרדענונגס־

באפעלן פון אוקראינער און דייטשן. א טייל מערדער קוקן אויף די יידן מיט עפּעס אַ פאַרדעכטיקן, צוריקגעהאַלטענעם חוזקדיקן בליק און באפעלן מיט א ציניש געלעכטער שנעלער זיך פאַרטיק מאַכן צום רעגיסטרירן זיך... אויף דער צווייטער זייט וואקזאַל...

ווען לענגאויס דער באַן־ליניע איז שוין געווען אָפּגערייניקט פון די אַלע, וואָס האָבן געדאַרפט אריבערגיין דעם „וואקזאל", זענען נאָר געבליבן די, וואָס זענען אויסגעקליבן געוואָרן צו באַגראָבן די טויטע פון די וואַגאָנען. מען סאָרטירט אונדז אין גרופּן צו 10 מאַן. אומגעפער ביי א 20 אזעלכע גרופּן זענען מיר געווען. מען טרייבט אונדז ווידער אריין אין די וואַגאָנען, און דער צוג רירט אויף אייניקע מינוטן, ביז ער בלייבט ווידער שטיין. נישט ווייט פון דעם אָרט, צווישן זאמדיקן באָדן, ארומגערינגלט מיט סאָסנע וועלדלעך, געפינען זיך אויסגעגראָבענע גריבער. די מערדער באפעלן אראָפּצוטראָגן די טויטע און אריינשליידערן אין די גריבער, די ארבעט מוז צוגיין שנעל לויט די באפעלן פון די מערדער. פון מיין גרופּע שטייען אייניקע אין די וואַגאָנען און שלעפּן ארונטער די טויטע, און די וואָס שטייען אויף דער ערד, טראָגן זיי אריבער צו די גריבער.

שטייען די מערדער און קוקן זיך צו ווי צו א געוועלנלעכער ארבעט, ווי מיר שלעפּן די טויטע און ווי מיר ברעכן זיך אין דרייען. מיר טראָגן און שלעפּן געיאָגטע, נישט דעם אָטעם צו כאַפּן, מיר זענען ווי לעבעדיקע מומיעס, וואָס באוועגן זיך ווי היפּנאָטיזירטע, נאָכן ווילן פון די מערדער, געטריבן פון ווילדע געשרייען און אומרחמנותדיקע קלעפּ. ס. ס. לייט מיט אויסגעשטעלטע ביקסן שטייען אין די זייטן און אָבסערווירן, צי יעדער באוועגט זיך לויט זייערע ווילדע באפעלן.

פיל פון די באגרעבער האָבן דערקענט אין די טויטע זייערע נאָענטע קרובים. ווען וועלכער פון די באגרעבער האָט נאָך געקענט דערביי ארויס־ווייזן געפילן פון צוזאמענברוך, האָבן דאָס די מערדער גלייך דערשטיקט מיט דער הילף פון שטעקנס און גומעס. געוועזן פיל פאַלן פון דערשיסן ביים שלעפּן די טויטע, בפרט די, וועלכע האָבן זיך פיזיש איינגעבראָכן. מיינע פארשטיינערטע גלידער ווערן אין מיר דערציטערט, ווען איך מוז מיין אַלטן פריינט בוב שלעפּן צום אָפענעם גרוב. זיין ווילן איז דאָך געווען שטאַרבן נישט אָנקוקנדיק טרעבלינקע... איך בין אים מקנא, וואָס ער קען

שוין נישט זען און פילן דעם דאָזיקן שוידער. שנעל ווערט דער צוג אויס־געליידיקט און פאָרט אַפּ מיט די ליידיקע וואַגאָנען אין דער זעלבער ריכ־טונג פון וואַנען ער איז געקומען. איינצלנע פון די מערדער פאָרן מיט, און מיר בלייבן נאָך פאַרזאַמלט. עס זעט אויס, אַז מיר זענען נאָך נישט פאַרטיק מיט דער אַרבעט.

די מערדער באַפעלן: מיר זאָלן זיך אויסזעצן. ווער עס וועט זיך רירן פון אָרט, וועט אַריינגעשליידערט ווערן אין דעם אָפענעם קבר. מיר בלייבן זיצן, יעדע גרופּע באַזונדער. אַלע זענען פאַרשטומט. קיינער רעדט נישט. מען קוקט אַפילו נישט איינער אויפן צווייטן. קיינער קען נישט רעדן. די טויט־אַטמאָספער האָט אונדז באַהערשט. אַלץ איז אָפּגענומען, אָפּגעטויט, יעדע איינגעשאַפט פון פילן און טראַכטן. מיר זענען איצט שאָטנס פון מענטשן, וואָס זייער לעבן איז שוין אוועקגענומען.

זיצן מיר אַזוי אומבאַוועגלעך, אַרומגערינגלט מיט וואַלד און אָפענע מאַסן־קברים. עס האָט אונדז שוין אויפגעהערט צו קימערן דאָס שוידער־לעכע, עס שרעקט שוין נישט מער דער טויט. עס איז פאַרלוירן געגאַנגען דער ווילן צום לעבן, וויל מען האָט אויפגעהערט צו טראַכטן. מען פילט נישט די וואַרעמקייט פון דער זון און נישט קיין ציטער פון דעם גרויל. מען האָט אויפגעהערט צו זיין מענטשן.

אַזוי גייט פאַרביי אַ שעה־צוויי, וואָס ציט זיך ווי אַן אייביקייט, די זון איז שוין געננג הויך אויפגעגאַנגען אויפן הימל, וואַרעמט און באַ־לייכט די מערדער און זייער אַרבעט.

עס דערהערט זיך דאָס קלאַפּן פון באַן־רעדער, עס דערנענטערט זיך צו אונדז די אַנדערע העלפט פון צוג, וואָס איז געבליבן ערגעץ צווישן אַ וואַלד.

די מערדער באַפעלן: אויפשטעלן זיך! און ווידער די זעלבע ווילדע יאַגעניש אַראָפּצושלעפּן די מתים פון די וואַגאָנען. דאָסמאָל איז דאָ ווייניקער טויטע, אָבער דער גרעסטער טייל זענען פרויען און קינדער.

אין איין וואַגאָן שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ טויטער פרוי, וועלכע ליגט צוזאַמענגעדריקט מיט אַ קינד, וואָס איז געבליבן אין אירע פאַר־שטייפטע הענט. זיכער האָט די מוטער איר טויט קינד נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט, עס צוגעדריקט צו זיך מיט מוטערלעכער ליבע און פאַר־

צווייפלונג, פילנדיק, אז אויך זי שטארבט צוזאמען מיט איר קינד. דאָס מויל פון דער מוטער איז אזוי געבליבן פארקרימט ביי דער לעצטער קללה, וואָס זי האָט געגעבן דער וועלט פון די מערדער.

אין די וואַגאָנען געפינט מען ליגן אויסגעטונקען אין כלאָריק־קאַלך שפּילצייג פון קינדער, ווייסע ברויטן, איינגעפּאַקט געדויכערט פלייש, ציגאַרן־שאַכטלען, ברילן, דער איינציקער אָנדענק פון די, וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם לעצטן וועג אין די טויט־צוגן.

ווען די מערדער האָבן פעסטגעשטעלט, אז מיר זענען שוין פאַרטיק מיט דער אַרבעט, ווערן די גרופּן פונאַנדערגעטיילט. דער גרעסטער טייל בלייבט אָבער אויף די זעלבע ערטער און איך האָב זיי שוין מער נישט געזען. איך געפין זיך צווישן די גרופּן, וואָס ווערן געטריבן לענגאויס דער באַן־ליניע, וואָס זענען ביי די זייטן באַוואַקסן מיט ביימער, אין דער ריכטונג צום פאַרניכטונגס־לאַגער.

מיט לאַנגזאַמע טריט, קוים וואָס מען שלעפּט די פיס, דערנענטערן מיר זיך צום אָרט פון די צום טויט־פאַרמשפּטע, צו דער „וואָקזאַל"־געביידע. איצט הערט מען שוין נישט דאָס שפּילן פון אָרקעסטער. נישטאָ וועמען איצט צו נאַרן. די פּאָר צענדליק קרבנות, וואָס ווערן איצט געטריבן, פאַר זיי דאַרף מען שוין נישט קיין אָרקעסטער, מיר זענען שוין פאַרטויבט און מאַכטלאָז.

צווישן מיין גרופּע געפינען זיך טשעכישע יידן, וואָס ווייסן נאָך אַלץ נישט, וואָס פאַרא גורל עס דערוואַרט זיי. איינער מיטן צווייטן טאָר זיך נישט צוזאַמענרעדן, ווער עס היט נישט אָפּ די פאַראָרדענונג, ווערט זיין קאָפּ געשפּאַלטן מיט דער הילצערנער קאָלבע פון ביקס.

מיר גייען אַריבער די וואָקזאַל־געביידע, עס מאַכט אַן איינדרוק פון אַ ריכטיקן וואָקזאַל. אַ פענסטערל פון אַ קאַסע, שילדלעך מיט אויפשריפטן פון פאַרשידענע שטעט, פאַרמאַכטע טירן מיט פאַרשידענע אויפשריפטן. אַ באַאַמטער פון דער דאָזיקער געביידע, אין אַ גראַנאַט אָנצוג, קוקט זיך צו ווי מיר ווערן געטריבן פון די מערדער דורך דער דאָזיקער געביידע, וואָס פוסטעוועט איצט. מיר גייען אַדורך אַן אויסגעטרעטענעם פּלאַץ און עס איז לייכט צו דערקענען, ווי הונדערטער טויזנטער פיס זענען דאָ פאַרביי. עפּעס שרעקלעך באַאומרואיקנדיק האָט אויסגעזען דער פּלאַץ, וואָס איז

געוועזן הויך ארומגעצוימט מיט שטעכיק דראָט. מען זעט נאָך דאָ ארומ־וואַלגערנדיקע זאכן, ווי אַלטע מלבושים, צעריסענע וואַליזעס, כלים. די טשעכישע יידן קוקן זיך באַאומרואיקט ארום, א מוראדיק געפיל כאַפּט אַלעמען ארום, מיר בלייבן א ווײַלע שטיין און באַלד פירט מען אונדז ווייטער, צווישן א גאנץ הויכער וואנט פון דראָטן, באדעקטע מיט צווייגן און קאָצן. מיר גייען פארביי א לאנגן און ברייטן גרוב, אָנגעוואָרפן מיט שטעכעדיק דראָט, און באַלד דערזעט מען הילצערנע טורעמס, פון וועלכע עס קוקן אראָפּ מערדער ביי אָנגעשטעלטע גרויסע מאשין־ביקסן פון אַלע זייטן. עס נעמט ארום א שרעקלעך געפיל. נישטאָ שוין קיין וועג אויף צוריק.

מיר ווערן ווייטער געטריבן אויף א פרישן גרויסן פּלאַץ, וואָס איז געוואַלדיק ארומגעצוימט, אייניקע מאָל גאנץ הויך מיט א נעץ פון געדיכטן דראָט. אויפן מיטן פּלאַץ שטייט א גרויסע געביידע, ביי די זייטן שטייען באראקן, מען זעט לאסט־אויטאָס, פון דערווייטנס זעט מען א סך ציווילע מענטשן און מיליטעריש־באוואָפנטע מערדער, אין שווארצע און גרינע אנצוגן. עס דרייען זיך ארום מערדער מיט האנט־גראנאטן, אויטאָמאטן, רעוואָלווערן אין די הענט. מען זעט נאָך רעשטלעך פון דעם פריער גרוי־זאמען צוג פון דער פיל טויזנט־קעפּיקער מאסע. זיי זענען נאקעט און ווערן געטריבן „זיך באָדן", אין דער ריכטונג צו דעם גרויסן באראק, וואָס שטייט אין מיטן פון ריזן־פּלאַץ. עס הערן זיך מוראדיק ווילדע געשרייען פון די מערדער, געשרייען פון פארצווייפלטע יידן, וועלכע האָבן דערזען דעם טויט, די געשרייען ווערן אויסגעמישט מיט בילן פון צעווילדעוועטע הינט, דאָס אַלץ זאָגט אָן דעם סוף פון לעבן.

די פריש־געקומענע טשעכישע יידן קוקן אומרואיק אויף אַלע זייטן, זיי קענען נישט פארשטיין, ווו זיי געפינען זיך, אין זייערע צעשראָקענע אויגן און בלייכע פּנימער דערקענט מען, ווי עס פּייניקן זיי ווילדע גע־דאנקען. ווו זענען זייערע קרובים, וואָס זענען דאָ פריער אויסגעשטיגן? ווו איז די ארבעט אין דעם לאַגער, וואָס זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט? ווו־הין גייען די נאקעטע מענטשן? וואָס באדייטן די ווילדע געשרייען? א מוראדיקע שרעק און הילפלאָזיקייט באהערשט אַלע. פאר מיר איז אַלץ

קלאָר. איך וואַרט אָפּ דעם טויט, וואָס איז אומפאַרמיידלעך אין דעם דאָזיקן גיהנום.

מיר שטייען אַזוי אַ קורצע צייט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. מען האָט מורא צו קוקן אין די אויגן פון די טריאומפירנדיקע מערדער, מען קוקט אויף דער ערד, וואָס וועט אונדז באַלד אין איר אייביקייט פאַרשלינגען. אַזוי שטייען מיר אַרומגערינגלט מיט מערדער, וואָס וואַרטן־אָפּ דעם באַפעל, וואָס צו מאַכן מיט אונדז.

עס באַווייזט זיך אַן ס. ס.־אָפיציר מיט אַ טויטן קאָפּ אויף דער ברוסט, מיט אַ פּיסטאָלעט אין דער האַנט, באַגלייט פון אוקראַינער, וועלכע האָבן אונדז געטריבן, און מען הייבט אָן ווידער פונאַנדערטיילן די גרופּן. איך מיט נאָך אייניקע יידן ווערן צוגעפירט צווישן גרויסע באַראַקן, וועלכע זענען אָנגעפילט מיט מלבושים און שוכוואַרג. אין אַ ווינקל פון אַזאַ באַראַק זיצן אייניקע יידן און ציען רינגעלעך אויף שטריקלעך. מיר בלייבן זיצן אַזוי ווי זיי, די פּיס אונטער זיך, ביי פולע קעסטלעך מיט רינגעלעך און ציען עס אויף שטריקלעך, ביז זיי ווערן פול צום פאַרבינדן.

שטייען פאַר אונדז אַזוי קעסטלעך אָנגעפולט מיט פאַרטסיגאַרן, קינדער־רינגעלעך, קידושין־רינגען. אין יעדן רינגל, וואָס איך נעם אין דער האַנט, דערקען איך דעם רינג, וואָס איך האָב מיין פרוי אָנגעטון. אין יעדן רינגל זע איך די האַנט פון מיין פרוי, וואָס האָט דאָס רינגל געטראָגן. איך זע זי אינגאַנצן. פון יעדן רינגל שטייט פאַר מיר מיין מוטער, מיין שוועסטער, וועלכע האָבן אויך אַזעלכע רינגען געטראָגן. זיי געפינען זיך שוין אין טרעבלינקע 3 וואָכן, און באַלד גיי איך צו זיי. אַ ים פון פינגערלעך, וועלכע זענען נאָך מיט קורצע טעג און שעהן געוווען אויף לעבעדיקע הענט, וואָס האָבן אין די פינגערלעך געזען אַ „סימבאָל” פון ליבע און איבערגעבנקייט. אַזוי זיצן מיר ווי פאַרגליווערטע און מאַכן די פאַרשאָלטענע אַרבעט. אַזוי באַוועגן מיר זיך ווי היפּנאָטיזירטע, לויטן ווילן פון די וואַכעדיקע נעבן אונדז מערדער.

אין מויל איז אַזוי טרוקן מיט שטויב. עס וואָלט זיך אַזוי געוואָלט אַ שלוק טון אַ ביסל וואַסער צו דערהאַלטן נאָך די קרעפטן, וואָס גייען לאַנגזאַם אויס.

אַ יינגל פון אַנטקעגנאַיבער אונדז, וואָס טוט אויך די זעלבע אַרבעט,

בעט ביי א מערדער אביסל וואסער. דער אוקראַינער ווייזט אים אויף אַן עמער וואסער, וואָס שטייט נישט ווייט פון אונדז ביי א לייטער. דאָס גע־פייניקטע יידישע יינגל, וואָס זעט אויס אזוי שרעקלעך פארמאטערט מיט פארטריקנטע ליפּן, הייבט זיך אויף און גייט צום עמער, דער אוקראַינער גייט אים נאָך. דאָס יינגל בייגט זיך איין איבער דעם עמער, מיט אַן אָפן מויל, ווי ער וואָלט געוואָלט דעם גאנצן עמער וואסער איינשלינגען. בעת דאָס יינגל בייגט זיך אזוי, גיט אים דער אוקראַינער א קאָפּ אין פּנים מיטן זעלנערישן שטיוול און טרעפט אים גלייך אין די אויגן אריין. דאָס אומ־גליקלעכע יינגל כאַפּט זיך פארן אויסגעהאקטן אויג. א שטראָם בלוט גיסט זיך אין זיין אָפן מויל — אנשטאט דעם וואסער צום טרינקען. דער אוק־ראַינער לאכט סאדיסטיש און פרעגט זיך אויף פּויליש: „וועסט נאָך וועלן טרינקען? — מארש צו דער ארבעט!” דאָס יינגל קאָרטשעט זיך איין פון ווייטיק און ווערט אוועקגעשלעפּט פון מערדער.

און מיר ציען נאָך אלץ ארויף אויף די שטריקלעך די רינגלעך. אונדזערע הענט ציטערן צוזעענדיק די דאָזיקע סצענע. איך פיל שוין נישט, אז אין מויל איז מיר אזוי שלעכט, אזוי טרוקן די צונג, באקלעפּט מיט זאמד. איך דארף שוין נישט קיין טראָפּן וואסער אין מויל.

אויפן טויט־פּלאַץ איז איצט שטיל. די געשרייען פון די, וואָס מען האָט געפירט זיך „באָדן”, האָבן אויפגעהערט. די קולות זענען פארשלונגען געוואָרן אין די טויט־קאמערן. בלויז צו אונדזער פּיין נעמט נישט קיין סוף. מען זעט פיל מערדער זיך ארומדרייען אין א שיכורן צושטאנד. פון דערווייטנס רוישן אומאויפהערלעך מאָטאָרן, פון לאגער־פּלאַץ פארן ארויס און אריין לאסט־אויטאָס. דער גיהנום האָט געביטן זיין אויסזען. א פרישע אָנגעקומענער וואָלט דורכאויס נישט פארשטאנען, אז ער געפינט זיך איצט אין אזא שרעקלעכן פארניכטונגס־לאגער.

ווי לאנג וועלן אונדז די מערדער נאָך אזוי מאטערן? פארוואָס קען איך נישט שטארבן אזוי ווי מיין אלטער פריינט אין וואגאָן? פארוואָס ווילן די מערדער אונדז נישט דערשיסן? זיי קוועטשן פון אונדז נאָך ארויס דאָס ביסעלע כוח, וואָס נוצט זיי נאָך צום אויפציען די רינגעלעך. עס ברעכן די גלידער. איך פיל נישט מיינע אָפּגעשטאָרבענע פיס, וואָס ליגן איינגע־

בראָכן אונטער מיר. ווי לאַנג זיצן מיר שוין דאָ? טעג? יאָרן? אַן אייביקייט פון אומענדלעכער פּיין.

די זון איז אַרונטער אונטער די באַראַקן־ווענט. אין שאָטן לייכט דער גאָלדענער באַרג פון די אויפגעצויגענע רינגלעך, וואָס ווערן געפּאַקט אין זעקלעך.

פּלוצלינג דערהערט זיך פייפן. שכורע מערדער מיט ווילדע קולות רופן:

— אויפשטעלן זיך!

א דערציטערטער רייס איך מיך אויף פון דעם אָרט און פאַל צוריק אנידער, די פיס זענען מיר איינגעבראָכן. איך קען שוין מער נישט שטיין. עס פּרוּוון מיך אונטערהאַלטן די, וואָס האָבן מיט מיר געאַרבעט. אין דעם מאָמענט לויפט צו אַן אוקראַינער און הייבט אָן מיט א גומע אונדז צו שלאָגן איבער די קעפּ. עס רינט בלוט פון די פּנימער און קעפּ. אים צו הילף קומען נאָך אַנדערע מערדער און שלאָגן אונדז איבערן גאַנצן לייב. זייערע גומעס ווערן אויסגעטונקען אין אונדזער בלוט. איצט קען איך שוין שטיין אויף די פיס. האַלב משוגענע וויסן מיר נישט, וואָס מיר זאָלן טון, וואָס די מערדער פאַרלאַנגען פון אונדז, אַנקוקנדיק די ווילדקייט פון די מערדער אין שכורן צושטאַנד, דאָס חיהשע ברומען מיט קריצנדיקע ציין און ווילדע אויגן, וואָס זענען אַזוי בלוטדורשטיק. די צעטראָגנקייט און די שרעק, וואָס איז אויסגעגאָסן ביי יעדן געפּייניקטן ייד אויפן צעבלוטיקטן פּנים, זאָגט אָן, אַז אונדזער גורל איז געצייכנט. ווער ווייסט, וואָס פאַרא טויט די ווילדע מערדער האָבן פאַר אונדז אויסגעקלערט צו שטילן זייער איצטיקע ווילדקייט.

עס קומען נאָך ס. ס.־מענער און הייסן טרייבן אַלעמען צום אַרויסגאַנג דורך א טויער פון דאָרט, נעבן דער באַן־ליניע, ווו עס שטייט א ליידיקער קורצער צוג און ווו לאַסט־אויטאָס פירן צו מלבושים געפּאַקט אין ראָלן.

וואָס זאָל דאָס באַדייטן? נישט טויטן פירט מען אונדז? די מערדער שפּילן זיך נאָך מיט אונדזער גורל? מען וועט ווידער אַרבעטן, ווען די כוחות גייען שוין אויס.

פון דערווייטנס הינטער אונדז טרייבט מען נאָך אַנדערע יידן אויפן

זעלבן אָרט. פון דער הינטערשטער פּאַרטיע דערטראָגן זיך משוגהדיקע לידער, וואָס גריילצן אין מײנע אויערן. דאָס געזאַנג, ווי געשרייען פון משוגעים, ווערט אויסגעמישט מיט א חוזקדיק לאַכן פון די צעיושעטע מערדער, וואָס קייכן און ווײלן זיך פון זייערע קרבנות. אונדזער גרופּע פאַרנעמט אַן אָרט נישט ווייט פון צוג. מיר בלײבן שטיין וואַרטנדיק, ביז עס וועלן אָנקומען די טרײבנדיקע פון הינטער אונדז. עס דערנענטערט זיך דאָס געזאַנג פון די גרופּעס יידן, וואָס ווערן געטריבן אין מיליטערישן מאַרש. זיי מאַרשירן פאַרביי אונדז, ארומגערינגלט מיט פיל באוואָפנטע מערדער.

עס גייען לעבעדיקע מתים און שלעפּן צום טאַקט זייערע פיס, וואָס זענען ווי שטאָלצן, וואַרפן מיט די הענט, וואָס הענגען ביי זיי נאָך ווי די בייטשן. שרייען פון די מײלער א משוגהדיק ליד, וואָס ווערט דיריגירט פון די וואַנדאַלן. א שדים־מאַרש מיט א דיבוק־געשריי פון די הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס די טרעבלינקער קאַלך־אויוונס האָבן דאַן שוין געהאַט איינגעשלונגען.

די לעצטע גרופּע, וואָס ווערט געטריבן, באַשטייט פון א 12־15 יידן. עס שלעפּט זיך נאָך א יונגערמאַן, וועלכער ווערט שטאַרק געשלאָגן. דער דאָזיקער ייד קאָרטשעט זיך אונטער די גומי־שטעקנס, וואָס פאַלן אויף אים און שרייט און רופט עפּעס מיט אַן איבערנאַטירלעכן כוח. די דאָזיקע גרופּע ווערט גלייך איזאָלירט פון אַלע. מיט שרעק קוקן מיר צו זיי און קענען נישט פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר. צו די געשרייען פון דעם איינעם פאַראייניקן זיך נאָך מער פון דער גרופּע. מען דערהערט אויסרופן יידן... יידן... א טויט... שנעל קומען נאָך אַנדערע מערדער, וועלכע רינגלען ארום די דאָזיקע גרופּע און שלעפּן זיי אוועק טיפער אין פעלד. פונדערווייטנס, אין דער לופט, צעטראָגן זיך די זעלבע געשרייען פון די געשלאָגענע. די מערדער האַנדלען געוואַלדיק שנעל און פאַרשלעפּן די קרבנות. די צעיושעטע מערדער הייבן אָן אויך אונדז שלאָגן און טרייבן אין דער זעלבער ריכטונג. מען באַפעלט אונדז שנעל זיך אויסטון. אַלע רייסן פון זיך אראָפּ די קליידער, מיר בלייבן נאַקעט. דאָס אַלץ קומט פאָר מיט א בליץ־שנעלקייט, לויט די באַפעלן פון די מערדער.

מיט ווילדע געשרייען באַפעלן די מערדער זיך אויסשטעלן אויף

די קני מיט די הענט הויך אויסגעצויגן. די פריער פארשלעפטע גרופּע ווערט געשלאָגן מכות־רצח. דער יונגערמאַן, וואָס האָט פריער געשריען, ליגט שוין אָן א זייט אויפן זאמדיקן באָדן א טויטער. די גאנצע גרופּע ווערט מוראדיק געקאטעוועט. עס קומט א מערדער מיט א הונט, וועלכער רייסט און בייסט שטיקער פון די, וואָס ווערן אזוי שרעקלעך געשלאָגן און געשטאָכן מיט באגנעטן. איך פארמאך די אויגן. זאָל איך בעסער נישט זען, וואָס עס טוט זיך. פארוואָס אזוי פיל מאטערניש פארן טויט? דער טויט אליין איז דאָך נישט אזוי שרעקלעך ווי דער גרויל און פיין פאר אים. פארוואָס קלאפּט נאָך מיין הארץ? פארוואָס לעב איך נאָך?

אָבער אין דעם שרעקלעכן גיהנום טרעבלינקע קומט נישט אָן דער טויט אזוי לייכט. די מערדער האָבן ליב די סאדיסטיש־בלוטיקע שפּיל מיט זייערע קרבנות און מיר מוזן פארגליווערטע אזוי קניען.

ווען פון דער גאנצער גרופּע יידן איז שוין געווען א שטיק בלוטיקע מאסע, הייבט אָן אן אויטאָמאט שיסן איבער אונדזערע קעפּ. איצט מעג איך שוין מיינע אויגן אויפמאכן. די מענטשן־פרעסער קריגן מיטלייד אויף אונדז און שוין ווער א קויל אָן ענדע מאכן צו אונדזערע ליידן.

גאָט מיינער! קיינער פאלט דאָך נישט טויט פון אונדז! אויטאָמאטן שיסן און מיר אלע קניען ווייטער מיט די אויסגעצויגענע הענט! וואָס קומט דאָ פאָר? דאָס שפּילן זיך די מענטשן־פרעסער אזוי מיט אונדז. אזוי לייכט קומט נישט אָן דער טויט אין טרעבלינקע פון די, וואָס זענען נישט באלד געטויט געוואָרן אין די גאז־קאמערן.

טויט־פארגליווערט, דערפיל איך שטארקע קלעפּ אויף מיין נאקעטן קערפּער. ווי לאנג עס האָט געדויערט, ווי די גומי־שטעקנס האָבן איבער־געריסן מיין פארגליווערונג, געדענק איך נישט. איך האָב דערזען ארום זיך שטייענדיק שוין אויף די פיס נאקעטע יידן. די מערדערלעכע קלעפּ האָבן מיך צוריק אויף די פיס געשטעלט. מיט ווילדע באפעלן ווערן מיר געיאָגט צוריק צום צוג.

איך לויף נאקעט נישט וויסנדיק, וואָס מיט מיר טוט זיך, ווי גע־טראָגן פון א שטורעם־ווינט.ביים צוג שטייען יידן און פילן אָן די וואַ־גאָנען מיט די גרויסע פּעק מלבושים. מיר ווערן צוגעטריבן צו א וואגאָן. איך מיט נאָך אנדערע זעקס יידן קריכן ארויף אויף א וואגאָן און פאר־

פאקן די מלבושים, וואָס מען דערלאַנגט אונדז פון אונטן. דער וואַגאָן ווערט לאַנגזאַם פאַרפולט. די מערדער ווילדעווען און יאָגן־צו די אַרבעט.

איך דערפיל אַ שטאַרקע שרעק פאַר אַזאַ טויט, וואָס איך האָב מיט מינוטן צוריק געזען. עפּעס הייבט מיר אָן שווינדלען פאַר די אויגן. איך וויל אַנטלויפן! עס פאַלט מיר איין אַ געדאַנק: אפשר זיך באַהאַלטן אָט דאָ, אין דעם לאָך צווישן די קליידער, ווער וועט דען זען? די מערדער זענען שיכור און זעען מיך נישט. די יידן, וואָס זענען מיט מיר, וועל איך לאָזן צוערשט אַראָפּגיין, איך וועל בלייבן דער לעצטער און זיך באַהאַלטן אין דעם לאָך, וואָס איך גרייט פאַר מיר צו, איינפּאַקנדיק די ראַלן. מען מוז אַנטלויפן פון דעם שרעקלעכן גיהנום!

דער געדאַנק צעטרייסלט מיינע אָפּגעטויטע נערוון. יעדע סעקונדע, וואָס פאַרציט זיך, — זענען שעהן. דאָס פענסטערל פון וואַגאָן פאַרשטעל איך, אַז עס זאָל נאָך מער טונקל ווערן, דער געדאַנק און ווילן צו אַנטלויפן איז ביי מיר אַ ספּאָנטאַנער אויסברוך, וואָס האָט מיך אינגאַנצן צעטרייסלט. נישט פון קעלט טרייסלט זיך איצט מיין נאַקעטער קערפּער אין דעם פאַרנאַכט אין וואַגאָן, דאָס אַרבעט מיין אונטערבאַוווּסטזיין, דאָס האָבן זיך צעשאָקלט די פריער אָפּגעטויטע נערוון. עס טרייסלען זיך מיינע הענט און פיס, עס וואַרפט זיך אין משוגעת־קאָנווולסיעס מיין גאַנצער קערפּער.

עס דערהערן זיך פייפן און באַפעלן אַראָפּצוגיין פון די וואַגאָנעז, זיך אויסשטעלן אין גרופּן. ווילדע געשרייען פון די מערדער און ווידער שלעגעריי. איך זע ווי די האַלב־טויטע יידן, וואָס האָבן מיט מיר געאַרבעט אין וואַגאָן, הייבן אָן אַראָפּקריכן. קיינער פון די אַראָפּקריכנדיקע קוקט זיך נישט אום, וואָס הינטער אים טוט זיך. זיי לאָזן זיך אַראָפּ ווי אין אַן אומענדלעכן טיפן אָפּגרונט, וואָס דאַרף זיי גלייך פאַרשלינגען.

און איך ליג שוין פאַרשטעקט אָן איינגעקאָרטשעטער אין מיין מלבושים־לאָך. איך פאַרמאַך די אויגן, כאָטש אַרום מיר איז אַ פינסטערניש. מיין האַרץ קלאַפּט אַזוי שנעל ווי די מערדערישע אויטאָמאַטן.

עס דערהערן זיך טריט. איך האַלט־אויף מיין אָטעם. עמיצער פאַרהאַקט די טיר פון וואַגאָן.

אַ קאַלטער שוויים האָט באַדעקט מיין נאַקעטן קערפּער, דערפילנדיק

אַז מען דערוויטערט זיך פון דעם אָרט. הייסט עס, אַז די טיר איז שוין אינגאנצן צוגערוקט און איך בין שוין פארשטעלט פון די מערדערישע אויגן.

פלוצלינג דערפיל איך ווי דער צוג הייבט אָן רירן! איז עס ווירקלעך אזוי, אָדער דאכט זיך מיר דאָס בלויז? יאָ! דער צוג גייט! איך קריך האסטיק ארויס פון לאָך, באפריי מיך פון די פעקלעך, וואָס האָבן מיך פארשטעלט, דעק אָפּ דאָס פארשטעלטע פענסטערל. עס רייסט זיך אריין א העלע לבנה־ליכט. איך דערפיל ווי דער צוג צעלויפט זיך מיט א שנעל־קייט. מיינע געדאנקען הייבן אָן זיך שנעל קאָנצענטרירן, ווו און ווי אזוי צו שפרינגען. איך שטעק ארויס דעם קאָפּ דורך דעם פענסטערל און קוק מיך ארום — איצט זעט מען נישט די מערדער אויף די וואַגאָנען־טרעפּלעך גרייט צום שיסן. עס כאפּט מיך ארום די נאכט־ליכטיקייט, עס שווינדלען מיר פאר די אויגן די טעלעפאָנישע סלופּעס אוןביימער, וואָס פארשווינדן פארביי דעם דורכלויפנדיקן צוג. מיינע אלע חושים זענען קאָנצענטרירט אַט צו דעם פענסטערל, דורך וועלכן איך מוז ארויסשפרינגען. אזוי לויפט דער צוג מיט מיין ארויסגעשטעקטן קאָפּ, וואָס גארט איצט זיך צו באַ־פרייען, ווי א ווילדע חיה פון א שטייג.

רוישן די לויפנדיקע רעדער אזוי שטארק אין מיינע אויערן? אָדער שרייען די מתים אזוי ארויס פון די קליידער? יענע מתים פון דעם ריזיקן מאסן־קבר אין וואלד. נישט קיין קליידער ליגן דאָ, עס ליגן צונויפגעפּרעסט די טויטע, וואָס זענען נאָך נעכטן אין די קליידער געווען. און פון אַט די קליידער האָבן זיי זיך ערשט צעשריגן, עס שרייען ארויס די קינדער פון די קליידעלעך, עס שרייען די אלטע לייט פון זייערע ווארעמע ווינטער־מאנטלען, עס שרייען מוטערס פון זייערע פרימאָרגן־ראקן.

עס האָבן זיך ערשט צעשריען די מאסן־קברים פון טרעבלינקע.

עס שרייט דער בארג מתים, וואָס איז ערשט פארקאטעוועט געוואָרן. אַט דער בארג מתים, וואָס האָט מיך פארשטעלט פון די מערדערישע אויגן.

טרעטן אצינד מיינע נאקעטע פיס אויף די בערג מתים און רייסן זיך צום פענסטערל וואָס יידן, געפירטע קיין טרעבלינקע, האָבן די אייזערנע גראטעס מיט די הענט אוועקגעריסן. דער צוג פאָרט פארביי דער באַן־סטאַציע פון שטעטל קאסאָוו־לאצקי. איך ציטער פון אויפרעגונג, איין

בינטל נערוון בין איך איצט. אלץ אין מיר איז קאָנצענטרירט צו איין פארלאנג: ווארפן זיך פון לויפנדיקן צוג. אן איבערמענטשלעך סטיכישע קראפט הייבט־אויף מיינע פיס צום פענסטערל. איך שטעק ארויס איין פוס, דעם צווייטן, רוק ארויס דעם קאָפּ. מיין קערפּער ווערט איינגעבראָכן אין צווייען, מיינע הענט קלאמערן זיך אָן די ראמען פון פענסטערל. אזוי טראָגט מיך א ווילע דער צוג, שניידנדיק די לופט, איך פארקריץ די ציין פון ווילדקייט און שרעק און ווארף זיך ווי אין א טיפן אָפּגרונט פון לויפנ־דיקן צוג...

ווען איך בין צום באוווּסטזיין געקומען, האָב איך דערפילט א שטארקע קעלט, וואָס האָט מיך געשווידערט. איך הייב מיך אָן ארומקוקן — ווו געפין איך זיך איצט? ווי לאנג ליג איך שוין דאָ? כ׳וויל זיך דערמאָנען ווי אזוי קום איך אהער?

איך דערפיל נאסע גראָז אונטער מיר. איך ליג מיך מיטן פּנים צו דער נאסקייט. מיינע פארטריקנטע ליפּן און די אויסגעטריקנטע צונג ווייקן זיך אין דער פייכטקייט און לעשן מיין פארברענט מויל, וואָס זויגט די נאסע גראָזן. איך שלינג די פייכטקייט, ווי איך וואָלט דעם טייערסטן וויין געטרונקען, איך דערפיל א דערמונטערונג, די קעלט און דאָס נאסע גראָז האָבן מיך אויפגעלעבט. איך הייב זיך אָן אָפּגעבן א דין־וחשבון וואָס מיט מיר טוט זיך. איך גלויב מיר אליין נישט, אז דאָס איז א ווירקלעכקייט.

אָבער איך בין דאָך נאקעט! איך זע הימל און ערד און איך — בין א נאקעטער.

די לבנה שווימט איבערן הימל און מיינע אויגן לויפן נאָך און שלעפּן מיך מיט אין אומענדלעכע וועלטן.

א פארביילויפנדיקער צוג מאכט מיך נאָך מער וואכעדיק. איך קוק מיך נאָך מער ארום, ווו איך געפין זיך און איך הייב אָן צו פארשטיין, אז איך האָב מיך פאלנדיק ארּאָפּגעקיילט אין א טיפן ראוו וואָס געפינט זיך ביי דער באן־ליניע, וועלכע ציט זיך אויף א הויכקייט לענגאויס דעם ראָוו.

ווו וועל איך מיך איצט אהינטון? ווי געפינט מען א רעטונג נאקע־טערהייט? איך בין דאָך צווישן קליידער געוועזן, פארוואָס האָב איך נישט

ארויפגעשלעפּט אויף זיך א מלבוש? איך הייב אָן צו פילן, אז מיין נאקעט־קייט האלט איין מיין ווידערשטאנד קעגן דעם ביטערן גורל מיינעם, עס באהערשט מיך א מאכטלאָזיקייט. איך ציטער אינגאנצן. עס קלאַפּט א צאָן אָן א צאָן. מיין קערפּער באדעקט דער נאכטיקער טוי, וואָס איז צעשפּרייט אין דער הארבסטיקער לבנה־נאכט. איך קריג א פארלאנג מיט עפּעס זיך צו שיצן קעגן דער קעלט. איך הייב מיך אויף, אָבער כ׳קען קוים שטיין. עפּעס בין איך אזוי אין גאנצן צעטרייסלט, אָבער איך טראכט וועגן דעם נישט, איך וויל אצינד זיך נאָר שיצן קעגן דער קעלט, וואָס מאטערט מיך. איך דערזע פון דערווייטנס א וואלד און עס הייבט מיך אָן ציען אהין. דאָרט איז זיכער נישט אזוי קאלט. איך לויף אין דער ריכטונג צום וואלד. אצינד יאָגן מיך שוין נישט די מענטשן־פרעסער צום טויט, אצינד ווער איך גע־יאָגט פון אַן אינערלעכן אינסטינקט, וואָס שטויסט מיך צום וועג פון רעטונג.

אין וואלד שטייען ארום מיר אומבאוועגלעכע ביימער, צו וועלכע איך טוליע זיך אונטערשפּרינגענדיק פון קעלט, און מיט מיר טאנצט מיט דער שאָטן מיינער. איך קען שוין גוט מיין וואלדישע היים, איך האָב שוין דאָ געטאָגט און גענעכטיקט, איצט האָב איך נישט קיין שרעק פארן ביי־נאכט אין וואלד. אָבער איך בין דאָך נאקעט, און עס וואָלט זיך אזוי גע־וואָלט, אז אלע ביימער זאָלן זיך צוזאמענרוקן און מיך טוליען און מיך פארשטעלן פון דער קעלט, וואָס שניידט מיר דאָס לייב.

פּלוצלינג דערהער איך ווי מען פייפט. עס ענטפערט א צווייטער, א דריטער, אין מיינע אויערן שניידט זיך אריין א געפייפעריי.

האָט מיך ווער דערזען און לויערט אויף מיר? איך קריך שנעל ארויף ווי א מאלפּע אויפן בוים, דערגרייך ביזן שפּיץ און קלאמער זיך איין אָן די צווייגן. דאָ וועט מיך שוין קיינער נישט דערזען, און אפילו ווען יאָ וועט מען אנטלויפן, פאר א מאלפּע אויף א בוים אין וואלד דערשרעקט זיך יעדער.

זיץ איך אזוי אויף די פעסטע צווייגן, וואָס האלטן מיך פעסט און מיט מיינע הענט דריק איך די צווייגן איבער מיר און שאָקל זיך מיט מיט דעם שפּיץ פון בוים, וואָס וויגט מיך אהין און אהער.

די ביימער שאָקלען זיך, ווי זיי וואָלטן געשעפּטשעט א טרויער־תפילה איבער די יידישע מאסן־קברים אין טרעבלינקע. איך שאָקל זיך מיט מיט

דיביימער, וואָס האָבן זיך צעדראָונט. איך זע איצט אַלע טרעבלינקער מתים, איבער וועלכע בלויז די ביימער זענען געבליבן קדיש זאָגן. וויגט מיך אַזוי דער בוים און איך הער ווי די בלעטער שושקען זיך און גיבן זיך איבער סודותפֿול פֿון איין בוים צום צווייטן, אַז איצט בויגט מען זיך אין טרויער פֿאַר די קדושים פֿון טרעבלינקע.

* * *

עס ווערט ווידער שטיל אין וואַלד. און איך קלאַמער זיך מיט די הענט אָן די צווייגן, קעמפֿנדיק מיט דער טויט־מידקייט און מאַכטלאָ־זיקייט, מיט דער ציטערנדיקער קעלט, וואָס וויל מיך פֿון בוים אַרונטער־שליידערן.

לאַנגזאַם פֿאַרלירט די לבנה איר נאַכטיקע ליכטיקייט אין דעם גרויען פֿרימאָרגן וואָס פֿאַריאָגט די נאַכט. די זון הייבט אָן אויפֿגיין און צעצינדט מיט אירע גאָלדשטראַלן דעם גרויען פֿרימאָרגן.

ווידער זון־ליכטיקייט. איך שרעק זיך פֿאַר איר ליכט, אָבער איך גאַר נאָך איר וואַרעמקייט. און איך קוק טאַקע ווי זי טוט זיך דערהייבן, איך וויל זי שוין האָבן איבער מיין בוים, איבער מיין נאַקעטן קערפּער. די צווייגן זענען נאָך נאַס און איך שאָקל די טראָפּנס אין מיין דורשטיק מויל. איך הער אויף צו ציטערן פֿון קעלט, אָבער דער הונגער הייבט מיך אָן צו מאַטערן. איך וויל געפֿינען אַ וועג צום לעבן. אַז איך האָב געפֿונען אַ וועג פֿון טרעבלינקער גיהנום, מוז איך אָנהייבן זוכן דעם וועג צום לעבן.

איך קוק מיך אַרום, פֿון מיין בוים זע איך דערפֿער און קאָלאָניעס און די ברייטע פֿעלדער אין אַ זייט פֿון וואַלד.

וואָס מאַכט מען נאַקעטערהייט? וועט זיך דאָ אין וואַלד נישט באַ־ווייזן קיינער, וואָס זאָל גרייט זיין מיר צו העלפֿן? נישט פֿון קיין וואַלד־רויבער טראַכט איך איצט, נאָר וועגן אַזעלכע, וואָס וועלן מיך אָדער שטויסן צום לעבן אָדער טויטן, אָבער נישט מיט אַזאַ טויט ווי אין טרעבלינקע.

עס דערהערן זיך טריט. שנעלע טריט ווי איינער וואָלט געלאָפֿן. ווער איז דאָס? עס לויפֿט אַ הונט. נאָך אים גייט אַ וואַלד־וועכטער אין אַ טונקל גרויען אַנצוג, אָבער פֿאַר אים האָב איך מורא, דאָס פֿלעגן די

וועכטער אין וואלד אָנוויזן די דייטשן אויף באהאלטענע יידן. ביי אים קען איך קיין רעטונג נישט געפינען, ער וועט מיך צוריקשיקן קיין טרעב־לינקע. ער פארשווינדט פייפנדיק צום הונט, ווי ער וואָלט מורא געהאט אליין צו בלייבן אין וואלד.

אזוי זיץ איך אויף דעם בוים, פילנדיק ווי דער טאָג פארשווינדט און אויך מיין ביסל כוחות לאָזן זיך מיר אויס, נישט וויסנדיק ווי אזוי צו געפינען א רעטונג אין מיין פארצווייפלטער לאגע. די זון הייבט אָן פארגיין און איך דערפיל א שרעק פאר דער אָנקומענדיקער נאכט. איך דער־פיל ווי די נאכט־קעלט וועט מיך פון בוים אראָפּשמעטערן. אזוי מאטערנ־דיק זיך אין מיינע פינסטערע גדאנקען, דערהער איך ווי עס טרייבט ווער בהמות צום אויסגאנג פון וואלד, איך קוק זיך אויפמערקזאם צו און דערזע אין מיין ריכטונג קומען אן אלטע פויערטע מיט א קליין פויעריש מיידל, וואָס טראָגט א קוישל אין האנט און די אלטע פויערטע טרייבט מיט א צווייג די בהמות, וואָס קומען אין ריכטונג פון מיין בוים. איך כאַפּ מיך שנעל אויף פון די צווייגן, וואָס האָבן זיך שוין אין מיין לייב איינגעשניטן, און הייב אָן שנעל אראָפּקריכן מיט דער זעלבער מאלפּישער שנעלקייט, ווי איך בין אויף דעם בוים ארויף. ווען איך בין אראָפּגעשפרונגען, האָב איך דערהערט אַן אויסגעשריי אָנרופנדיק גאָטס נאָמען...

די אלטע פויערטע, אָנגעטון אין א פויעריש העמד, וואָס איז ביז דער טאַליע געווען באַצויגן מיט א פויעריש ברייט און לאנג האלב־קליידל, אויף וועלכן זי האָט געטראָגן א פארטוך, האָט פון שרעק פארלוירן פון איין האנט די עקן פון פארטוך, אויסשיטנדיק די וואלד־געוויקסן, וואָס זי האָט געהאט אָנגעקליבן. דאָס פויערישע מיידעלע האָט פעסטהאלטנדיק דאָס קוישל זיך צוגעטוליעט צו דער אלטער פויערטע, זוכנדיק שוץ ביי איר באבען א וויינענדיקע פון שרעק... נאָך א קורצער ווײַלע געלינגט מיר צו באַהערשן זייער שרעק און פארלוירנקייט. איך דערצייל זיי שנעל, פון וואנען איך קום. איך זאָג צו זיי: האָט גאָט אין הארצן און גיט מיר עפּעס הילף. די אלטע פויערטע איז שטארק גערירט געוואָרן און האָט מיר געגעבן ברויט און מילך. געגעבן מיר דעם פארטוך צו פארדעקן א האלבן נאקעטן קערפּער און אָנגעוויזן מיר דעם וועג אין דער ריכטונג צו דער שטאָט. איך האָב זיך דאן געפונען 16 קילאָמעטער פון סאָקאָלאָוו־קאסאוו.

די פויערטע, וועלכע האָט מיר צוגעזאָגט צו ברענגען נאָך עפּעס קליי־דער אין וואלד, האָט זיך שוין מער נישט געוויזן. איך בין ווידער אליין געבליבן אין וואלד, אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער וועלט. דאָך האָט מיר די ערשטע הילף פון דער אלטער פויערטע צוגעגעבן דערמונטערונג. איך האָב באשלאָסן, ווען עס וועט צופאלן די נאכט, וועל איך זיך לאָזן אויפן וועג, אזוי ווי זי האָט מיר אָנגעוויזן. ווען די נאכט איז צוגעפאלן, האָב איך אָנגעהויבן וואנדערן איבער די וועלדער אין דער ריכטונג פון דער שטאָט, לאָזנדיק זיך פירן פון אן אומבאשטימטן גורל. איך האָב געוואנ־דערט אין וואלד און די לבנה האָט מיר באלויכטן דעם וועג. א שרעק האָט מיך באהערשט אין דעם דאָזיקן אויסטערלישן גאנג. איך בין געלאָפן ווי פון א פאטום געיאָגט.

אזוי וואנדערנדיק בין איך דערגאנגען צום ראנד פון וואלד, נישט וויסנדיק ווו איך געפין זיך. איך בין ארויס אויף פעלדער און דערזען שיטערע צעוואָרפענע פויערישע קאָלאָניעס. איך באשלים איבערגעבן מיין גורל אין די הענט פון אזא פויער, אפשר וועל איך ווידער אָנטרעפן אויף א גוטן מענטש.

שטיל, אויף אלע פיר, עס זאָל מיך קיינער נישט דערזען, קריך איך צו נאָענט צו א פויערישער ווירטשאפט און באהאלט זיך צווישן א סטויג אויסגעדראָשענע שטרוי אוןווארט ביז דער פויער וועט זיך באווייזן פארטאָג ארום זיין כאטע.

ליג איך אזוי איינגעגראָבן אין דעם שטרוי, וואָס האָט מיך צוגע־דעקט און געוואַרעמט און קען נישט באקעמפן די טויט־מידקייט, איך הייב אָן דרימלען, ביז איך פאל אריין אין א טויט־מידן שלאָף. אין שלאָף ווער איך באהערשט פון שרעקלעכע קאָשמאַרן, עס חלומט זיך מיר דער טרעב־לינקער גיהנום, ווי די מערדער יאָגן מיך נאָך איבער די פעלדער און וועלדער, און זיי כאפן מיך, ווען איך ליג פארשטעקט אין א לאָך. די מער־דער שלעפן מיך צום מאסן־קבר אין וואלד צווישן די זאמדן, איך קאָרטשע זיך אין דרייען אין טויטלעכע קאָנוווּלסיעס, און עס דאכט זיך מיר, אז איך ליג שוין צווישן די טויטע.

* * *

אויפגעוועקט האָט מיך א פויער, ארויסשלעפנדיק מיך פאר א נאקעט ארויסגעשטעקטן פוס פון דעם איינגעגראָבענעם שטרויענעם לאָך. איך בין ווי צעטומלט און קען נישט פארשטיין, ווו איך געפין זיך. איך קום אָבער שנעל צו זיך און דערצייל דעם פויער, פון וואנען איך קום און הייב אים אָן בעטן הילף. ער האָט אויף מיר באקומען רחמנות און פירט מיך ארויף אויף א שטאל־בוידים, גיט מיר אָנצוטון א פאָר הויזן און א פויעריש העמד, באזאָרגט מיך מיט עסן און מיט וואסער ארומצוואשן די בלוט־פלעקן. האָבנדיק שוין צוגעדעקט מיין נאַקעטן קערפער און געשטילט דעם הונגער, האָב איך מיך אָנגעהויבן דערפילן צוריק אין מיין מענטשלעכער ראָל. איך האָב דערזען, אז דער שיקזאל פון רעטונג באגלייט מיך. איך האָב ווידער געקריגן א שטארקן דראנג צו זוכן די וועגן צום לעבן מיט דער בלינדער האָפענונג, אז דער גליקלעכער שיקזאל וועט מיך אויך ווייטער נישט פארלאָזן. ביי דעם פויער בין איך געבליבן אַ גאנצן טאָג צווישן די שטרויענע סנאָפעס אויפן שטאל־בוידעם.

ביינאכט קומט צו מיר דער פויער און זאָגט מיר, אז איך מוז פאר־לאָזן די באהעלטעניש, ווייל די קאָלאָניסטן ריכטן זיך אויף אַן אָבלאווע מצד די דייטשן. איך פארלאָז דאָס אָרט דאנקענדיק דעם פויער, וועלכער זאָגט צו מיר:

— אז דו ביסט פון טרעבלינקע ארויס, וועט דיך שוין דער טייוול נישט נעמען.

זייענדיק שוין אָנגעטון אין פויערישע קליידער, האָב איך מיך גע־לאָזט אויפן וועג קיין סאָקאָלאָוו, ווּהין איך האָב נאָך געהאט 10 קילאָ־מעטער. איך בין געגאנגען דורך וועגן שוין גוט אויסגעטרעטענע דורך טויזנטער יידן, וואָס האָבן דאָ געוואנדערט און געוואָלט געפינען אין פאר־צווייפלונג א רעטונג. איך האָב שוין געקענט יעדן וועגל און שטעגל.

VII

צוריק אין סאָקאָלאָוו

דערנענטערנדיק זיך צו דער שטאָט, האָבן מיך באַהערשט שרעקלעכע געפילן. איך האָב דערפילט א געוואַלדיקע פרעמדקייט צו דעם שטעטל, וואָס איז מיר נאָך מיט א קורצער צייט צוריק אזוי אייגן געווען. איך בלייב שטיין, ווי איינער וואָלט מיר דעם וועג פאַרשטעלט און קען ווייטער נישט גיין. איך זעץ מיך אוועק אונטער א בוים, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון דעם וועג אין פעלד. איך טראַכט וווּ און צו וועמען גיין.

עס הייבט מיך אונטער א קעלט, וואָס שניידט מיינע באָרוויסע פיס, איך לאָז מיך ווייטער גיין און דערנענטער זיך צו דער שטאָט, אָבער שוין דורך דער פּוילישער זייט צום מאַרק, צו דער לאַנגער גאַס. איר ענדע, וואָס איז אביסל באַרג־אַראָפּ, שניידט דורך א צווייטע גאַס, וועלכע פירט פון דער לינקער זייט אויף דער ליפּאָווע. דאָס איז די גאַס, וואָס פירט צום באַנהויף, וועלכער געפינט זיך אין ערך א קילאָמעטער הינטערן שטעטל. די נידעריקע הייזלעך, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין צוויי גלייכע רייען פוןביידע זייטן, ענדיקן זיך ביי ברייטע פעלדער. דאָרט רעכנט זיך דער אָנהייב און סוף פון דער זייט שטעטל.

צווישן די נידעריקע הייזלעך אויף דער ליפּאָווע איז געשטאַנען א הויכע נייע געביידע. דאָרט איז געווען די אַדמיניסטראַטיווע רעזידענץ פון בירגערמייסטער גראַמס. אנטקעגן דעם מאָדערנעם נייעם הויז איז געשטאַנען א פאַרעלטערט הילצערן הייזל מיט נידעריקע אַראָפּגעלאָזטע פענסטער נאָענט צו דער ערד. דעם צוגאַנג צו דעם הייזל האָט אָפּגעטיילט א פּאַרקאַן מיט א טויער, וואָס פלעגט זיך עפענען אויף צוויי העלפטן. דאָס נידעריקע הייזל, וואָס איז געווען צוזאַמען געבויט מיט האָלץ און חזירים־

שטעלעכלעך, איז געווען צעטיילט אויף א שותפותדיקער וווינונג. פון דער לינקער זייט טיר דורך דער וועראַנדע האָט געפירט צו דעם באַלעבאָס פון הייזל, די רעכטע טיר צו דער פּוילישער פאַמיליע ראַגאַזשינסקי, וואָס האָט דאָרט געוווינט. אָט צו דעם הייזל, וואָס האָט געטראָגן דעם נר. 12, האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע מיינע געדאַנקען. מיט די מענטשן, וואָס וווינען אין דער רעכטער זייט אין הייזל, האָב איך פאַרבונדן מיין גורל און גע־גאַנגען זיך איבערגעבן אין זייערע הענט.

מיט די געדאַנקען בין איך אריין אין סאָקאָלאָוו אויף דער פּוילישער זייט. אין שטעטל איז שוין געווען די לעצטע מינוטן פון קענען גיין אין גאַס. עס איז שוין געווען האַרט פאַר די נאַכט־שעהן, אין וועלכע עס איז געווען פאַרבאָטן די ציווילע נאַכט־באַוועגונג. האָבן זיך אַלע דורכגייענ־דיקע געאיילט נישט צו פאַרשפּעטיקן צו קומען אהיים און איך האָב מיך אויך געאיילט דורך די פּאָר גאַסן. ווי א שאָטן האָב איך זיך געשאַרט ביי די ווענט.

ווען איך בין צוגעקומען צו דעם הייזל, האָט מיך אַרומגענומען א שרעק. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס איך האָב צו טון. איך האָב מיך אַרומגעדרייט ווי א הונט אין דער פרעמד.

דורך די פענסטער, וואָס זענען געווען פאַרטונקלט, האָב איך געפו־נען א שפּאַרעלע, דורך וועלכער איך האָב אַריינגעקוקט צו די ראַגאַזשינ־סקיס אין וווינונג און דערזען דאָרט אויך זיצן פרעמדע פּאָליאַקן שכנים, פאַר וועלכע איך האָב מורא געהאַט זיך צו באַווייזן. נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף זייער אַרויסגאַנג, האָב איך באַשלאָסן דערווייל זיך אויס־באַהאַלטן אין איינעם פון די שטעלעכלעך, וואָס זענען געווען פאַראייניקט מיט דעם הייזל, וואָס איך האָב זיי זייער גוט געקענט. ביינאַכט זענען די טירלעך פון יעדן שטעלכל געווען פאַרשלאָסן, האָב איך אויפגעריסן א ברעט און זיך אַריינגעלאָזט אין א פינסטער לאָך, נישט וויסנדיק, אז איך פאַל אַרויף אויף א שלאָפנדיקן חזיר, וועלכער האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן רעווען. דאָס ווילדע שרייען פון חזיר האָט מיך אויך איבער־געשראָקן, אָבער איך האָב זיך שנעל באַהערשט און אָנגעהויבן קראַצן און גלעטן אים, ער זאָל פאַרשטומט ווערן. אָבער א חזיר בלייבט א חזיר, ער האָט ווייטער געברומט דורך זיינע חזירישע נאָזלעכער. דאָס האָבן דערהערט

די שטוב־מענטשן פון די ראגאזשינסקים און עס האָט זיך אימיצער באַוויזן מיט א לאָמטערן און איז גלייך אריינגעגאנגען אין שטעלכל. ווען דער חזיר האָט אָנגעהויבן שפּרינגען אויף דער וואנט פון טירל, האָב איך זיך פארשטעלט אין א ווינקל נעבן טירל, אז די שיין פון לאָמפּ זאָל אויף מיר נישט פאלן. אין שטאל האָט זיך באוויזן די פרוי ראגאזשינסקא, וועלכע האָט גערעדט צום חזיר פון יענער זייט טירל: „וואָס האָסטו זיך אזוי צעשריען מיין טייער חזירל? וועסט באלד קריגן עסן, נאָך א פּאָר מינוט"... די פרוי ראגאזשינסקא האָט אריינגעקוקט צום חזיר, וועלכער איז געשטאַנען ביים אָפענעם טירל, געשמעקט און געברומט צו דער גויע, ווי ער וואָלט זי נישט געוואָלט ארײנלאָזן טיפער אין שטעלכל.

איך האָב באשלאָסן אונטערצוווארטן, ביז דער חזיר וועט זיך פארשטאָפּן דאָס מויל ביי דער קאָריטע און דאן לאָזן וויסן וועגן זיך.

די גויע איז אוועק, נישט פארשליסנדיק די טיר. זי איז טאקע באלד צוריקגעקומען מיט אַן עמער געקאָכטע צעריבענע קארטאָפל און אויסגעגאָסן אין דער קאָריטע, וואָס איז געשטאנען נעבן טירל. דער חזיר האָט אריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער קאָריטע וואָרטשענדיק, געפּאטשט מיטן פרעסער און פארגעסן אָן מיר.

די גויע איז געבליבן א ווײלע זיצן מיטן לאָמפּ אין איין האנט, מיט דער צווייטער גלעטנדיק דעם חזיר, וואָס האָט צופרידן געפרעסן זיין נאכטסעודה.

און איך שטיי נאָך אלץ אזוי איינגעבויגן אין פינסטערן ווינקל, האלט איין מיין אָטעם, און קען נאָך אלץ נישט אויסרעדן קיין וואָרט, ווי איך וואָלט דאָס לשון געהאט פארלוירן.

ווען די גויע האָט אָנגעהויבן אוועקנעמען דעם לאָמפּ נעבן טירל, אונטערברומענדיק א פּאָר ווערטער צום חזיר, האָב איך מיך אינסטינקטיוו אָפּגעריסן פון אָרט און פארהאלטן דאָס טירל, וואָס זי האָט שוין געהאלטן ביים צומאכן. די גויע, מיינענדיק אז עס ליגט עפּעס צווישן טירל, האָט אָנגעהויבן נאָכקוקן, צוליכטנדיק און אין דעם מאָמענט דערזען מיין האנט. זי איז אָפּגעשפּרונגען אין שרעק, קוקנדיק צעמישט אויף מיר, ווו איך בין שטיין געבליבן, זיך איינגעבויגן אין אָפענעם טירל. דערהערנדיק מיין נאָמען, פון וואָס זי האָט מיך גלייך דערקענט, האָט זי געהאלטן אין איין דער-

מאָנען גאָטס נאָמען, שווער אָטעמענדיק פון איבערגעלעבטן שרעק, מייד נענדיק אז דער טייוול האָט זיך איר באוויזן...

ווען זי האָט זיך אביסל בארואיקט, האָט זי מיך איבערראשט גע־פרעגט, פון וואנען איך קום אהער אין דעם שטעטלכל און מיט אזא אויס־זען. ווען איך האָב איר אין אָפּגעהאקטע איינצלנע ווערטער דערציילט, פון וואנען איך קום, איז די פּויערטע אָן איבערראשטע אריין אין דער וווינונג און געהייסן מיר צוווארטן אין שטעלכל, ביז זי וועט ווידער קומען. אין א קורצער צייט ארום איז זי ווידער צוריקגעקומען אין באגלייטונג פון איר זון פלאָריאַן און זיי האָבן מיך ארייגעלאָזט אין א פינסטער ווינקל צווישן האָלץ און געהייסן צוווארטן, ביז די שכנים וועלן פארלאָזן די וווינונג. ווארטנדיק אין דעם פינסטערן ווינקל, האָבן מיך געפּייניקט פאר־שידענע געדאנקען, איך האָב פארשטאנען, אז צווישן דער משפּחה אין דער וווינונג וועט ערשט באטראכט ווערן, וואָס זיי זאָלן מיט מיר טון, אָדער מען וועט מיר געבן צייטווייליקע הילף און הייסן גיין ווייטער, ווידער זוכן גליק אין פעלד, אָדער זיי וועלן עפּעס טון פאר מיר. איך האָב געפילט, אז דער גורל מיינער ליגט אין די הענט פון די מענטשן.

אין א צייט ארום האָט זיך באוויזן צו מיר די פרוי ראגאזשינסקא איבעררייסנדיק מיינע מחשבות און מיר דערקלערט, אז זיי האָבן באשלאָסן מיר צו געבן הילף, נאָר צוליב מיין פלוצלינג באווייזן זיך זענען זיי נאָך צו דעם נישט פארגעברייט און צוליב קאָנספּיראציע פאר זייער באלעבאָס און שכנים וועלן זיי מיך דערווייל באהאלטן אין אן אנדער אָרט. זי האָט מיך ארייגעפירט אין אן ענגער שטייג צווישן צוויי שיטערע ווענטלעך, וואָס האָבן אָפּגעטיילט דעם חזיר־שטאל פון א האָלץ־סקלאד, דאָרט אויסגע־לייגט שטרוי און מיר געגעבן אן אלטן פאלטן זיך איבערצודעקן. זי האָט מיר געברענגט עסן. פארלאָזנדיק דאָס אָרט, האָט זי מיר געזאָגט, אז דורך דער נאכט וועלן זיי באשטימען וואָס ווייטער צו טון מיט מיר. בלייבנדיק אליין אין דער דאָזיקער שטייג, האָב איך א גאנצע נאכט נישט געקענט איינשלאָפן און נאָר געטראכט וועגן מיין פארצווייפלטער לאגע.

די ראגאזשינסקיס האָבן געשטאמט פון פּויזנער געגנט, פון א קליין שטעטל אין קרייז וואלטשין.

ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט פּוילן און פאראייניקט די מערב־

טײלן צום דריטן רײך, האָבן זײ גלײכצײטיק מיט צװאַנג געװאָלט גער־מאַניזירן די דאָרטיקע פּױלישע באַפעלקערונג, װאָס האָט געװױנט אַמ־מײנסטן אין יענע געביטן נאָך פון פאַר דער ערשטער װעלט־מלחמה.

אַ סך פון די דאָזיקע פּאָליאַקן, װעלכע האָבן נישט געװאָלט פאַר־לירן זײערע פאַרמעגנס, האָבן פאַרשװעכט זײער נאַציאָנאַלן פּאַטריאָטיזם און זיך געלאָזט „פאַרדײטשן" מיטן אײנשרײבן זיך אַלס „פאָלקס־דײטשן". די דאָזיקע „פאָלקס־דײטשן" זענען נישט בלױז געבליבן בײ זײער אײגנ־טום, נאָר אױך נאָכמער באַרײכערט געװאָרן פון דעם פאַרמעגן, װאָס איז געװאָרן אװעקגענומען פון די פּאָליאַקן, װעלכע האָבן זיך נישט געלאָזט גערמאַניזירן און „אױסגעזידלט" געװאָרן אין קאָנגרעס־פּױלן אין אַ. ג. „גע־נעראַל גובערנעמענט".

צו די לעצטע האָט אױך געהערט די פאַמיליע ראַגאַזשינסקי, װאָס איז פאַרטריבן געװאָרן מיט נאָך פיל אַנדערע פּאָליאַקן קײן סאָקאָלאָװ און געװױנט אױף דער ליפּאָװע נר. 12. די דאָזיקע פאַמיליע איז באַשטאַנען פון 6 פּערזאָן.

דער עלטער ראַגאַזשינסקי, שױן איבער די פופציקער, אַביסל גרױ־לעך, אַ הױך־װוּקסיקער מיט אַ פּאָר ברײטע פּלײצעס, מיט אַ מאַט־רונדיק פּנים, װאָס איז שטענדיק ערנסט געװען, טײל מאָל אָנגעכמורעט, נישט אױס בײזקײט נאָר צוליבן װײניק רעדן. געמאַכט האָט ער דעם אײנדרוק פון אַ פלעגמאַטיקער, צוליב זײן קנאַפּער באַװעגלעכקײט, ליב געהאַט רו אַרום זיך, פײנט געהאַט זיך אױפצורעגן, בכלל געװען אַ מענטש מיט גע־זונטע נערװן. אַמבעסטן פלעגט ער זיך פּאַסן מיט זײן פאַרטראַכט פּנים בײ זײן שרײבטישל, װוּ ער פלעגט אָפט נאָטירן אין זײנע ביכער די אַר־בעטס־ענינים אַלס בױ־מײסטער, אַרום אים האָט דאַן געמוזט זײן אַ דורכ־אױסיקע רואיקײט, װאָס די שטוביקע האָבן שױן געװוּסט. אַלײן אַ שװײ־גער, פלעגט ער ליב האָבן די אַנדערע מאַכן רעדעװודיק װעגן פּאָליטישע נײעסן, װעגן דער לאַגע אױף די פראָנטן, װאָס פלעגן דאַן געהײם דיס־קוטירט װערן. ער אַלײן פלעגט װײניק לײדנשאַפט אַרױסװײזן בײ אָט די פראַגן, נישט צוליב פּאַסיװקײט און װײניק אינטערעס צו דעם, נאָר אַזױ איז שױן געװען זײן נאַטור. ער פלעגט טאָלערירן אַ צװײטנס רײד און לאָזן אַ סך מאָל װאַרטן אױף זײן ענטפער.

דער אלטער בית־המדרש, ווו עס געפינט זיך איצט די סאָקאָלאָווער שטאָט־פארוואלטונג



דער אמאָליקער נייער בית־המדרש, וואָס איז היינט א קלוב־לאָקאל

אממיינסטן פלעגט ער פון זיך לאָזן הערן, ווען עס פלעגט צו רייד קומען וועגן דעם, צי די דייטשן וועלן פארשפּילן דעם קריג. ביי דער פראגע פלעגט ער ברעכן זיין שווייגן און מיט פאקטן און ציפערן פלעגט ער וועלן איבערצייגן, אז די נאצים קענען די מלחמה נישט געווינען. ער איז געווען א פארביסענער שונא פון די דייטשן. זייער מפּלה איז ביי אים פארוואנדלט געוואָרן אין א שטארקן גלויבן. ביי די פראגן האָבן א סך צווייפלער גע־ווּסט, אז מיט יוזעפן דארף מען צושטימען.

ער האָט ארויסגעוויזן א סך מיטלייד מיט ליידנדיקע נאצי־קרבנות און ביי זייער א סך פאלן איז ער זיי געקומען צו הילף.

זיין פרוי, אויסער מיט איר גוטער נאטור, האָט זיך מיט א סך אייגנ־שאפטן דיפערענצירט פון איר מאן. העכער פערציק יאָר אלט, מי־טעלע ווּקס און זייער א באוועגלעכע. א קאָפּ בלאָנדע האָר מיט א שרונט אין מיטן פארקעמט, א לענגלעך פּנים מיט א פּאָר בלויע קלוגע אויגן. גאנץ אָפט א שמייכלדיקע און א בארעדעוודיקע. דער שמייכל פלעגט איר אביסל פארברייטערן איר אָפּגעצויגן פּנים, אין וועלכן מען האָט דערקענט פיל מענטשן־ליבע און גוטהארציקייט. זייער א פרומע, נישט דורכגעלאָזט קיין טאָג, אז זי זאָל נישט זיין אין קלויסטער.

די צוויי דערוואקסענע טעכטער האָבן שטארק כאראקטעריזירט די דיפערענצירטע אייגנשאפטן פון זייערע עלטערן. די עלטערע, אירענא, פון א יאָר דריי־פיר און צוואנציק, האָט דערמאָנט די אייגנשאפטן פון איר מוטער מיט איר אויסזען, מיט איר אימפּולסיווער באוועגלעכקייט, מיט איר געלעכטער, וואָס פלעגט זיך צעקלינגען אין דעם קליינעם שטיבל. זי פלעגט שטענדיק די מוטער באגלייטן אין קלויסטער, פון וואנען זי פלעגט קומען אַן ערנסטע נאָכן מתודה זיין זיך פארן גלח. מיט איר גוטהארצי־קייט האָט זי זיך מיר געלאָזט דערקענען ביים זאָרגן וועגן מיין באקוועמ־לעכקייט אין מיין שפּעטערדיקער באהעלטעניש.

די צווייטע שוועסטער, די יינגערע, ביי די צוואנציקער (איר נאָמען האָב איך פארגעסן), האָט געהאט דעם פאָטערס מאָטיוווקייט און די הויכע פיגור. זי פלעגט א סך לייענען, ביי וואָס זי האָט אמבעסטן געברענגט צום אויסדרוק איר שטילקייט. אביסל שפּעטער האָט זי מיך געלערנט מיט פיל ערנסטקייט די קריסטלעכע תפילות פון איר געבעט־ביכל, וועלכעס זי האָט

מיר מיטגעגעבן אלס אַנדענק און סגולה אויף מיין וואנדער־וועג אלס פּאַליאַק. זי פלעגט מיר אָנזאָגן, אז איך זאָל אָן די תפילות נישט פארגעסן, ווייל דאָס וועט מיר פארלייכטערן אין מיין שווערן וועג, וואָס שטייט מיר נאָך פאָר. זי איז געווען זייער רעליגיעז און ארויסגעוויזן א סך מענטשן־ליבע.

די צוויי שוועסטער מיט די פיל קאָנטראסטן אין אויסזען און כאַ־ראקטער האָט אָבער פאראייניקט איין געמיינזאמער שטריך — זייער גוט־הארציקייט און אויפריכטיקע קעגנזייטיקע ליבע.

זייער ברודער פלאָריאַן, א הויכער, א שלאַנקער, אַן אויסגעצויגענע פיגור מיט א האלב קיילעכדיק יונג פּנים. ווען ער פלעגט אריינקומען דורך דער נידעריקער טיר אין קליינעם שטיבל, האָט עס אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געבויגן פארן כריסטוס־בילד, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואנט אנטקעגן. ער פלעגט גיין מיט א פויזנערישער שטאָלצקייט, ווי ער וואָלט געוואָלט נאָך מער אויסציען זיין אריבערגעוואקסנקייט. ליב געהאט זיך צו מאכן ערנסט, כדי ארויסצורופן דורך דעם אכטונג פון פרעמדע מענטשן צו אים. אָבער אין שטוב פלעגט ער זיין שטיפעריש מיט דעם קליינעם יורעק און א סך מאָל אויספּילן די שטוב מיט זיינע פריילעכע שטיקלעך... ווען פלאָריאַן פלעגט אָנקומען, פלעגט מען שוין דערהערן זיין אונטערפייפן ביים דערנענטערן זיך צום הייזל. מען פלעגט אים אָפט זען אין א געטוויש־טער שטימונג. דאָ הערט מען אים דערציילן א מעשאציע פון שטעטל אָדער פון דער וועלט, דאָ הערט מען אים דערציילן א וויץ. אביסל שפּעטער זיצט ער שוין אַן ערנסטער ביים טישל, איבער זיינע פּלענער־צייכענונגען אלס געוועזענער שילער פון א בוי־טעכניקום, צוזאמען מיטן פאָטער שטודירט ער דעם פּלאַן פון א פרישער בוי־באשטעלונג פון דער שטאָטישער מאכט.

דאָס וואָס ער איז דערצויגן געוואָרן אין די מערב־געביטן פון פוילן האָט אויף אים ארויפגעלייגט אַ באַזונדערן חותם. און ער פלעגט זיך טאקע דיפערענצירן פון דער ארטיקער מזרחדיקער פוילישער באפעלקע־רונג אלס פּאזנאניאק. דאָס פארטרייבן די פּאָליאקן פון זייער אייגנטום האָט אויף אים נאָך שטארקער געווירקט און אויף זיינע פּאַטריאָטישע גע־פילן, וואָס האָבן אין אים דערוועקט א שטארקן האַס צו דער גערמאנישער ראסע. ער האָט שטענדיק ליב געהאט אָנצוזאָגן מפלהם פון די דייטשן

אויף די פראָנטן. ער פלעגט זיך אָפט פארשאפן געהיימע ליטעראטור און דאָס פאָרלייענען פאר די שטוביקע. ביים העלפן פארשאפן מיר א פוילישן דאָקומענט האָט ער דורכגעפירט א דרייסטע און געוואגטע האנדלונג, וועגן וואָס איך וועל ווייטער דערציילן.

דער יינגסטער פון דער משפחה איז געווען דער זעקסיעריקער יורעק. ער איז געווען פלינק און רירעוודיק און פלעגט זיך אומעטום באַוועגן, אים פלעגט זיין ענג אין שטוב, ווו ער האָט זיך געפילט ווי א פויגל אין א שטייג. ווען ער פלעגט ארויסגיין אין דרויסן ארום דעם הייזל זיך צע־שטיפן, האָט ער שוין אָפגעטון אַזעלכע זאכן, אלע זאָלן ווּיסן, אז יורעקל איז דאָרט געווען.

וועגן די יידן האָט יורעקל געוווּסט, אז די דייטשן האָבן זיי אלע אויסגעשאָסן. ער האָט נאָך אפילו געקענט נאָכמאכן, ווי שנעל די ביקסן־שאָסן האָבן געפּוקעט, ער געדענקט נאָך ווי דאָס שטיבל פלעגט א ציטער טון ביי די גראַנאַט־אויפרייסן און אפילו ביינאכט האָבן די דייטשן געשאָסן די יידן, און ער פלעגט זיך דרייען אין בעט צוגעטוליעט צו דער מאמען און נישט געקענט איינשלאָפן.

יורעקל פלעגט אפילו נאָך דערציילן, וועלכע באקאנטע יידן זיינע שטוביקע האָבן דערקענט צווישן די געטריבענע צו דער באן קיין טרעבלינקע.

און ווען די מאמע האָט אים דערציילט שטיל אויפן אויער, אז ער זאָל נישט אויסזאָגן, אז ביי זיי געפינט זיך א ייד באהאלטן, ווייל די דייטשן ווילן אים שיסן, פלעגט ער ארומטראָגן ביי זיך דעם סוד און קיינעם אין דרויסן נישט דערציילן.

שפּעטער, ווען ער האָט זיך מיט מיר נאָך נענטער באקענט און פאר־היימישט, איז יורעקל געוואָרן מיין ליבלינג אין דער באהעלטעניש, וווּ ער פלעגט זיך אָפט צו מיר באווייזן. א לענגערע צייט איז מיר געלונגען אָפּצוהיטן אין מיין וואנדער־וועג דאָס מעסערל און שפּיגעלע, וואָס יורעקל האָט מיר מיטגעגעבן אלס אָנדענק.

אָט צו דער דאָזיקער פאמיליע האָב איך דעם 12טן אָקטאָבער 1942 זיך איבערגעגעבן און געזוכט א רעטונג אין מיין פארצווייפלטער לאגע.

דאָס ערשטע געפיל פון האָפענונג האָב איך אָנגעהויבן דערפילן אין דער שטייג, וואָס האָט פאר מיר געדינט אלס צייטווייליק באהעלטעניש

דורך דער ערשטער נאכט. דאָרט בין איך געלעגן א לאנגע צייט אין שלאָפ־לאָזיקייט און געטראכט, וואָס די גוטע מענטשן װעלן באשטימען מיט מיר װייטער צו טון.

אזוי בין איך געלעגן אין דער שמאָלער שטייג צװישן די װענטלעך אויף דער ערד, וואָס איז געװען באדעקט מיט א סנאָפּ שטרוי, איינגע־קאָרטשעט די פיס אונטערן קורצן בגד, איבערגעדעקט איבערן קאָפּ און טראכט און קען זיך נישט גלויבן, אז איך געפין זיך שוין אונטער א דאך, פארשטעלט פון אלע פיר זייטן, אז איך האָב שוין, װער עס זאָל זאָרגן פאר מיר. איך ליג מיט אָפענע אויגן אין דער פינסטער און מיין, אז איך חלום.

איז עס טאַקע װירקלעך? בין איך שוין פון גיהנום ארויס? לױערט שוין קיינער נישט אויף מיר?

ש־ש־ש — װער פייפט דאָס איצט ארום מיר? בין איך נישט אין װאלד? זענען נישט ארום מיר די װאלד־מענטשן, וואָס רופן זיך פייפנדיק? ניין, דאָס האָט זיך איצט צעבלאָזן א הארבסטיקער נאכט־װינט און שניידט זיך פייפנדיק אין די שטאל־װענטלעך און רייסט זיך אריין דורך די שפּאַ־רעס ארונטערקריכנדיק אונטער מיין בגד.

אויפן שטרויענעם דאך ברעכן זיך צעבלאָזענע שטרויען פון װינט און קלאַמערן זיך, װי זיי װאָלטן זיך נישט געװאָלט מיטן דאך צעשיידן.

אין שכנותדיקן הינער־שטעלכל דערשרעקט זיך א שלאָפנדיקע הון אויף איר נאכטיקער הינער־נעסט, קלאַמערנדיק זיך מיט די שפּיציקע נעגל אויף דעם דרענגל, פּאָכענדיק מיט די פליגל, איינצוהאלטן דאָס גלייכגע־װיכט, נישט ארונטערצופאלן.

צופיסנס איבער דעם װענטל צװישן האָליץ שפּילן זיך מייז, קװיטשענ־דיק און דראַפּענדיק זיך צװישן די האָליץ־לופּעס. צוקאָפּנס ליגן חזירים און בלאָזן שנאָרכנדיק פון די חזירישע נאָזלעכער, הנאה האָבנדיק פון זייער נאכט־שלאָף.

פון דער גאס הערן זיך זעלנערישע טריט פון דער זשאנדארמעריע, װאָס היט די נאכט־אָרדענונג פון די אויסגעשטאָרבענע גאסן, אונטער־ברומענדיק צום טאַקט א זיגעריש מיליטעריש לידל.

און איך קאָרטשע זיך נאָך מער איין אין דרייען אונטער דעם בגד,

וואָס באַדעקט מיין צעהאַקט לייב און דערוואַרעמט צוביסלעך מיינע צע־בראָכענע גלידער.

און מיר איז אַזוי גוט אַצינד אין דער שטייג, וואָס שיצט מיך קעגן הפקרדיקן דרויסן, איך ליג מיטן קאָפּ איבערגעדעקט אין דער פינסטערניש און מיר דאַכט זיך, אַז נישט קיין חזירים שלאָפן נעבן מיר, נאָר מענטשן שלאָפנדיקע סאָפּען אַזוי, און איך ווער מיטגעריסן און שלאָף איין.

אין שלאָף חלומט זיך מיר מיין קליין שטיבעלע אין געטאָ, ווו איך ליג אין בעט א קראַנקער און מיין פרוי שטייט איבער מיר, האַלטנדיק מיין האַנט און טרייסט מיך מיט אַזוי פיל ליבע און טרייהייט, וואָס מאַכט מיך פאַרגעסן אָן מיינע שמערצן. איך דערפיל די אידילישע שטוביקע וואַ־רעמקייט, וואָס היילט מיינע ווונדן, איך פאַרגעס דאָס טרויעריקע לעבן און עס פילט מיך אָן מיט פרייד פון האָפענונג צו די צייטן פון גליק און פרייהייט וואָס וועט קומען.

נעבן מיר ליגט מיין 4־חדשימדיק עופהלע און זינגט צו מיר מיט די וווּנדערבאַרע קינדערישע טענער, שפּילנדיק זיך מיט די פיסלעך און הענטלעך, וואָס גיסט זיך צונויף אין איין האַרמאָניע פון קינדערישן גע־זאַנג. און איך ווער באַהערשט פון פאָטערלעך גליק, און דאָס מאַכט מיך פאַרגעסן אָן אַלעס וואָס שלעכט איז, עס קומען צו מיר מיינע ברידער און שוועסטער, עס באַזוכן מיך חברים און פריינט, וואָס זאָרגן זיך וועגן מיין געזונט.

און איך ליג א צופרידענער פון די טרייסט־ווערטער. איך פיל, אַז איך בין נישט אַליין אויף דער וועלט און פיל דאָס גליק פון ליבע און טרייסט. די נאָענטקייט פון אַלע וואָס זענען מיר אַזוי ליב און טייער.

אין מיטן דערפיל איך פּלוצלינג שטאַרקע שמערצן. איך וויל זיך אומקערן פון דער זייט אויפן רוקן גלייך אויסציענדיק זיך. עס כאַפּט מיך אַרום אַ ציטערניש פון קעלט און ווייטיק, אין האַלדז הייבט מיר אָן שטיקן, איך קען זיך נישט באַפרייען פון דעם שווינדלען אין די אויגן. ענדלעך האָב איך דערזען דאָס גרויע טאָגליכט פאַר די אויגן און איך האָב דער־פילט ווי די חזירים נאָרען זיך שוין אין זייער פייכטן מיסט.

ווען דער האָן האָט גענומען קרייען אויף טאָג, האָב איך ערשט אָנ־געהויבן דערפילן, ווו איך געפין זיך, און געבליבן זיצן אין פאַרגליווערונג

און נישט געקענט קיין טרער לאָזן, וואָס זאָל מיר לייכטער מאכן דאָס שווערקייט וואָס האָט מיך געפּרעסט צום דערשטיקט ווערן.

איך האָב ערשט אָנגעהויבן פארשטיין, אז איך קום פון טרעבלינקע, און דאָרט זענען פארטרוקנט געוואָרן מיינע טרערן־קוואלן, דאָרט בין איך פארגליווערט געוואָרן, פארלירנדיק דאָס געפיל און אייגנשאפט פון לאכן דורך פרייד און וויינען פון טרויער; געבליבן בין איך בלויז ביי א טעמפּ ווילן צום לעבן, געשטויסן פון אַן אומבאוווּסטער קראַפט.

אזוי זייענדיק ארומגענומען מיט א שווערער אומהיימלעכקייט, וואָס האָט געפּרעסט און געריסן, וואָס האָט מיך געשווינדערט, קראַמפנדיק זיך אין קאָנווולסיע, האָב איך דערפילט, ווי פרוי ראגאזשינסקי שטייט איבער מיר איינגעבויגן און וועקט מיך ווי פון א לעטארגישן שלאָף.

ווען איך האָב שוין פארשטאנען, וואָס זי רעדט צו מיר, האָב איך דערהערט, ווי זי גיט מיר איבער, אז זיי האָבן פאר מיר צוגעגרייט אַן אָרט אין דער וווינונג אלס באהעלטעניש און הייסט מיר שנעל מיטגיין מיט איר.

מיר איז אָבער שווער געווען זיך צו אויפצוהייבן, עס האָט מיר אין קאָפּ געדרייט פון דער נאכט, איך האָב געפילט, אז עס גייען מיר ארויס אלע ווייטיקן. די גויע קוקט מיך אָן אביסל אין פארלעגנהייט און פרעגט מיך, צי כ׳בין קראנק.

— ניין, זאָג איך, נאָר אביסל נאָך איבערגעשראָקן פון טרעבלינקע...

איך האָב פארשטאנען, אז אלס קראַנקער האָב איך שוין מער נישט קיין אָרט אויף דער וועלט. די גויע נעמט מיך אָן פאר א האנט און העלפט מיר זיך אויפהייבן, זאָגנדיק:

— היינט ביינאכט וועסטו זיך בעסער אויסשלאָפן, ווי זי וואָלט געוואָלט צו גאָרנישט מאכן מיין אויסזען און צעבראָכנקייט. איך בלייב שטיין און שאָקל זיך אויף די פיס ווי א שכורער. אָבער איך שטרענג זיך אָן מיט אלע כוחות צו מאכן אַן איינדרוק פון א געזונטן. די גויע זאָגט מיר שטיל, אז זי וועט פריער גיין, און איך זאָל נאָכקומען אליין אין דער וווינונג, בכדי עס זאָל נישט זיין אויפפאלנדיק פאר איר באלעבאָס. זי פארשווינדט מאכנדיק מיטן פינגער נעבן מויל, אז איך זאָל זיך פארשטיין אויף איר פאָרזיכטיקייט. נאָך א פּאָר מינוט וואַרטן האָב איך מיך שנעל

אריינגעכאַפּט צו די ראַגאַזשינסקיס מיט א געמאַכטן שמייכל, אז עס איז מיר געלונגען די פּאָר טריט זיך דורכצושמוגלען, קיינער זאָל מיך נישט זען.

איך בין שטיין געבליבן אין א קליין צימערל, ווו עס האָט געפירט דער אריינגאַנג. דאָס צימערל האָט געדינט אלס קיך. ארומגעשטעלט מיט א ביסל אַלטמאָדיש קיכנמעבל, ווי א קרעדענצל אויף געפּעס. אנטקעגן דער טיר, לענגאויס דעם גאַנצן צימערל, איז געשטאַנען א דין ווענטל מיט פּאַפּיר באַקלעבט, וואָס האָט אָפּגעטיילט א טייל פון קיכל. נאָכן ווענטל האָט געהאָנגען א פאָרהאַנג, וואָס האָט געפירט אלס אריינגאַנג צו א האַלב טונקל חדרל, דאָרט איז געשטאַנען א בעט, ווו יוזעף איז געשלאָפן, אין ווינקל צופוסן איז געשטאַנען א טיפער קאַסטן אויף קאַרטאָפל, נעבן קאַסטן, א שטרויענער קויש אויף ברודיקע וועש.

די ראַגאַזשינסקי, וואָס איז אליין געווען אין קיכל, האָט מיר אָנ־געוויזן האַלב ערנסט און האַלב שמייכלענדיק, זאָגנדיק שטיל, נישט אי־בערצוּוועקן די שלאָפנדיקע, אז אין דעם חדרל, הינטער דעם ווענטל, וועל איך האָבן אַן אָרט ווו זיך צו באַהאַלטן, און קוקט זיך ארום, צי קיין פרעמדע אויער הערט נישט אונטער. וועלנדיק מאַכן מיך באַוועגלעך און רירעוודיק, זאָגט זי צו מיר שטיל אוועקפירנדיק מיך פון דער טיר:

— שנעל וואַש דיך ארום, איידער די שטוביקע וועלן פון די בעטן ארויס.

אין דרויסן האָט שוין געטאָגט, אָבער אין דעם צימערל איז נאָך דאָס פענסטערל פאַרטונקלט, באַלויכטן פון נאַכט־ליכט און איך וואַש מיך שנעל ארום מיט וואַרעם וואַסער פון א שיסל, וואָס איז געשטאַנען אין א ספּעציעל געריימט דראָטן טישל. איך פאַרשטעלנדיק זיך מיט איר אויפן ווינק, נישט שטערנדיק די סודותפולע שטילקייט. נאָכן אָפּוואַשן זיך די הענט און דאָס פּנים, קריך איך אריין אין א פּאָר מיליטערישע שיך, וואָס זענען שוין געשטאַנען פאַר מיר גרייט. אָפּזייענדיק דאָס וואַסער פון די געקאָכטע קאַרטאָפל, זאָגט זי צו מיר פון דער פּאַרע ארויס:

— אנדערע מלבושים וועט מען דיר שפּעטער געבן אין דער באַ־העלטעניש.

שנעל און רירעוודיק כאַפּט זי א טעלער און א שיסל אוועקשטעלנדיק אויפן טישל, ווו עס איז געשטאַנען א קליינער אייזערנער צלם און מאַכט

פול די שיסל מיט מילכזופ און דעם טעלער מיט קארטאָפל, פון וואָס עס צעטראָגט זיך א פארע אין דער הויך, ווי די כלים וואָלטן נאָך געשטאַנען אויפן קאָכנדיקן קיכל. א הונגעריקער זעץ איך מיך עסן, פארכשופט פון דעם גוטן ריח. פון מיין שארפן קלאַפּן צופיל מיטן לעפל ביים אָננעמען די קארטאָפל, הייבט זיך אָן יוזעף צו דרייען אין בעט, אַן איבערגעוועקטער גענעצנדיק, ווי עס וואָלט אים נאָך צוגעפעלט אביסל שלאָף.

ער דעקט אויף דעם פאָרהאַנג זשמורענדיק די אויגן פון דעם ליכט. איך זאָג אים: „גוט מאָרגן", האלטנדיק אין מיטן אראָפּשלינגען א הייסע קארטאָפל.

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס אויף יענער וועלט? — פרעגט ער מיך מיט א גלייכגילטיקייט פארדרייענדיק א סיגארעט.

— אויף דער וועלט איז בעסער, ענטפער איך אים — ווישנדיק זיך מיין פארשוויצטן שטערן פון שנעלן עסן.

יוזעף גייט ארויס פון בעט האלב־אָנגעטון און זעצט זיך אוועק נעבן קיכל, ארייננוואַרפנדיק צוריק די שטיקלעך קוילן, וואָס זענען ארויסגעפאַלן פון ברענענדיקן אייוועלע. יורעקל עפנט אויף די טיר פון שלאָף־צימער, שטעקט אריין זיין בלאָנד קעפּעלע און קוקט זיך ארום פינטלענדיק מיט די אייגעלעך, נישט פארשטייענדיק פארוואָס ביי אים אין שלאָפצימער איז שוין טאָג און אין דער קיך איז נאָך נאכט, אָבער די מוטער הייסט אים שנעל אריין צוריק אין בעט.

פון דער שכנותדיקער טיר הערט מען ארויסגיין דעם באלעבאָס איינזאַפּנדיק די שארפע פרימאָרגן־לופט.

ווען איך בין שוין פארטיק געווען מיטן עסן, לאָזט די גויע א ווײלע שטיין דעם טאָפּ מיט קארטאָפל, וואָס זי האָט שוין געהאַט גרייט צו טראָגן אין שטעלכל פאר די חזירים און פירט מיך אריין אין דעם האלב־טונקלען חדרל הינטערן ווענטל, זאָגנדיק צו מיר מיט א שמייכל, אז דאָ וועט זיין מיין באהעלטעניש. אריינברענגענדיק א בענקל, זאָגט זי:

— רו דיך אוים, זע אָבער, אז קיינער פון די פרעמדע אין שטוב זאָל דיך נישט באמערקן און פון דיר נישט הערן. ווען נויטיק איז... — ווייזט זי מיר אָן אויף א לאָך צווישן וואַנט און קאסטן קארטאָפל, און פארשווינדט שמייכלענדיק אויף דער אנדערער זייט פאָרהאנג צו איר ארבעט.

אין דעם קיך־שטיבל נעמט יוזעף אראָפּ פון פענסטער דאָס פּאַר־טונקלונגס־פּאַפּיר, פארלעשט די נאכט־ליכט און פון איבערן ווענטל, וואָס איז נישט דערגאַנגען צום סופית, רייסט זיך אריין אין חדרל א טאָג־ליכט. דאָס דערגעבנדיק ברענענדיקע קיכל אויף דער אנדערער זייט טיילט צו פאר מיר אויך א שפּאָר ביסל ווארעמקייט. איך זעץ מיך אויפן בענקל, הנאה האָבנדיק פון דעם, וואָס די מענטשן זאָרגן פאר מיר. נישט קלערנ־דיק, וואָס מאָרגן וועט זיין, זיץ איך א צופרידענער און ווער אָנגעשטעקט מיט א געפיל פון האָפענונג אויף שפּעטער. פון שלאָפצימער הערט זיך א באַ־וועגונג. יורעקל לאָזט פון זיך הערן, ער דערפרייט זיך מיטן אָנקומענדיקן טאָג. הינטער דעם ווענטל, ווו איך בין געזעסן, איז געווען פול מיט שפּאַ־רעס, וועלכע זענען געווען פארקלעפּט מיט פּאַפּיר. אין דעם פּאַפּיר האָב איך אויסגעשטאָכן לעכלעך. איך האָב געוואָלט זען, צי דורך דער טיר קומט נישט אריין קיין פרעמדער, פאר וועלכן איך דארף זיך אויסהיטן מיט א מינדעסטער באוועגונג הינטערן ווענטל. דורך די לעכלעך האָב איך אלץ געזען און דאָס האָט מיר פארשאפט א געפיל, אז איך בין נישט אליין. א חוץ דעם האָב איך געוואָלט אָבסערווירן יעדן פון די שטוביקע. איך זע דורך די לעכלעך, ווי דאָס קיך־שטיבל איז פארפולט געוואָרן מיט אלע שטוביקע פון דער פאמיליע, וועלכע מאכן זיך גרייט צום פרישטיק. איך זע ווי אלע פריש־אָנגעקומענע פון שלאָפצימער ווינקען זיך איבער מיט דער מוטער, וועלכע ווייזט זיי אויפן ווענטל צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אז איך געפין זיך שוין דאָרט.

יורעקל, וועלכער פארשטייט זיך שוין גוט אויפן ווינק, ווערט ניי־געריק און כאפּט א קוק צו מיר דורכן פּאָרהאַנג, ער דערזעט אָבער נישט מיין שמייכל צו אים און ציט זיך צוריק אביסל שרעקעוודיק. עס קומט אריין אין צימער די עלטסטע טאָכטער אירענע און באַגריסט זיך מיט מיר שמייכלענדיק ווי שטענדיק. פּארטיק מאכנדיק דאָס בעט פון איר פאָטער, זאָגט זי צו מיר, אז איך זאָל זיך בארואיקן און זיין זיכער, אז קיין פרעמד אויג וועט מיך דאָ נישט זען. אריינגייענדיק אויף דער אנדערער זייט, האָב איך געזען, ווי זי האָט מיט זשעסטן אויסגעדריקט פאר די שטוביקע, ווי איך זע אויס. דאָס האָט ארויסגערופן נייגעריקייט ביי דער יינגערער שוועסטער, וועלכע איז אריינגעקומען צו מיר, זיך באַגריסט, אָנקוקנדיק

מיך ערנסט און מיט באדויערונג אויף מיין שלעכטן גורל. זי טרייסט מיך, אז זי וועט אלע טאָג בעטן פאר מיר גאָט.

די מוטער, וועלכע איז שוין פארטיק מיטן פרישטיק, רופט אלע צום טיש און די גאנצע משפחה צלמדיק זיך זעצט זיך עסן קארטאָפל מיט א מילך־זופּ, פון וואָס די פארע פון די טעלערם צעגייט זיך איבער דער גאנ־צער שטוב.

נאָכן עסן באווייזט זיך ביי מיר פלאָריאן, וועלכער קומט אריין אין חדרל א שמייכלענדיקער, ווי איינער זאָגט: עס איז דיר געלונגען צו אנט־לויפן פון פייער ארוים. דערלאנגענדיק מיר א סיגארעט צום פאררויכערן, זאָגט ער מיר:

— ביינאכט נאָך דער ארבעט וועסטו מיר מוזן דערציילן, וואָס דו האָסט צוגעזען אין טרעבלינקע און ווי אזוי דו ביסט אנטלאָפן. ער זאָגט מיר מיט אן ערנסטער מינע, אז איך זאָל זיך נישט זארגן. ער האָט עפּעס א גוטן פּלאן פאר מיר. אָבער דערווייל וויל ער עס מיר נאָך נישט דער־ציילן. די פּאָר ווערטער האָבן מיך אויפגעמונטערט מיט א געפיל פון האָ־פענונג, נאָך נישט וויסנדיק צו וואָס.

יוזעף, וועלכער האָט געהאט זיינע ארבעטס־מלבושים אין דעם חדרל, איז אריינגעקומען זיך פארטיק מאכן צו דער ארבעט. איבעררייסנדיק זיין שווייגן, פרעגט ער מיך:

— איז דיר איצט בעסער ווי אין טרעבלינקע?

זיין פראגע און זיין גוטע שטימונג רופט ביי מיר ארוים א שמייכל, פון וואָס ער האָט שוין פארשטאנען, וואָס איך מיין. ארויסגייענדיק זאָגט ער מיר:

— אז דו האָסט ביז איצט מזל געהאט, וועט דיך דאָס מזל ווייטער אויך נישט פארלאָזן.

דער פאָטער און זון רעדן זיך דורך וועגן פונאנדערטיילן די ארבעט פאר די מענטשן וואָס זענען ביי זיי באשעפטיקט און גייען אוועק אין גאס. יורעקל וויל גיין זיך שפּילן אויפן גאס און די מוטער לערנט אים, ער זאָל אמאָל נישט ארויספּלאפּלען דעם סוד, אז א ייד ליגט באהאלטן ביי זיי. זי זאָגט צו אים:

— געדענק, יורעקל, זאָלסט פאר קיינעם נישט אויסזאָגן אין גאס.

ווען דאָס וועט ווער די דייטשן דערציילן, וועלן זיי אונדז אַלע דערשיסן אַזוי ווי זיי האָבן די יידן דערשאָסן...

יורעקל בלייבט שטיין דערשראָקן און ווייזט מיטן פינגערל אויפן מויל, קוקנדיק צום ווענטל...

די מוטער, קענענדיק שוין יורעקלען און זיין געהאָרכזאַמקייט, לאָזט אים אַרויס אין דרויסן. וואַשנדיק די כלים, באַרואיקט מיך די ראַגאַזשינסקי, אַז אויף איר יורעקלען קען זי זיך שוין פאַרלאָזן.

פון דער גאַס הערט זיך אַ באַוועגונג. עס קלאַפּן די הילצערנע אַקס־רעדער מיט די אייזערנע ראַמען, אָפּשפּרינגענדיק פון די ברוק שטיינער, עס רוישן מאָטאָרן פון די דורכפאָרנדיקע מיליטערישע לאַסט־אויטאָס, עס צעהירזשעט זיך אַ פּויעריש פערדל, אַריינפאָרנדיק אין שטאָט צום מאַרק צו. עס עפענען און פאַרמאַכן זיך די טירן פון די שכנותדיקע הייזלעך. עס קלאַפּן די מאָטאָרן פון דער דערנעבנדיקער מיל, וואָס האָט פריער געהערט צו די יידן וואַלנאַוויטש און שאַפּראַן.

און איך זיץ אַליין הינטערן ווענטל און פיל די שטוביקע וואַרעמקייט, וואָס קריכט מיר אַריין אין יעדן צעבראָכענעם גליד. איך פיל מיך אַצינד גוט, וואָס קיינער זעט מיך נישט, און איך צי מיר אַרונטער דאָס העמד און באַקוק דורכן שפּיגעלע, וואָס הענגט איבער יאָזעפס בעט אויף דער וואַנט, די צעהאַקטע ווונדן אויף מיינע פּלייצעס, וואָס הייבן זיך שוין אָן צו פאַרטריקענען. די שוואַרצע אָנגעלאָפענע פּרעגעס אויפן לייב, וועלכע הייבן אָן צו ווערן גראַנאַט בלוי. גוט וואָס די ביינער זענען מיר גאַנץ געבליבן, דאָס צעהאַקטע לייב וועט זיך אין דער וואַרעמקייט פאַרהיילן.

מען קלאַפּט אין דער טיר. איך טו שנעל אָן דאָס העמד און שטעל אָן מיינע אויגן צו די לעכלעך אין ווענטל. עס קומט אַריין דער פּאָסט־טרעגער און ברענגט פאַר אירענען אַ בריוו פון איר חתן, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. אירענא רייסט איבער די שטוב־אַרבעט און קומט אַריין פון צווייטן צימער, דערפרייט זיך מיטן בריוו און לייענט אים מיט נייגעריקייט אין דער שטיל פאַר זיך. צוערשט איז איר פּנים שטראַלנדיק און לאַכנדיק און דערנאָך ווערט זי ערנסט און פאַרזאָרגט. אַוועקלייגנדיק דעם בריוו זאָגט זי, אַז מען מוז אים נאָך היינט אַרויסשיקן אַ פּעקל שפּייז. ער שרייבט, זאָגט זי וויטער, אַז ער האָט ווייניק

עסן. ער פרעגט זיך נאָך, צי איז עס ריכטיק, וואָס מען הערט אין דייטש־לאַנד אין לאַגער, אַז אַלע יידן טוט מען אויסהרגענען אין פוילן? אָבער די מוטער, קוקנדיק אויפן ווענטל, מאַכט איר אַ צייכן מיט די הענט, אַז זי זאָל נישט דערמאָנען וועגן דעם.

פון הינטערן פענסטער הערט מען יורעקלס ארומשטיפן אין דרויסן מיט אַ גאַנצער חברה קליינוואַרג.

די שטוביקע הייבן זיך אָן פּאָרען ביים צוגרייטן דאָס מיטאָג־עסן.

מען קלאַפּט ווידער אין טיר. עס קומט אריין אַ באַקאַנטע פון די ראַגאַזשינסקיס פון פּויזנער געגנט, אַ בלאָנדע מיט אַ פאַרביק געזיכט, אויף וואָס מען דערקענט די לופט פון דעם העלן האַרבסטיקן טאָג.

די שטוביקע באַגריסן זי פריינטלעך. אַ שמייכלענדיקע מיט אַן אָנ־געשטרענגטער העפלעכקייט, פאַרענטפערט זי זיך, פאַר וואָס זי באַזוכט זיי נישט אָפט.

צעקנעפּלענדיק דעם מאַנטל, וואָס ליגט ווי אויסגעגאָסן אויף איר געשיקטער פיגור, זעצט זי זיך, און מען הייבט זיך אָן קעגנזייטיק אויסצו־פרעגן וועגן משפחה און באַקאַנטע. ווען עס איז צורייד געקומען וועגן שטעטלדיקע נייעס, דערציילט זי, אַז היינט איז אַן אויספאַרקויף אין געטאָ פון זאַכן נאָך די יידן.

— אָבער — גיט זי צו — בלויז פאַר די דאָרפישע פּויערים, וועלכע האָבן באַקומען איינטריט־קאַרטן אין געטאָ צוליבן פּינקטלעכן צושטעלן די תבואה־קאָנטינגענטן.

זי איז שוין גענוי אינפאָרמירט ווי דאָס גייט צו, ווייל איר מאַן האָט שוין אויך באַקומען אַזאַ צעטל פון קרייז־הויפּטמאַן.

— מען דאַרף האָבן מזל, זאָגט זי מיט אַן ערנסטקייט — עס גייט נישט אַזוי ווי מען וויל. ווען מען איז שוין אין געטאָ, קריגט מען צוגע־טיילט אַ הייזל פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל מענטשן. טרעפן זיך צוזאַמען גוטע שכנים, צעטיילן זיי זיך יושרדיק אין דערהיים, אויב נישט — איז ווער עס קען פריער כאַפּן דאָס בעסערע, האָט טאַקע מזל. אַ חוץ דעם — גיט זי צו — דאַרף מען האָבן מזל צו באַקומען אַ שטוב פון די יידישע גבירים.

זי ווייסט אַפילו צו דערציילן, ווי אַ גרופּע פּויערים האָבן מזל געהאַט

און מען האָט זיי צוגעטיילט דאָס הויז, ווו עס האָט געוווינט דער יידישער דאָקטאָר האַלצער און די צוויי עלטערע פעלדשערס וואַנז און פיגאָווע.

— אָט די דאָזיקע פויערים האָבן דאָס מזל געהאַט — דערציילט זי מיט קנאה — גאַנצע וועגענער האָבן זיי אָנגעשלעפּט מיט טייערע בעט־געוואַנט, קליידער, וועש און מעבל נישט גערירטע, אין גאַנצן ניי נאָך. ווי מען דערציילט — גיט זי צו מיט אַ שטילן טאָן — דאַרף מען די וווי־נונגען פון די יידן גוט נאָכקוקן, ווייל אַלע יידן האָבן דאָך דאָס גאַנצע געלט געהאַט און זיי האָבן דאָס אויסבאַהאַלטן פאַר די דייטשן, מיינענדיק אַז זיי וועלן זיי לאָזן איבערלעבן די קריג. זי האָט געהערט דערציילן — זאָגט זי ווייטער מיטן זעלבן טאָן — אַז די יידן האָבן זייער גאָלד אויס־באַהאַלטן אין די פיס פון די טישן אָדער שטולן, און אפילו אין די טירן פון די שענק, עס איז דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן שוין געפונען גאָלד און געלט אין בעט־געוואַנט, אפילו טייערע פוטערנע מאַנטלען אויך.

די ראַגאַזשינסקאַ רייסט איר איבער דאָס רעדן און זאָגט צו איר פאָרענדיק זיך ביי דער קיך:

— זאָלן אונדז די גערמאַנישע רויבער בעסער אָפּגעבן דאָס פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן ביי אונדז צוגענומען. די רויבער נאַרן אָפּ מיט די יידישע זאַכן די פויערים און רייסן אַרויס די תבואה און שטייערן פון אונדז.

אירענאַ גיט צו, אַז זי וואָלט נישט אָנגעטון אַ קלייד פון אַ דערמאָר־דעטער יידישער פרוי.

די יינגערע שוועסטער גיט נאָך צו מיט ערנסטקייט, אַז דער גלח אין קלויסטער האָט זיכער נישט געהייסן דאָס טון.

די גויע ווערט נאָך מער צעפּלאַמט פון אויפרעגונג און זאָגט מיט אַ העכערן טאָן:

— דאָס זענען דאָך נישט קיין יידישע זאַכן. דאָס זענען אונדזערע זאַכן. יעדער מלבוש, וואָס אַ ייד האָט געטראָגן און זיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס ער האָט געהאַט, איז געווען פאַר אונדזער געלט, פון אונדזער לאַנד.

די גויע כאַפּנדיק זיך, אַז עס רוקט זיך אָן מיטאָג־צייט און די קליינע קינדער זענען אָן איר, שטעלט זיך אויף, צוגעבנדיק, אַז מאָרגן איז פאַר די שטעטישע פּאָליאַקן מיט די צעטלען אָן אויספאַרקויף אין געטאָ, און זי דאַרף זיך נאָך שאַפן אַ פערד און וואָגן און גוטע שותפים. ווער ווייסט

ווי לאנג זי וואָלט נאָך אזוי אויף איין פוס אירע געשיכטעס דערציילט, ווען נישט דער קליינער יורעקל, וועלכער האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיר.

און איך שטיי נאָך אלץ אזוי הינטערן ווענטל, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, צוגעשמידט צו די לעבלעך און זע נאָך די גויע, וואָס איז איצט פארשוווּנדן. איך זע זי אצינד אין מאנטל פון מיין פרוי, איך זע איר מאַן אין מיין אנצוג, איך זע איר יאנעקן אין די קליינע שיכלעך פון די אויס־געמאָרדעטע יידישע קינדער. איך זע איר זוויג־קינד וויקלען אין די ווינדלעך פון מיין עופהלע. עס קומט צו מיר אריין די ראגאזשינסקא א שמייכלענ־דיקע, זאָגנדיק:

— דו וועסט זיך דאָ אָנהערן אביסל געשיכטעס, אָבער נעם דיך נישט איבער, וועסט באַלד באקומען עסן און איבערצוטון — זאָגט זי צו מיר ארויסגייענדיק. מיט א געצוווּנגענעם שמייכל דאנק איך איר פאַר איר זאָרגן וועגן מיר.

אין קיך איז פאר מיטאָג־צייט — עס שמעקט געפּרעגלט שמאַלץ. די צוויי שוועסטער ארבעטן איצט פלייסיק ביי די קניידלעך, איינע צופּט שטיקלעך טייג און מאכט דערפון א האלב קיילעכדיקע פאָרם, אריינוואַרפנ־דיק אין א נידעריקן טאָפּ היים וואסער. די צווייטע נעמט ארויס די שוין געקאָכטע קניידלעך פון טאָפּ און פּרעגלט זיי אין א פלאכן בלעכענעם טאָפּ אין חזיר־שמאַלץ.

יורעקל שטייט מיט קניענדיקע פיסלעך אויף א בענקל ביים טישל און וואַרט אומגעדולדיק אויפן עסן.

די קאַץ האָט אין דרויסן דערשמעקט דעם ריח פון געפּרעגלט פלייש און זיך אריינגעכאַפּט אין שטיבל אוועקזעצנדיק זיך אויף די הינטערשטע פיסלעך אונטערן טישל, מיט פינקלענדיקע קאַצענע אויגן צו דער קיך. מיאוטשענדיק בעט זי, מען זאָל איר עפּעס צוּוואַרפן. פלוצלינג גיט יורעקל א שפּרונג אויף, ער האָט דערהערט דאָס אָנקומען פון פלאָריאן מיטן פאָ־טער, ביידע קומען אריין אין שטיבל פארענדיקנדיק א געשפּרעך וואָס האָט זיך פארצויגן פון דרויסן. די שטוביקע ווייבער זענען צופרידן, וואָס זיי זענען געקומען פּינקטלעך צום עסן, ווען דאָס מיטאָג איז אקוראַט שוין פארטיק.

ביידע שוועסטער האָבן צוגעגרייט צום טיש, שטעלן אוועק א גרע־

סערע שיסל אין מיטן טישל און פאר יעדן באזונדער א טעלער. די מענער פארענדיקן דאָס רויכערן און מאכן זיך גרייט צום עסן.

און איך שטיי הינטערן ווענטל ביי די לעבלעך און אין נאָז דרייט מיר דער גוטער געשמאק פון די געפרעגלטע קניידלעך, וואָס פארגרעסערט נאָך מער מיין הונגער. איך קוק ווי אירענע מאכט פול די שיסל מיט די קניידלעך פון שמאלץ און טראכט ביי זיך, אז איך וואָלט אליין איצט אויסגעליידיקט די גרויסע שיסל. שוין דריי טעג נישט געגעסן. איז מיר טאקע דער בויך ליידיק און דער מאָגן האָט זיך מיר צעשפילט. איך דערזע ווי די גויע נעמט א פירקאנטיק נידעריק בענקל און טראָגט זיך דערמיט אין חדרל צו מיר.

— ביסט שוין גוט הונגעריק? — פרעגט זי מיך פארפאָרעט.

איך האָב איר נישט באוויזן צו ענטפערן, איך זע זי שוין אויף דער צווייטער זייט ווענטל נעמען א שיסל און אָנפילן מיט די קניידלעך. איך צייל וויפל שטיק זי לייגט אריין. זי קערט זיך גלייך צוריק א לאבעדיקע און זאָגט צו מיר:

— אויב עס וועט דיר ווייניק זיין, איז נאָך דאָ.

נישט באמערקנדיק ווען און וואָס, האָב איך שוין נעבן זיך שטיין א פולן טעלער מיט א קלעבעדיקער מילך־זופ. איך פראווע די סעודה מיט אלע מיינע אברים. כאָטש די קניידלעך זענען געווען זייער גליטשיק אין שמאלץ, האָב איך שנעל דערפילט ווי זיי הייבן מיר אָן זיך שווער אראָפ־לאָזן, אָנפולנדיק שנעל דעם מאָגן.

די קאַץ, וואָס איז צו מיר אריינגעקומען צוזאמען מיט דער ראגא־זשינסקא, העלפט מיר צו פארענדיקן די שיסל קניידלעך, שלינגענדיק שוין אזוי שווער ווי איך.

פון יענער זייט ווענטל הערט זיך דאָס קלאפן פון די לעפל ביים עסן. די קאַץ בלייבט זיצן אויף די הינטערשטע פיסלעך, אָנקוקנדיק מיך א פרעמדן, און באלעקט זיך פון זאטקייט.

און מיך ציט ווי א מאגנעט צו די לעבלעך ווידער אריינצוקוקן. עס בארואיקט מיך נישט די זאטקייט, איך וויל הערן און זען, אפשר וועט פאלן א גוט וואָרט פאר מיר, אפשר וועלן זיי זיך איבערווינקען צום גוטן

פאַר מיר. יוזעף, װאָס עסט צום לאַנגזאַמסטן, הערט צו װי פלאַריאַן גיט איבער עפּעס אויף שטיל דער מוטער, אַז יורעקל זאָל נישט דערהערן.

פון דעם סוד איז דער ראַגאַזשינסקאַ געװאָרן דאָס פּנים פרײלעך, און זי זאָגט צו אַלע מיט דעם זעלבן שטילן טאָן װי פלאַריאַן: דאָס װעט זײַן אַמבעסטן אַזױ װי איך האָב געזאָגט...

די פּאָר אומפאַרשטענדלעכע װערטער האָבן מיך נישט געלאָזט רוען, איך האָב אינסטינקטיװ דערפילט, אַז מען מײנט מיך און איך האָב זיך אָנגעהויבן שלאָגן מיטן געדאַנק: איז דאָס גוט פאַר מיר אָדער פאַרקערט. איך האָב אָנגעהויבן נאָכקוקן יעדע באַװעגונג פון זײ און אױפגעכאַפּט יעדעס אָפּגעהאַקטע װאָרט.

פלאַריאַן זאָגט נאָך צו דער מוטער, װאָס נעמט אַראָפּ די כלים פון טיש:

— בײנאַכט װעל איך שױן װיסן באַשטימט.

די גויע ענטפערט אַ צופרידענע:

— עס װעט זיך באַשטימט אײַנגעבן...

װאָס מײנען זײ דערמיט? איז עס עפּעס גוטס פאַר מיר? פאַרװאָס זיצן אַלע גלײַכגילטיק און קײנער זאָגט מיר נישט? איז עס שלעכטס, װאָלט זיכער די גויע נישט געװען אַזױ צופרידן אויפן פּנים, װײל איך פיל, אַז זי װיל פאַר מיר גוטס טון. און אפשר איז עס גאָרנישט װעגן מיר, נאָר אַ שטוביקער סוד װעגן אַ פאַמיליע־ענין? עס איז מיר שװער זיך צו באַרואיקן. און איך שטײ װי צוגעקלעפּט מיטן פּנים צום װענטל. פּלוצלינג דערהער איך װי די ערדענע שיסל הינטער מיר פאַלט אַראָפּ. דאָס האָט די קאַץ אויסלעקנדיק מיר אַזױ באַדאַנקט פאַרן מיטעסן. די ראַ־גאַזשינסקאַ קומט שנעל אַרײַן און קוקט נאָך דעם חורבן, װי איך שטײ מיט די שאַרבנס אין דער האַנט מיט אַ פאַרלאָרענער מינע שעלטנדיק די קאַץ, װעלכע איז שנעל אַנטלאָפן פון אונטערן פאַרהאַנג. זי באַרואיקט מיך און הײסט די קאַץ אַרויסטרײַבן. יורעקל לעבט אויף פון דער מאַמעס באַפעל, צעיאָגט זיך מיט דער קאַץ איבערן שטיבל, שעלטנדיק קינדעריש און פאַריאָגט זי.

די גויע, װעלנדיק מיך באַרואיקן און שאַפן מיר אַ בעסערע שטי־מונג, זאָגט מיר שטיל, אַז מען װעט קענען מאַכן פאַר מיר אַ דאָקומענט



דאָס אמאָליקע הויז פון סאָקאָלאָווער רבין

די געוועזענע מקוה אין סאָקאָלאָוו

אַלס פּאָליאַק — ביינאַכט וועט מען וויסן אויף זיכער, זאָגט זי אָפּגע־האַקט —ווי נישט מער צו רעדן איצט וועגן דעם— און פאַרשווינדט אין קיכל.

איך בלייב שטיין און עס נעמט מיך אַרום א פרייד. איך חזר איבער־צען מאָל די ווערטער, וואָס איך האָב ערשט געהערט. וועל איך טאַקע קענען זיך נאָך אַמאָל אויף דער פרייער לופט באַווייזן? וועלן די פינסטערע באַהעלטענישן ווערן אויס היים?

מיינע געדאַנקען רייסט איבער יוזעף, ווי ער איז שוין געוווינט צו כאַפּן א זיץ אויף זיין בעט נאָכן עסן. יוזעף זעצט זיך אַוועק שווער אָטעמ־דיק. ער נעמט אַרויס סיגאַרעטן און מיר פאַררויכערן ביידע, איך פיל, אַז ער וועט איצט איבעררייסן זיין שווייגן און מיר אויך דערציילן וועגן דאָקומענט, אָבער יוזעף פאַרקריכט אויף א צווייטע טעמע און דערציילט מיר, אַז אין געטאָ לעבן נאָך העכער צוואַנציק יידן, וואָס מען האָט זיי איבערגעלאָזט ביים אויפרוימען דעם פאַרבלוטיקטן און פאַרשמוצטן געטאָ, אָבער —גיט ער צו— זיי זענען זייער שטאַרק באַוואַכט.

ער דערציילט מיר ווייטער, אַז עס לעבן נאָך די פּאָר יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער דרוקעריי ביים קרייז־הויפּטמאַן גראַמס.

זיין פריינט פּיאַטראָווסקי, וואָס וווינט נישט ווייט פון אים, דער־ציילט ער מיר סודותפול — באַהאַלט אויס א יידישן יונגנמאַן פון סאָ־קאָלאָוו מיטן נאָמען יאַסטשאָמב. דער דאָזיקער נאָמען האָט מיר גלייך דערמאָנט אָן מיינעם א חבר, מיט וועלכן איך האָב געאַרבעט צוזאַמען אין אַרבעטסלאַגער.

איך פרעג יוזעפן, צי איז מעגלעך, אַז איך זאָל זיך קענען מיט אים צוזאַמענטרעפן. ער זאָגט מיר צו זיך צו אינפאָרמירן וועגן דעם.

יוזעף דערמאָנט זיך, אַז עס איז שוין צייט ווידער גיין צו דער אַרבעט, און הייבט זיך אויף א ביסל פויל נאָכן עסן. ער גרייט זיך צום אַרויסגיין. ביים פאַרלאָזן דאָס חדרל זאָגט ער מיר:

— ביינאַכט וועט מען זיך אַדורכשמועסן.

יוזעף, פלאָריאַן און יורעקל גייען אַרויס פון שטיבל אויף דער גאַס. מען קלאַפּט אין טיר. עס קומען אַריין מיט א פריילעכער שטימונג צוויי יונגע דאָרפישע פויערטעס, וועלכע ווערן אויפגענומען מיט א קינסטלע־

בער גאסטפריינדלעכקייט פון די שטוביקע. די צוויי פויערטעס, וועלכע רעדן מיט א דאָרפישן אקצענט, גייען אָנגעטון אויף זיך דעם גאנצן יום טוב, זעצן זיך אנידער גוט געשטימט, רעדן הויך, צעלאכן זיך אָפט ביים רעדן.

אירענע פרעגט זיי מיט נייגעריקייט: וואָס עפּעס היינט אין שטאָט, גיט אין קיין מארק־טאָג. די פויערטע מיט א דיקן אויסזען, וואָס זיצט אויף דער שטול ווי נישט ארונטערצופאלן, צעעפנט זיך אונטער דעם האלדז דעם קאָלנער פון מאנטל און ענטפערט מיט פארוווּנדערונג:

— איר ווייסט נישט, אז היינט קריגט מען זאכן נאָך די יידן אין געטאָ? מיר האָבן געהאט א צעטל אונטערגעשריבן פון ד״ר הערמאן צור זאמען מיט מיין שכנטע —ווייזט זי אָן אויף דער צווייטער, וועלכע זיצט צושמייכלענדיק נישט דרייסט און צופּט דעם עק פון טיכל, ווו איר געלט איז איינגעקניפּט— זענען מיר געקומען וועגן דעם אין שטאָט. אָפּגעקור מען איבער א האלבן טאָג דערמיט איידער מען האָט זיך דערליידיקט. איר מאן —דערציילט זי ווייטער— קען זיך מיט דער פּאָליציי גוט, האָט מען זיי דערלויבט איבערצונישטערן א פּאָר הייזלעך, איידער זי האָט זיך עפּעס אויסגעפונען פאר זיך. א לויפעניש איז דאָרט אויף קעפ —דערציילט זי— א געכאפּעניש, א שטופּעניש, אין א סך הייזער איז שוין אויסגעקליבן דאָס גוטע און מען זעט דאָרט נישט מער זיך וואלגערן ווי די יידישע ווייסע ליילעכער מיט די פּאסן (געמיינט טליתים), וואָס זיי פלעגן טראָגן ביים שאָקלען זיך. עס וואלגערן זיך די לאנגע געשפּאלטענע קאַפּאָטעס, און אפילו פּארוקעס (שייטלען), וואָס די אלטע יידישקעס פלעגן טראָגן. בלויז אין איין הייזל האָט איר א ביסל געגליקט, עס האָט ווייזט אויס דאָרט געוווינט א שוסטער, און זיי האָבן געפונען אויסבאהאלטן אין א קעלער, וואָס איז געווען אויסגעריסן פון א גראנאט, שטיוול און גוטע שיך. אָבער קיין איין פּאָר קינדער־שיכלעך. פון מלבושים האָט זי אממערסטן נאָכגעזוכט דאמסקע, איר איז אָבער אונטערגעקומען מענער־קליידער. זאָל זיך שוין מיין אלטער אויספּוצן — גיט זי צו מיט א געלעכטער. דערפאר האָבן מיר מזל געהאט ביים בעטגעוואנט. דאָס מעבל איז אפילו אביסל דורכגעשאָסן פון ביקסן־קוילן, אָבער עס גייט שוין — גיט זי צו מיט צופרידנקייט.

— עס זענען געווען אנדערע —רופט זיך אָן די צווייטע נעבעכדיק— וואָס האָבן נאָך ערגער געהאט, זיי האָבן געמוזט נעמען, וואָס מען האָט זיי געגעבן — אפילו נישט קיין שלעכטע זאכן, נאָר טייל פארבלוטיקט, איר ווייסט ציך פון בעטגעוואנט איז אויך אביסל מיט בלוט. עס איז געווענדט אין מזל — גיט זי צו פרום.

— אויב דו רעדסט שוין פון מזל —רופט זיך ווידער אָן די גראָבע האָב איך געהערט דערציילן, אז היינט האָט איינער געפונען אין א הייזל א קליין קעסטל מיט גאָלד —ער האָט שוין פארזאָרגט אפילו זיינע אייניקלעך — זאָגט זי מיט קנאה. אין די הייזלעך פון די יידן דארף מען נאָר ווייסן ווו צו זוכן. דאָרט ליגט נאָך פיל גאָלד. א שאָד אז דאָס זאָל ארייִנפאַלן אין די דייטשע הענט — פארענדיקט די צווייטע, אויפשטעלנדיק זיך.

אירענע האָט זיך דערווייל אָנגעהויבן פּאָרען ביים צוגרייטן דאָס פּעקל פאר איר געליבטן אין דייטשלאנד. די יינגערע שוועסטער קוקט אריין אין א בוך, און די מוטער זיצט און וואַרט שווייגנדיק, ווי די דאָרפישע ווייבער זאָלן זיך אָנשטויסן, אז עס אינטערעסירט זיי נישט זייערע געשיכטעס.

די גראָבע פּויערטע שטעלט זיך אויך אויף זאָגנדיק אין שפּאַס: אונדזערע מענער קענען נאָך אוועקפאָרן אין דאָרף און אונדז איבערלאָזן. זיי געזעגענען זיך מיט א „געלויבט איז גאָט”, צוזאָגנדיק, אז זיי וועלן זיין נאָך אמאָל אין שטאָט, וועלן זיי נישט פארגעסן אריינצוקומען. עס קומט אריין צו מיר די ראגאזשינסקא, וועלכע טרעפט מיך זיצן אויפן שטול מיטן קאָפּ אָנגעלענט אויף די הענט, וועלכע איך האלט אונטערגעשפּארט אויפן ווענטל פון בעט. מיינענדיק אז איך בין געשלאָפן, זאָגט זי מיר:

— דער קאָפּ איז מיר שוין געשוואָלן פון זייערע געשיכטעס. קוים דערוואַרט זיך, אז זיי זאָלן אוועק. ווען מיר זענען געווען דריי חדשים ביי זיי אין דאָרף, באלד פון אָנהייב, ווען די דייטשן האָבן אונדז פאריאָגט פון אונדזער היים, האָט קיינער פון זיי נישט געפרעגט, צי מיר האָבן שוין דורך דער וואָך געגעסן א שטיקל ברויט; זאָגנדיק דעם אמת, דריי מאָנאטן האָבן מיר אלע געלעבט אָן קאַרטאָפל און קיין שטיקל ברויט נישט פארזוכט, און קיינער פון דאָרף האָט זיך נישט פאראינטערעסירט וועגן אונדזער גורל.

מיט פאראכטונג זאָגט זי:

— אזוי זענען די דאָרפישע. גייציג. אלץ איז פאר זיי ווייניק. ערשט ווען מיר זענען אין שטאָט און מיר האָבן צו עסן, מאכן זיי זיך פאר אונדז גוט, און זענען געוואָרן אומגעבעטענע געסט.

שפּעטער האָט מיר די ראגאזשינסקא געבראכט א העמד מיט אַן אנצוג זיך איבערצוטון.

עס איז שוין געווען האלב פינסטער. פון דער גאס הערט זיך א געקלאַפּעריי פון רעדער אויף דעם שטיינערנעם ברוק. דאָס פאָרן פּויערישע פורלעך אהיים צו זיך אין דאָרף מיט די אָנגעלאָדענע וועגענער פון טויטן געטאָ.

אין דער האלב טונקלקייט באקוק איך די קליידער, וואָס ליגן נעבן מיר. עס באהערשט מיך עפּעס א געמיש פון פארשידענע געפילן. נייע קליידער, וואָס וועלן צודעקן מיין צעהאקט לייב, פארשטעלן מיינע וווּנדן, פארווישן די צייכנס פון טרעבלינקע. און עס דערוועקן זיך מיר געפילן פון פרייד און האָפענונג. און דערצו נאָך א פּוילישער דאָקומענט — א וועג צום פרייען דרויסן, צו דער גאס, צו דער זון און לופט. איך וועל אויפהערן זיך שיצן מיט דער נאכט-פינסטערניש, אָבער דאָך מאכט מיר נאָך פיל נאָכקלערן. און איך הייב מיר אָן נאָך אמאָל איבערחזרן די ווערטער, וואָס איך האָב געהערט וועגן דעם. „ביינאַכט וועל איך שוין וויסן”...

איך הייב מיר נאָך אמאָל אָן זיך פאָרשטעלן, ווי אזוי האָט אויסגעזען פלאָריאַן ביים דערציילן דאָס דער מוטער. און איך בלייב מיט אומגעדולד און אומרואיק אָפּווארטן די נאכט, ווען פלאָריאַן וועט קומען פון דער ארבעט...

איך כאַפּ מיך ווידער צו צו מיין פענסטערל דורך די לעכלעך. אירענע מיט דער מוטער קומען אריין פון צווייטן צימער אָנגעטון אין די מאנטלען מיט די געבעט-ביכער אין די הענט, און באווייזן זיך ביי מיר אין חדרל.

אירענע, אויסגעפּוצט מיט א הארבסטיקן טונקלען פארביקן מאנטל, אונטערן האלדז א ווייסן שאַל, וואָס שלאָגט אָפּ אויפן פּנים מיט דער ווייסקייט און מאכט אָנזעעוודיקער די פאררויטלטע ליפּן.

די מוטער אין א שווארצן מאנטל, פארמאכט ביז אונטערן האלדז, וואָס פארברייטערט א ביסל איר אָפּגעצויגן מאָט פּנים. ביידע בלייבן שטיין

ביי מיר אין האלב טונקלקייט און קוקן אויף מיר ערנסט מיט א גאָטס־פירכטיקער מינע. די מוטער זאָגט צו מיר, צומאכנדיק א ביסל מיט די הענט, אין וועלכע זי האלט דאָס געבעט־בוך, וואָס איז באהאָנגען מיט פרומע קרעלן:

— מיר גייען אין קלויסטער גאָט בעטן פאר דיר, אז גאָט זאָל דיר געבן א וועג, אויף וועלכן דו זאָלסט געפינען דיין רעטונג צום לעבן. גאָט וועט מיטלייד האָבן מיט אזא געפייניקטן ווי דו ביסט.

— וועט טאקע גאָט מיטלייד האָבן מיט מיר אויך? — פרעג איך מיט א געבראָכענער שטים, האלטנדיק די הענט פון דער ראגאזשינסקא.

אירענע, וועלכע שטייט הינטער דער מוטער, רייסט איבער איר שווייגן און זאָגט צו מיר אָן איבערגענומענע פון מיין געררטקייט:

— גאָט אין הימל האָט מיטלייד מיט אלע געליטענע, מיט אלע וועלכע בעטן ביי אים הילף, נאָר אזעלכער ווי דו דארף די הילף פון גאָט.

ביידע גייען ארויס איבערלאָזנדיק מיך אין מיין חדרל ארומגענומען מיט דער פארנאכט־שטימונג און איך טראכט וועגן מיין גורל, וואָס ווערט איבערגעגעבן אין גאָטס הענט.

די סודותפולע שטילקייט פון דער האלב־טונקלקייט צווישן טאָג און נאכט רייסט איבער די יינגערע שוועסטער, וועלכע קומט אריין פון שלאָף־צימער און צינדט אָן ליכט, וואָס קריגט זיך אריבער איבער דעם ווענטל צו מיר אין הדרל און עס פארטווישט זיך די פארנאכטיקע טונקלקייט אויף נאכטיקע האלב־ליכטיקייט, וואָס טוט ענדערן מיין שטימונג און דער־מאנט מיך אָן דער אָנקומענדיקער נאכט, וועלכע דערוועקט אין מיר אָן אומגעדולדיקייט און אומרו.

אויף דער גאס איז שטילער די באוועגונג, עס הערט זיך בלויז אומ־אויפהערלעך דאָס טויבע קלאַפּן פון דער שכנותדיקער מיל, וואָס דינט אויך אלס עלעקטרישע סטאנציע, וואָס גיט באלייכטונג פארן גאנצן שטעטל.

פון דרויסן דערהערן זיך טריט און עס קומען אריין אירענע, יורעקל און די מוטער, וועלכע דערמאָנט, אז עס איז שוין צייט צו פארטונקלען דאָס פענסטער. מיט זיי האָט זיך אויך מיטגעכאפּט די קאַץ, וועלכע איז אריין צו מיר אין חדרל, באהאלטנדיק זיך אין א פינסטער ווינקל, פון וועלכן עס גלאנצן ארויס אירע קאצענע אויגן, מורא האָבנדיק פאר מיר,

אז איך זאָל זי נישט פאַריאָגן פון דעם אָרט, ווו זי לויערט אַלע נעכט און וואַרט אָפּ, ביז א מייזל וועט א קראַץ טון און אריינפאַלן צו איר אין די נעגל.

אויף דער אנדערער זייט ווענטל ווערט לעבעדיק און באַוועגלעך. די מוטער מיט די טעכטער האָבן איצט פרייערע פּנימער.

יורעקל זיצט זיך שטיל און מיד, ארויסלאָזנדיק פון זיין קעפּעלע דעם ראשיקן דרויסן. די יינגערע שוועסטער פרעגט זיך אויס, וואָס עס הערט זיך ביי די באַקאַנטע, מיט וועלכע זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן ארויסגייענדיק פון קלויסטער.

עס קומט צו מיר אריין די ראַגאַזשינסקאַ, וועלכע זאָגט צו מיר:

— שלאָפן וועסטו מוזן אויפן זעלבן אָרט ווי נעכטן, אָבער דערפאַר באַקוועמער. אין דער וווינונג, זעסטו דאָך, איז קיין אָרט נישטאָ, זיצן א גאַנצע נאַכט האָט דאָך נישט קיין זין. מוזט דאָך זיך אויסרוען פון א גאַנצן טאָג זיצן, כדי דו זאָלסט קענען זיין אין דער שטוב־וואַרעמקייט. קענסטו שלאָפן גיין, וועלן מיר אַלע מאַכן נאַכט. באַזונדער וויל איך שוין וויסן, וואָס פלאָריאַן האָט דערליידיקט וועגן דאָקומענט.

איך דאַנק איר זייער פאַר איר גוט־האַרציקייט און זאָג צו איר שווין שטייענדיק אויף איין פוס, אז איך מוז ארויס פאַרן הויז... אויב ווער פון די שכנים וועט נישט באַמערקן.

אריינקומענדיק פון דרויסן, הייסט זי מיר צוּוואַרטן, ביז עס וועט גוט פינסטער ווערן, ווייל פרעמדע מענטשן דרייען זיך אַרום.

דורך די פּאָר מינוט, וואָס עס האָט געדויערט, ביז די פינסטערנייש האָט ארומגעהילט דאָס הייזל, האָבן זיך די קניידלעך און דאָס שמאַלץ אין מיין מאָגן אזוי געבאָמבלט ווי אין טאָפּ אויף דער קיך ביים קאָכן. א נאַסער פון שוויים בין איך געוועזן, ווען איך האָב געקראָגן א צייכן, אז איך קען שוין ארויסגיין.

דורך דער צייט איז דערווייל אָנגעקומען א באַקאַנטער און די גויע האָט אים אויפגעהאַלטן, כאַפּנדיק דערווייל א שמועס איבערשפּאַצירנדיק זיך אביסל ווייטער פון אריינגאַנג. באַמערקנדיק דעם קלוגן איינפאַל פון איר, האָב איך מיך אריינגעכאַפּט צוריק אין מיין באַהעלטעניש, סאַפּענדיק ווי נאָך שמוגלען זיך א גרעניץ...

עס קומט אריין די ראַגאַזשינסקאַ מיט זייער באַקאַנטן, וועלכער

באגריסט זיך ווארעם מיט די שטוביקע. ער בלייבט שטיין אין מיטן שטיבל, וואָס מאכט נאָך לענגער זיין שמאָלע און הויכע פיגור. ער האָט דווקא ליב א ביסל אונטערצושטיין און שיט מיט וויצן, פון וואָס אלע פארהילכן די שטוב מיט געלעכטער. דרייענדיק זיך אויף אלע זייטן מיט זיין לאנגער פיגור נעבן ווענטל, האָבן זיך די שטוביקע קוים דערבעטן ביי אים, אז ער זאָל זיך אוועקזעצן, ווי מורא האָבנדיק, אז זיינע אויגן, וואָס דערגרייכן ביז איבערן ווענטל, זאָלן נישט אריבערקוקן אויך אויף דער אנדערער זייט. דער גאסט איז מונטער געשטימט און דערציילט אפילו לאכנדיקע שטיקלעך פון זיין טאָג ארבעט אלס שטובן־מאָלער.

וועגן נייעס פון זיך דערציילט ער ווערנדיק אביסל ערנסטער, אז ער האָט געקראָגן אן אָפערטע צו ווערן א פּאָליציאַנט, אויב ער איז איינ־שטימיק צו דעם, אָבער ער גיט צו וויציק:

— א פרנסה וואָלט עס געווען א לייכטערע, נאָר דעם הינטן איינ־שטעלן פאר די גערמאנער גלוסט מיר נישט.

די ראגאזשינסקא גיט צו לאכנדיק:

— דעם קאָפּ איינשטעלן פאר זיי איז נאָך ערגער.

— ווען די גערמאנער פאָרן אויף א געיעג נאָך די פּארטיזאנער, שיקן זיי די ערשטע אין די וועלדער אריין די פּוילישע און אוקראַינישע פּאָליציי און אליין גייען זיי נאָך פון הינטן צו קענען זיך די ערשטע צו־ריקציען פון וואלד ארוים — זאָגט דער אורח.

עס אנטוויקלט זיך א שמועס וועגן שטעטלדיקן לעבן, וועגן דעם קריג, ביז עס איז צו רייד געקומען וועגן יידן. ביי דעם געשפּרעך איז ער געוואָרן ערנסט און האָט אָנגעהויבן דערציילן אזא געשיכטע:

ווען ער האָט געארבעט אלס מאָלער אין מיליטערישן שפּיטאָל אין שטאָט, איז ער געווען באפריינדעט מיט איינער פון די מערערע יידישע פרויען, וואָס האָבן דאָרט געארבעט אין דער וועשעריי און ביים רייניקן אין די צימערן פון די קראנקע.

די דאָזיקע פרוי איז געווען אן אלמנה. איר מאן איז געשטאָרבן אין געטאָ בעת דער עפּידעמיע פון טיפוס. זי האָט געשטאמט פון קאַליש און געהאט א וואונדער שיין מיידעלע פון א יאָר זעקס, דאָס קינד איז שטארק געווען צוגעבונדן צו איר מוטער. נישט האָבנדיק ביי קיינעם זי איבער־

צולאָזן, האָבן איר די דײַטשן דערלױבט צו דער ארבעט מיטצונעמען דאָס קינד, װוּ זי פלעגט עס אװעקזעצן אין א װאַרעמען װינקל, װוּ זי האָט געארבעט. דאָס מײדעלע מיטן בלאָנדן קעפּעלע איז אפילו געליבט געװען פון די דײַטשן און זײ פלעגן שפּאסן, אז דאָס קינד מוז זיכער שטאַמען פון די אריער צוליב איר בלאָנדן אויסזען. געװען אזעלכע פארװוּנדערטע דײַטשן געקומענע פון פראַנט, װאָס האָבן זיך דערמאָנט אָן זײער היים, אָן זײערע קינדער און פלעגן גלעטן דאָס מײדעלע און געבן איר שאָקאָלאַד. דאָס קינד איז שוין געװען צוגעװױנט אזוי צו פארברענגען א גאנצן טאָג מיט דער מוטער בײַ דער ארבעט, און אויף דער נאכט צוריקגײן אין געטאָ שלאָפן.

— װי די מוטער פלעגט מיר דערצײלן —זאָגט ער װײַטער— האָט דאָס קינד בײַנאכט נישט אײנמאָל געזאָגט: דאָרט אין שפּיטאָל בײַטאָג איז בעסער. אין געטאָ האָט מען מורא בײַנאכט פאר די דײַטשן, זײ זאָלן נישט קומען כאַפּן און שלאָגן, יענע דײַטשן מיט די ארומגעבונדענע קעפּ און פּיס, מיט די שטעקנס אונטער די אָרעמס זענען בעסער. ער אלײן — נײט ער צו— ׳האָט אפילו אויך ליב געקראָגן דאָס קינד.

שפּעטער, װען מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן, אז מען װעט די ײדן נעמען קײן טרעבלינקע, איז געקומען צו אים די זעלבע ײדישקע און האָט אים אזוי געזאָגט:

— הער, מײַן גוטער פרײַנט. דו קענסט דאָך מײַן קינד. זי איז שײן און קלוג, און איז ענלעך צו א פּױליש מײדעלע. אויב עס װעט זיך טאקע ארויסװײַזן פאר ריכטיק, אז די דײַטשן װילן אונדז הרגענען, איז אזוי: מיר אלײן איז שוין אלץ אײנס, איך האָב פארלוירן מײַן מאַן און א סך נאָענטע, װאָס זענען אויסגעשטאָרבן אין געטאָ, װוּ װעל איך זיך דאָן אהינטון. איך װעל גלײַך ארײַנפאלן אין די הענט פון די מערדער. אָבער דאָס קינד מײַנס —ער געדענקט װי די טרערן זענען איר דערבײַ געראָנען פון די אויגן— פאר װאָס זאָל זי אומקומען? זי פארשטײט דאָך נאָך גאָר נישט פון דעם אלעם, זי װעט מען נאָך קענען ראַטעװען. און זי פרעגט מיך —דערצײלט ער װײַטער— צי איך װאָלט דאָס קינד נישט געװאָלט נעמען צו זיך, װען עס װעט זיך מאכן שלעכט? איך האָב זיך מיט מײַן פרוי אדורכגערעדט און זי איז אויך מסכים געװען צו דעם.

א צייט שפּעטער, ווען מען האָט אָנגעהויבן די יידן פאַרניכטן, האָט מיר די יידישקע געבראַכט דאָס מיידעלע און איך האָב מיינע קינדער און שכנים איינגערעדט, אז דאָס איז א קינד פון אונדזערס א קרוב פון וואַרשע.

דעם מיידעלע האָט די מוטער אָנגעזאָגט, אז זי זאָל נישט דערמאָנען קיין איין יידיש וואָרט, ווייל קיינער טאָר נישט ווּסן, אז זי איז א יידיש קינד. טאָמער דערוויסט זיך ווער, וועלן זי די דייטשן דערהרגענען. דאָס קינד האָט שטאַרק מורא געקריגן אפילו פאַר די דייטשן, וואָס זענען געווען פאַר איר פריער גוט. דאָס קינד דערמאָנט זיך נאָך ווי די זעלביקע „גוטע דייטשן" פלעגן צו איר זאָגן: דיין טאַטע איז שולדיק אין דעם קריג, דער־פאַר דאַרף מען אייך אַלע אויסשיסן, איצט האָט דאָס קינד מורא פאַר אַלע דייטשן און זי האָט פאַרזיכערט דער מוטער נישט ארויסצורעדן קיין איין יידיש וואָרט. באַלד אין אָנפאַנג, דערציילט ער, איז דאָס קינד געווען זייער אומעטיק, זי פלעגט זיך פאַרקלייבן אין א ווינקעלע און שטיל זיך צע־וויינען, אָבער קיין וואָרט נישט ארויסגערעדט, בלויז די מאַמע פלעגט זי שטיל דערמאַנען. שפּעטער האָט זי זיך איינגעלעבט ביי אים אין שטוב.

— די מוטער — דערציילט ער ווייטער — פלעגט שטענדיק קומען זיך נאָכפרעגן אויפן קינד, אָפּוואַרטנדיק מיך ביי דער וווינונג. איינמאָל האָט זיך דאָס קינד אין שלאָף צעוויינט און דערמאָנט איר מאַמע. און פון דאַן אָן האָט זי אָנגעהויבן שטאַרק בענקען און טיילמאָל ארויס־רעדן. פון דעם האָבן זיך דערוווּסט די קינדער פון די שכנים. אין א קור־צער צייט ארום האָט מען שוין געוווּסט, אז איך באַהאַלט אויס א יידיש קינד און אַלע האָבן דערפון גערעדט. מורא האָבנדיק פאַר זיך, האָב איך דער מוטער דאָס קינד צוריקגעגעבן.

מיט א פּאָר טעג צוריק, ווען די דייטשן האָבן אוועקגענומען די יידישע מענער פון שפּיטאָל קיין טרעבלינקע, און די יידישע פרויען נאָך איבערגעלאָזט, האָט מען דאָס קינד געוואָלט אוועקנעמען פון דער מוטער און מיטשיקן מיט די מענער, אָבער זי האָט זיך מיטן קינד נישט געוואָלט שיידן. די וואָס האָבן דאָס צוגעזען, דערציילן — זאָגט ער — אז אויף דעם פולן אויטאָ מיט בלויז יידישע מענער האָט זיך געפונען די יידישקע, וואָס האָט געהאַלטן דאָס קינד אויף די הענט און אזוי געפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

א שאָד דאָס מיידעלע, זי איז אין גאַנצן געווען ענלעך אויף א פּויליש קינד — פאַרענדיקט ער.

אין קיך האָט געהערשט א שטילקייט נאָכן דערציילן די געשיכטע וועגן דער פרוי און קינד, וועלכע איך האָב גוט געקענט פון זען, ווייל זי האָט געוווינט אויף דער זעלבער גאַס אין געטאָ ווי איך. אָט די דאָזיקע פרוי, ווי מען פלעגט זי זען אין די נאַכט שעהן זיך טראָגן מיטן קינד אויף דער האַנט, קומענדיק צוריק פון שפּיטאָל אין געטאָ אריין, אין דעם אָרימען קליינעם הילצערן שטיבעלע, וווּ עס האָט שטענדיק געהערשט אומעט און טרויער, אָט די דאָזיקע יידישע פרוי, וואָס פלעגט איר גאַנצן עלנט און איינזאַמקייט פאַרטרייבן מיט דער ליבשאַפט צו איר קינד — אָט זיי שטייען מיר איצט פאַר די אויגן און איך זע ווי די מערדער רייסן דאָס קינד פון דער מוטער, וועלכע וויל זיך דערמיט נישט שיידן און קלאַמערט זיך איין אין קינד מיט די הענט.

איך וויים נישט ווי לאַנג עס האָט געדויערט מיין פאַרגליווערט טראַכטן אין דעם פינסטערן חדרל. מיך האָט וואַך געמאַכט א געלעכטער, וואָס האָט זיך צעטראָגן אין שטיבל. דער גאַסט האָט זיך געכאַפּט אז ער איז שוין צו לאַנג געזעסן און איז ארויס.

אין שטוב הייבט מען אָן גרייטן צום אָוונט־ברויט.

די ראַגאַזשינסקאַ באַהייצט די קיך, צוברומענדיק א קלויסטער ניגון.

פאַר דער שטוב דערהערט זיך פלאָריאַנס אָנקומען אונטערפייפנדיק זיך א לידל. איך ווער אָנגעשטרענגט, מיינע אויגן שטעל איך אָן גלייך אין די לעכלעך צו קענען דערזען פלאָריאַנס אויסדרוק פון פּנים.

ער קומט אריין אויסטערענדיק דאָס היטל, און ווערט אביסל ערנסטער ווי שטענדיק און פרעגט, צי דער פאָטער איז נאָך נישטאָ פון דער ארבעט.

ער זעצט זיך אוועק א מידער, אביסל שווער עטעמדיק. און בלייבט פאַרטראַכט.

און איך שטיי מיט א קלאַפּעדיק האַרץ, איבערקלערנדיק פון זיין ערנסטקייט, וואָרום ווען ער זאָל שוין עפּעס וויסן גוטס פאַר מיר — הייבן מיך אָן מאַטערן די געדאַנקען — וואָלט ער מיר דאָך זיכער גלייך געזאָגט. ער פאַרשטייט דאָך, אז איך וואַרט אַזוי אומגעדולדיק, צוליב די פּאָר ווערטער וואָס ער האָט בייטאָג געזאָגט „ביינאַכט וועל איך שוין זיכער וויסן".

פלאָריאן כאַפּט דערווייל א בליק אין צייטונג, וואָס ער ציט ארויס פון דער הויזן טאַש, ווי ער וואָלט מיטן לייענען געוואָלט פאַריאָגן די געדאנקען פון טאָג, וואָס האָבן אים ערנסט געמאַכט.

די מוטער זאָגט צו אים:

— פלאָריאַן, זײַ נישט אזוי פארטראכט, וואַש זיך אָפּ פון דער ארבעט, וועסטו זיך בעסער פילן. אז דער פאָטער וועט קומען, וועט מען באַלד אלע אָוונטברויט עסן.

פלאָריאן רייסט איבער דאָס לייענען, נאָך האלטנדיק די צייטונג אין דער האנט, זאָגט ער:

— די היטלערישע זין, זיי ווילן אונדז אין גאַנצן אומברענגען. אָנגעהויבן מיט די יידן און מיט אונדז ווילן זיי פארענדיקן. פון ווארשע קומען אָן שלעכטע נייעס, די געראמאנער מאָרדן און פארשלעפּן פּאָליאַקן. אלע טאָג זענען פאראן אָבלאַוועס אויף די באַנען, אויך אין די גאַסן כאַפּן זיי מאַסנווייז קיין דייטשלאַנד אויף ארבעט. די נאַציס האָבן זיך שוין פארלייגט אויף אונדזער שטעטל אויך.

און ער דערציילט, ווען מען אלץ די געשטאַפּאָ האָט ארעסטירט, פאַרווארפנדיק זיי אומלעגאַלע פּאַטריאָטישע טעטיקייט.

— אָבער —גיט ער צו מיט א סאַטיספאַקציע— די היטלערישע זין, זיי שרעקן זיך פארן אָנקומענדיקן צווייטן ווינטער אויפן רוסישן פראָנט, זיי פילן נאָך דעם טעם פון די פאַראַיאָריקע פרעסט, וואו עס האָט זיי שטאַרק געבריט אין די פינגער. זיי שרעקן זיך נישט בלויז אין רוסלאַנד פאר דער קעלט. אויך פאר די פרעמדע, איבער וועלכע זיי הערשן. זיי ווייסן גאַנץ גוט, אז די פּאָליאַקן האָבן זיי פיינט און ווארפן אָן אויף אונדז א מוראדיקן טעראָר.

ביי די ווערטער שטעלט ער זיך אויף, ווי ער וואָלט דערמיט כבוד אָפּגעגעבן זיין אָנקומענדיקן פאָטער פון דער ארבעט. א ביסל א פארשפּעטיקטן ווי שטענדיק צום אָוונטברויט, פארענטפערנדיק זיך, אז ער האָט דערווייל געכאַפּט א שמועסל אויף דער גאַס, וואו מען האָט אים שוין איבערגעגעבן וועגן די ארעסטן אין שטעטל.

די שטוביקע הייבן אָן גרייטן צום טיש, אויסלייגנדיק ברויט און אויסשטעלנדיק קלענערע טעלערלעך מיט אָנגעשניטענעם לעבער־ווורשט

פאר יעדן באזונדער. אין מיטן, אויף א גרויסן טעלער, ליגן נאָך צוויי האַלבע לענגערע שטיקער טונקלער ווורשט, אָנגעפּילט מיט ברוינער קאַשע און שמאַלץ. און איך שטיי הינטערן וועגטל און עס רייצט מיך נישט דאָס עסן, איך בין איבערגענומען פון זייער פארגעסן אָן מיר. איך בין באַזאָרגט, וואָס מען הערט קיין וואָרט נישט וועגן דאָקומענט פאר מיר. אַלע מאַכן זיך גרייט צום עסן און זעצן זיך אוים ביים טיש, בלויז אירענע העלפט מיט דער מוטער, וועלכע נעמט דאָס זעלבע נידעריקע ברייטע בענקל, אויף וועלכן זי האָט ארויפגעשטעלט א ברייטן בלעכענעם טעלער, ארומגעלייגט מיט געשניטן ברויט, באַשמירט מיט שמאַלץ און ווורשט און ברענגט דאָס אריין צו מיר. אריינקומענדיק אין חדרל, שמייכלט זי צו זאָגנדיק:

— דו זיצסט אזוי שטיל ווי א הינדל. מען האָט שוין באַלד אָן דיר פארגעסן.

איך העלף איר באַקוועם דאָס בענקל אוועקשטעלן, באַדאַנקענדיק איר, און מיט א שטילן טאָן רייד איך ארויס:

— איך בין שוין נייגעריק צו וויסן, וואָס פלאָריאַן האָט דערליידיקט וועגן דאָקומענט פאר מיר.

— יאָ, —כאַפּט זי זיך— איך וועל אים שוין איבערפרעגן. טאַקע פארגעסן, און גייט ארויס.

אויף דער צווייטער זייט זענען איצט אַלע פארטון אין עסן. יורעקל זיצט אויף זיין בענקעלע און פּראַוועט די נאַכט־סעודה, האַלטנדיק אין מויל א רונד שטיק ברוינע קאַשע־ווורשט מיטביידע הענטלעך און זעט אוים ווי ער וואָלט געבלאָזן אויף זיין קינדעריש ברוינעם פּייפל.

זיצנדיק ביים עסן נעבן פלאָריאַנען, פרעגט זיך די מוטער אין דער שטיל:

— וואָס איז געוואָרן וועגן דאָקומענט?

צו מיינע אָנגעשטרענגטע אויערן דערגייען א פּאָר אָפּגעהאַקטע ווערטער: „זי וועט באַלד אריינקומען, וועט מען שוין וויסן". נישט וויסנדיק, וועמען ער מיינט די „זי", האָב איך גלייך פארשטאַנען, אז עס האַנדלט זיך אין גוטע נייעס פאר מיר. זעט אוים, אז פלאָריאַן האָט אָן מיר נישט פארגעסן, אומזיסט זיך איבערגענומען פון זיין צופיל ערנסטקייט. איך ווער פרייליכער געשטימט אין אָפּוואַרטונג אויף דער „זי".

אומקערנדיק זיך צו מיין בענקל, אויף וועלכן עס איז געשטאנען פאר מיר דאָס עסן, באמערק איך, ווי די קאַץ האָט אויסגענוצט די צייט פון מיין אוועקקוקן און האָט הינטער מיינע פּלייצעס פון א העלפט ברויט ארומגעלעקט דאָס שמאלץ און אוועק אין קיך אריין. איך וואַרף די ארומגעלעקטע שטיקלעך ברויט אין פינסטערן ווינקל פאר דער קאַץ. זאָל הנאה האָבן דאָס גרויע קעצל, וואָס מאכט אז איך זאָל נישט אזוי פאראיינזאמט זיין אין מיין חדרל.

עס קומט ווידער אריין צו מיר די ראגאזשינסקא, טראָגנדיק מיר קאווע צו פארטרינקען מיט נאָך צוויי שטיקלעך ווייס ברויט, ווי זי וואָלט געוווּסט, אז די קאַץ האָט מיך באעוולט. און זאָגט צו מיר מיט אזא אָנגעשטעלטן טאָן, מיר צו מאכן גוטע האָפענונגען:

— באלד וועט אריינקומען א פּריילן, זי וועט איבערגעבן וואָס עס הערט זיך מיט א דאָקומענט פאר דיר.

זי דערקענט אין מיר אן איבערראשנדיקע נייגעריקייט און זאָגט ווייטער:

— זאָרג נישט, מיר האָבן היינט געבעטן פאר דיר. און גאָט וועט צוהעלפן, אז אלץ זאָל גוט צוגיין, און גייט ארויס.

איך ווער שנעל פארטיק מיט מיין נאכט־עסן און כאַפּ זיך ווידער צו דעם ווענטל, קוקנדיק מיט נייגעריקייט צו דער טיר. ווען עס וועט זיך שוין באווייזן די פּריילן. אין קיך איז שוין נאָכן אָוונט־ברויט. יוזעף און פּלאָריאן זיצן נאָך ביים טישל און רייכערן סיגארעטן, פון וואָס עס צעגייט זיך א שמעקעדיקער ריח, די ווייבער ראמען אוועק פון עסן און גרייטן צו פאר די חזירים, וואָס לאָזן שוין הערן פון זיך, פילנדיק אז עס איז שוין צייט, עס זאָל זיך עמעצער באווייזן מיט דעם לאמטערן און אן עמער געקאָכטע קארטאָפל.

מען קלאַפּט אין טיר און עס קומען אריין צוויי מיידלעך, וואָס וווינען אין שכנות פון די ראגאזשינסקים. איינע פון די צוויי איז א נידעריקע, א רונדע, מיט א פּאָר רויטע בעקלעך וואָס גריבלען זיך ביים לאכן, זי רעדט שנעל און איבעררעדט אלע, וועלנדיק דערמיט אינפאָרמירן מער ווי די אנדערע, וואָס זיצט און שווייגט. די בארעדעוודיקע ארבעט אין מיליטערישן שפּיטאָל, פון וועלכן זי דערציילט אירע איינדריקן

ביי די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, וואָס קומען פון רוסישן פראָנט באַקראָכן מיט לייז און באַוואַקסענע מיט בערד, קרעכצנדיק פון די ווונדן אין לייב, וואָס די רוסן האָבן זיי געמאַכט.

— אָנקוקנדיק זיי —דערציילט זי מיט א לאַכנדיקן טאָן— הערן אויף צו לאַכן די סאָלדאַטן, וואָס זענען שוין ביים געזונט־ווערן און ריכטן זיך ווידער צו גיין אויפן פראָנט. זי אַרבעט אין שפּיטאָל צוזאַמען מיט די יידישקעס —דערציילט זי— פון וואָס זי גייט איבער אויף א יידישע טעמע.

מען קלאַפּט אין טיר, עס קומט אַריין א נידעריקע שאַטינע פרייליין, צו וועלכער פלאָריאַן שטעלט זיך אויף באַגריסנדיק זי העפלעך און בעט זי אַריין אין צווייטן צימער. נאָך א ווײַלע שטיל שווייגן הייבט זי אָן ווײַ־טער צו רעדן. זי דערציילט ווי אַזוי די דייטשן האָבן מיט א פּאָר טעג צוריק פאַרכאַפּט קיין טרעבלינקע אַלע יידישע מענער פון שפּיטאָל, מיט וועלכע זי האָט געאַרבעט א לענגערע צייט, און זי הייבט אָן דערציילן מאַכנדיק אַלע נייגעריק:

— ווען אַלע יידן זענען אַנטלאָפן פון שטעטל, מורא האָבנדיק, אַז מען גייט זיי אויסהרגענען, האָט א דייטש, וועלכן די יידן האָבן גערופן אין שפּיטאָל „טשאַפּ", זיי דערקלערט:

— אויב ווער פון אייך, יידישע אַרבעטער, איבער וועלכע איך האָב די אויפזיכט, וועט אַנטלויפן, וועט קיינער זיך נישט קענען אומקערן צוריק צו דער אַרבעט און אַזוי אַרום פאַרלירן דאָס רעכט, וואָס שיצט אייך קעגן יעדן שלעכטס. איר, יידישע אַרבעטער פון שפּיטאָל, האָט נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט טרעבלינקע. איך האָב די פאַרזיכערונגען, אַז פאַר אייך גילטן אַלע געזעצן אַלס אַרבעטסנוצלעכע, אַנטלויפט נישט, ווײַל קיין שלעכטס וועט אייך נישט געשען. און אַלע יידן, נישט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג, זענען געבליבן. שפּעטער, ווען די יידן זענען געבליבן צוריק אין שטעטל, זענען זיי שוין געווען צופרידן, וואָס זיי זענען נישט אַנטלאָפן פון שפּיטאָל. אין צוויי וואָכן אַרום, ווען מען האָט אַלע יידן פון שטעטל געפירט קיין טרעבלינקע אָדער אויסגעשאָסן, האָט דער זעלבער „טשאַפּ" —דערציילט זי ווייטער— געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז זיי וועט גאָרנישט געשען, און עס איז טאַקע אַריבער איבער א מאָנאַט און

מען האָט זיי גאָרנישט געטון. פאַרקערט, זיי פלעגן נאָך קריגן בעסער צו עסן — גיט זי צו — געווען אפילו איינצלנע פון זיי, וואָס זענען אנטלאָפן און צוריק געקומען צו די דראָטן, דורך וואנען די יידן פלעגן זיך צוריק אריינשמוגלען, אז קיינער זאָל נישט זען. געווען אזעלכע, וואָס זענען דער־שאָסן געוואָרן ביים אנטלויפן. נאכהער זענען די יידן געוואָרן גלייכגילטיק און האָבן אויפגעהערט צו טראכטן, וואָס עס וועט מיט זיי זיין שפּעטער. מאכט זיך א מעשה — מיט א פּאָר טעג צוריק קומט אין שפּיטאָל צו פאָרן ד״ר הערמאן און פארשטענדיקט זיך עפּעס מיט דעם „טשאפּן״, וועלכער האָט פאראָרדנט אן אפּעל אין מיטן טאָג פון אלע יידישע מענער וואָס ארבעטן אין שפּיטאָל. די יידן האָבן דערפילט, אז עס איז עפּעס נישט אין אָרדענונג און זיך אָנגעהויבן אויסבאהאלטן. עס איז געוואָרן א גע־דודער צווישן זיי, אין דעם מאָמענט האָט זיך באוויזן דער „טשאפּ״ מיט באוואָפנטער זשאנדארמעריע און אוקראַינער. עס האָבן אפילו אויך מיט־געהאָלפן די פארוווּנדעטע סאָלדאטן אויסצוגעפינען זיי פון די באהעל־טענישן. געווען אזעלכע, וואָס מען האָט זיי ארויסגעשלעפּט פון די קלאָ־זעטן, זייענדיק איינגעטונקען אין גאנצן אין שמוץ — דערציילט זי מיט א געלעכטער. ווען זיי האָבן שוין געהאט אלע ארויסגעשלעפּט פון די באַ־העלטענישן און ארויפגעשטופּט זיי אויף די אויטאָס גרייט צום אָפּפאָרן. איז אָנגעקומען צו גיין דאָס קליינע ייִנגעלע, וואָס פלעגט פּאשען די גענז, אזוי ארייַנטרייבנדיק די גענז דורכן אָפענעם טויער, האָט אים „טשאפּ״ דערזען און מיט דעם צווייגל אין דעם הענטל, מיט וואָס ער פלעגט פאר־טרייבן די גענז, האָט ער אים געכאפּט און ארויפגעשטופּט אויפן אויטאָ קיין טרעבלינקע. זי גיט נאָך צו מיט א טאָן פון מיטלייד, אז ווען „טשאפּ״ האָט דאָס ייִנגעלע אָנגעכאפּט, האָט דאָס נעבעך באלד דערפילט א שרעק און זיך אזוי געקאָרטשעט, וועלנדיק זיך אראָפּזעצן אויף דער ערד. עס האָט זיך צעווײנט און דאָס צווייגל אין הענטל נאָך געהאלטן, ווי דאָס וואָלט זיך דערמיט געוואָלט שיצן — פארענדיקט זי.

איך בין געזעסן הינטערן ווענטל און געטראכט וועגן דעם ייִנגעלע, וואָס איך האָב אזוי גוט געקענט. דאָס ייִנגעלע איז אלט געווען א 12 יאָר, קליין, נישט דערוואקסן פון די צרות און געשטאמט פון א קאלישער ייד (די נעמען געדענק איך שוין נישט), וועלכער איז אנטלאָפן פון ווארשע־

ווער געטאָ און אָנגעקומען קיין סאָקאָלאָוו, ווּ ער פלעגט לעבן אלס שוואַר־צער ארבעטער. זיין ווייב און איין קינד זענען געשטאָרבן אין ווארשעווער געטאָ פון הונגער. דאָס יינגעלע האָט זיך ארויסגעגנבעט פון ווארשעווער געטאָ וואנדערנדיק איבער שטעט און דערפער, ביז ער איז דערגאנגען אין סאָקאָלאָווער געטאָ און האָט שוין אויך נישט געטראָפן קיין לעבעדיקן זיין פאָטער, וועלכער איז געשטאָרבן פון אן עפּידעמישער קראנקהייט. דאָס יינגעלע פלעגט מען אָפט זען זיצן ביים איינגאנג פון דער שטוב, ווּ זיין פאָטער האָט געוווינט, מיינענדיק, אפשר איז נישט אמת, אז זיין פאָ־טער איז טויט און וועט זיך באוויזן צו אים. יידן האָבן מיטלייד באקומען מיט דעם יינגעלע און באזאָרגט עס מיט ארבעט אלס פאסטוכל פון די גענז אין שפּיטאָל. אָט דאָס יינגעלע שטייט מיר איצט פאר די אויגן. איך זע אים מיטן צווייגל אין הענטל פארשטופּן אים אין אויטאָ אויפן וועג קיין טרעבלינקע, ווּ ער וועט דאָרט דאָס לעצטע מאָל אויסשרייען „טאטע!"

אזוי פארטראכט הינטערן ווענטל דערהער איך ווי עס קומט ארויס פון צווייטן צימער די פריילן אין באגלייטונג פון פלאָריאן, וועלכער קוקט נאָך אויפן זייגער און דערמאָנט, אז עס איז שוין קורצע מינוטן צו די מיליטערישע שעהן און באגלייט ארויס די פריילן.

די שכנותדיקע מיידלעך, נאָכן אויסרעדן וועגן אלץ און אלעם, גייען אויך אוועק. אין שטוב איז שטיל געוואָרן. די פרויען גענעצן פון די מעשיות און געשיכטעס וואָס האָבן זיי א ביסל מיד געמאכט. יורעקל זיצט אויפן טאטנס שויס, וועלכער רייסט איבער זיין שווייגן און זאָגט:

— זאָל פלאָריאן זיך נאָר נישט פארשפּעטיקן צו קומען פאר די מיליטערישע נאכט־שעהן.

אין גיכן קומט טאקע ארייַן פלאָריאן א שמייכלדיקער, פון וואָס איך האָב פארשטאנען, אז די פריילן האָט עפּעס גוטס איבערגעגעבן אים וועגן מיר. און איך בין געוואָרן באהערשט מיט א שטימונג פון אן אומגעדול־דיק אָפּוואַרטן, א וואָרט צו הערן וועגן דעם. די מוטער הייבט אָן לאכן צו אים זאָגנדיק:

— איך זע שוין, אז עס וועט גוט צוגיין.

פלאָריאן אויף צו להכעיס איז איצט רואיק און געלאסן. זעצט זיך פלעגמאטיש אנידער. ארומקוקנדיק זיך, צי קיינער הערט נישט, זאָגט ער:

— אז עס וועט גוט גיין, וועט מאָרגן שוין זיין די וויכטיקסטע אַר־בעט אָפּגעטון דערבײַ און אויפֿן דריטן טאָג קען אַלץ שוין זיין פֿארטיק. עס האנדלט זיך נאָר וועגן נאָך צוויי שטעמפּלען און מען דאַרף אויך האָבן א פּאַטע.

איך שטיי הינטערן ווענטל און מיין נאַז קריכט שיעור נישט אריין אין דער שפּאַרע פֿון דעם געלעכערטן פּאַפּיר. פֿארוואָס קלערט מיר פֿלאָ־ריאַן נישט אויף וועגן דעם? פֿארוואָס שפּילט ער זיך מיט מיין נייגעריקייט?

פֿלאָריאַן האָט אָבער צייט, פֿארדרייכערט זיך א סיגארעט און רעדט זיך דורך מיטן פֿאָטער וועגן דער ארבעט פֿארן מאָרגנדיקן טאָג.

יוזעף גענעצנדיק פֿרעגט זיין פֿרוי:

— וואָס האָסטו דערליידיקט וועגן זיין שלאָפֿן?

זי ענטפֿערט:

— עס איז שוין גרייט, אין דעם זעלבן אָרט וואָס נעכטן, אָבער דער־פֿאַר באַקוועמער.

ערשט איצט דערמאָנט זיך פֿלאָריאַן אָן מיר און קומט צו מיר אריין. ער טרעפֿט מיך זיצן האַלב פֿארשלאָפֿן און מאַכט מיך וואַכעדיקער מיט א סיגארעט. ער זעצט זיך אויף זיין פֿאָטערס בעט און זאָגט צו מיר שמייכ־לענדיק:

— דו האָסט מזל, מיטן דאָקומענט וועט גיין גלאַטיק.

איך זעץ זיך נעענטער צו אים און בעט אים, אַז ער זאָל מיר אויפֿ־קלערן ווי עס האַלט פּאַקטיש מיטן דאָקומענט און ווי אַזוי ער קען אַזאַ וויכטיקע זאַך באַווייזן. פֿלאָריאַן בלייבט זיצן א ווײַלע פֿארטראַכט. פּלוצ־לינג פֿרעגט ער מיך:

— זאָג מיר נאָר, וואָס וואָלסטו געטון, אַז מען וועט דיך כאַפּן מיטן דאָזיקן פֿאַלשן דאָקומענט? וואָס וועסטו ענטפֿערן, אַז מען וועט דיך טע־ראָריזירן אַזוי ווי די געשטאַפּאָ קען — פֿון וואַנען האָסטו זיך פֿארשאַפֿט דעם דאָקומענט?

איך בלייב פֿארטראַכט אויף א ווײַלע און ענטפֿער אים:

— ווייסט דאָך פֿלאָריאַן, אַז ביי אונדז אין געטאָ האָט געלעבט א ייד אליהו וואַקסשטיין. ער האָט געאַרבעט אין דער יידישער עווידענציע־אָפּטיילונג פֿון מאַגיסטראַט. אַזוי ווי ער לעבט שוין נישט, וועל איך זאָגן,

אויב מען וועט מיך כאפן, אז דורך אים האב איך באקומען דעם דאָקו־מענט פאר פיל געלט.

פלאָריאן צעלאכט זיך און עס געפעלט אים דער ענטפער.

— הער־זשע וואָס איך וויל דיר דערציילן. אנטקעגן אונדז אין דעם גרויסן הויז, וווּ גראמס און ד"ר הערמאן האָבן זייער אדמיניסטראטיווע רעזידענץ, ארבעט מיינס א באקאנטע ביים ארויסגעבן די פאספאָרטן. צו איר האָב איך זיך היינט פרי געווענדט און איר דערציילט, אז עס געפינט זיך אונדזערס א פריינט באהאלטן און די געשטאפּאָ איז אויף זיינע שפּורן און מען דארף וואָס שנעלער פאר אים מאכן פאלשע פאפּירן, אז ער זאָל קענען פון דאנען אוועק. זי האָט מיר צוגעזאָגט ביינאכט געבן אן ענטפער. איז זי טאקע פריער געווען און מיר איבערגעגעבן, אז פון די פינף סטעמ־פּלען, וואָס מען דארף צום פּאס, קען זי האָבן א צוטריט בלויז צו דריי און די אנדערע צוויי זענען פונעם בירגערמייסטער. די איינמעלדונג גע־הערט שוין צו אנדערע אינסטאנצן, וווּ זי האָט קיין צוטריט. דאָך וועט זי זיך זען צו באמיען אפשר דורך די באאמטע, וואָס ארבעטן דאָרט און מיט וועלכע זי קען זיך גוט. אויסער דעם וועסטו מוזן גיין מאכן א פאָטאָ, אָבער וועגן דעם דארף מען זיך אדורכרעדן, ווי אזוי דאָס צו אָרגאניזירן, אז מען זאָל דיך נישט דערקענען. אז עס וועט זיך איינגעבן מיט דעם דאָ־קומענט, וועט דאָס זיין פאר דיר א רעטונג, ווייל — גיט ער צו מיט אַן אויפריכטיקן טאָן — לאנג ביי אונדז קענסטו דאָך נישט זיין, צוליב די ארעסטן אין שטעטל און אומרואיקער לאגע פון כאפּן צו דער ארבעט קיין דייטשלאנד. אויסער אלעם קען זיך ווער דערוויסן, אז מיר באהאלטן אויס א ייד, זענען מיר דאן אלע אין דער זעלבער לאגע ווי דו. אָבער — פאר־ענדיקט ער מיט א זיכערן טאָן — איך בין זיכער, אז עס וועט זיך אלץ גוט ענדיקן.

איך דאנק אים זייער פאר זיין הילף.

עס קומט אריין די מוטער א שמייכלדיקע. פלאָריאן ווייזט אַן אויף דער מוטער און זאָגט, אז דער פּלאן וועגן דאָקומענט שטאמט פון איר טאָקע. זי איז צופרידן דערפון און זאָגט:

— אז מיר וועלן העלפן אן אָרימען, וועט אונדז גאָט העלפן.

פלאָריאן בעט מיך, איך זאָל אים דערציילן, וואָס איך האָב געזען

אין טרעבלינקע און ווי אזוי איך בין ארויס. ווערנדיק אנטקעגנקומען זייער נייגעריקייט, האָב איך אָנגעהויבן צו דערציילן. די ראגאזשינסקא באמערקט אין מיין רעדן, אז איך ענדער זיך אין מיין ביז איצטיקן אויסזען, זי בארואיקט מיך און לאָזט מיך מער נישט רעדן וועגן דעם, געבנ־דיק מיר די מלבושים, וואָס ליגן נעבן מיר, אז איך זאָל זיי אָנמעסטן.

ווען זיי גייען ארויס, הייב איך אָן צופאסן דעם אנצוג. די הויזן זענען גוט, אין דער מארינארקע איז מיר שווער אריינצוקריכן. זי איז צו ענג. אין דער מארינארקע דערפיל איך אלע ווייטיקן פון צעהאקטן לייב. ערשט איצט מוז מען פארקריצן די ציין, בכדי די ווייטיקן נישט ארויס־ווייזן. איך באקוק מיך אין דעם אנצוג און דערפיל זיך גאָר אנדערש.

פלאָריאן כאפט דורכן פאָרהאנג א בליק צו מיר און באמערקט מיך שוין אן איבערגעטוועגעם. ער צעשמייכלט זיך איבער מיין גוטן אויסזען, און זאָגט צו מיר:

— קום אריין אין קיך, נישטאָ קיין פרעמדער און קיינער וועט דיך נישט זען.

איך הייב אויף דעם פאָרהאנג מיט א געפיל פון צוריקגעהאלטנקייט און באוויז זיך פאר די שטוביקע, וועלכע צעשמייכלען זיך צו מיר פריינד־לעך צוליב מיין געענדערטן אויסזען. די ראגאזשינסקא צעלאכט זיך אין דער שטיל זאָגנדיק:

— א ריכטיקער פּאָליאַק.

די יינגערע שוועסטער, מיט דער שטריקעכץ אין די הענט, קוקט אויף מיר זאָגנדיק:

— ער וועט קענען אָנגיין...

פלאָריאן, א גוט געשטימטער, ברענגט זיינס א היטל פון צווייטן צימער און פארלייגט מיר אויפן קאָפּ. יוזעף בלייבט שטיין און קוקט מיך אָן א האלב ערנסטער און האלב שמייכלענדיק און זאָגט:

— א ריכטיקער סטאַשיעק...

אלע כאפּן דאָס אונטער און מען הייבט מיך אָן רופן סטאניסלאוו.

און איך, ווערנדיק באהערשט פון אלעמענס גוטער שטימונג, זאָג, אז איך וועל זיך נאָך פארלאָזן א פּאָר פארדרייטע וואָנסעלעך, וועט מיך שוין קיינער נישט דערקענען. אלע צעלאכן זיך. יוזעף איז אָבער ערנסט און

זאָגט, אַז מען זאָל זיין פּאָרזיכטיק, אַז קיין שכן זאָל נישט באמערקן. פלאָריאַן, געבנדיק מיר א סיגארעט, קלאַפּט מיר אין פּלייצע ווײלעריש און זאָגט:

— איך זע שוין, אַז מען קען זיך אויף דיר פאַרלאָזן. דו וועסט קענען אָפּשבּילן די ראָל, וואָס עס שטייט דיר פּאָר.

— יאָ, ער דאַרף נאָך האָבן א סך גליק, אַז ער זאָל נישט אריינ־פאַלן — רופט זיך אָפּ פרוי ראַגאַזשינסקאַ.

אירע ווערטער טרעפן מיר אין פּינטל און איך זאָג אַן ערנסטער: פאַרן טויט האָב איך נישט מורא און דאָס לעבן מוז מען קענען הפקר מאַכן, איבעריגנס האָב איך דאָך שוין איצט נישט וואָס צו פאַרלירן, איך האָב שוין אַלץ פאַרלוירן. נאָר א ביסל גליק, ווי עס ווייזט זיך ארויס, איז מיר נאָך פאַרבליבן, און לעבנדיק מיטן געדאַנק, אַז דאָס גליק באַגלייט מיך, וועט דאָס מיר צוגעבן מוט אין מיין וואַנדער־וועג. און איר וועט זען —פאַרענדיק איך אין א גוטער שטימונג— אַז סטאַניסלאַוו וועט נאָך לאָזן פון זיך וויסן און דער טייוול וועט אים נישט נעמען.

אַלע בלייבן צופרידן צוליב מיין זיכערקייט אין זיך. יוזעף גייט אָבער צו פּראַקטישע ענינים און פרעגט זיך, ווי אַזוי מען וועט מאַכן דאָס בילד. איך ענטפער, אַז איך קען דאָס אַליין דורכפירן, נאָר עס זאָל ווער מיטגיין מיט מיר און פריער נאָכקוקן, צי ביים פאָטאָגראַפיסט איז נישטאָ קיין פאַרדעכטיקער. אַלע זענען מסכים און עס ווערט אָפּגערעדט, אַז מאָרגן פאַרנאַכט, ווען עס וועט שוין זיין טונקל, גיי איך זיך מאַכן א בילד צום פּאַספּאָרט.

זיי מאַכן נאַכט. איך כאַפּ מיך אריין אין מיין חדרל, טו זיך צוריק איבער און לאָז זיך פירן פון דער ראַגאַזשינסקאַ, וועלכע וואָרנט מיך צו גיין שטיל, אַז עס זאָל נישט באַמערקן דער באַלעבאָס.

מיר גייען דורך די פּאָר טריט אויף די שפּיץ־פינגער. איך גיי נאָך איר אין דער פינסטער צווישן האָלץ. זי נעמט מיך אָן פאַר דער האַנט און פירט מיך צו צו א טירל, וווּ זי לאָזט מיך אריין זאָגנדיק: „מאָרגן פאַרטאָג וועל איך דיך אויפוועקן. שלאָף גוט". און פאַרשווינדט.

איך בלייב שטיין אין א פינסטערער קליאַטקע און דערפיל גלייך דעם גערוך פון חזיר־שטעלכל. אונטער מיינע פיס דערפיל איך פונאַנדער־

געשפּרייטע שטרוי, איך דערטאַפּ מיט די הענט א דעק פון פעדערן און א קליין זעקעלע אָנגעשטאָפּט מיט היי אונטערצולייגן זיך אונטערן קאָפּ.

איך כאַפּ א בליק דורך די שפּאַרעס פון װענטל, װאָס גייט ארויס אין דרויסן. קיין שפּור פון לעבן. א שטילקייט. װי אַלץ װאָלט געװען אויס־געשטאָרבן, בלויז דער הארבסטיקער קאַלטער װינט צערייסט פון צייט צו צייט די בית עולם־שטילקייט, און צעבלאָזט זיך פייפנדיק אין די אויערן.

דער הימל איז באַדעקט מיט כמאַרעס, די לבנה גיט פון צייט צו צייט א לייכט און באַהאַלט זיך װידער הינטער די כמאַרעס, װאָס גליטשן זיך דורך איר פאַרביי.

איך נעם אװעק דעם קאָפּ פון דער װאַנט און אין דער פינסטער־ניש הער איך דאָס שװערע סאָפּען פון די שלאָפנדיקע הזירים. עס נעמט מיך ארום אן אומהיימלעכקייט. איך לייג מיך אויפן בערגל שטרוי, צי זיך אויס מיטן קאָפּ אויפן קישעלע, ארונטערקריכנדיק אונטער דער דעקע, װאָס איז גע־װאָרן אָנגעזאַפּט מיט דעם ריח פון שטעלכל. איך לייג מיך ארויף מיט דער פּלייצע, װאָס איז נאָך באַדעקט מיט די איינגעטריקנטע װוּנדן.

אין שלאָף חלומט זיך מיר מיין װאַנדער־װעג, װוּ איך שלעפּ זיך ארום א פאַרװאָגלטער און אן איינזאַמער, איך קען נישט געפינען קיין אָרט, װוּ איך זאָל א שטיקל פּלאַץ און רו געפינען. אומעטום זע איך אן אויסגעשטאָרבנקייט, נישטאָ קיין מענטשן, נישטאָ קיין יידן. איך זע ארום זיך א בית עולם און קברים. און דאָרט לאָזן מיך די מתים אויך נישט צו...

איך װאַנדער װייטער איבער פעלדער און װעלדער. קיין שפּור פון לעבן איז נישטאָ, אומעטום הערשט טויטקייט.

— —

אויפגעװעקט האָבן מיך טראָפּנס װאַסער. װאָס האָבן געקאַפּעט פון דאַך אויף מיין צעהיצטן קאָפּ. איך בין געבליבן זיצן, אן איבערגעשראָקע־נער פון רעגן און פון דעם שרעקלעכן חלום.

װען איך בין צו זיך געקומען, האָב איך מיך פאַררוקט אין א װינקל, װוּ עס קאַפּעט נישט אדורך און זיץ אזוי איינגעקאָרטשעט אונטער דער דעק און הער זיך צו װי אין דרויסן רייסט און פייפט דער װינט און דער רעגן פּאַטשט אין דער װאַנט פון שטעלכל.

װען איך האָב מיך שוין דערװאוסט, אז די ראַגאַזשינסקא זאָל צו מיר

קומען אינדערפרי, האָב איך פרייער אָפּגעעטעמט און זיך אריינגעכאַפּט אין דער וווינונג.

צומאָרגנס נאָך דער פּיינפולער נאכט אין דער קלאָטקע, איז מיר שוין דאָס חדרל געוואָרן אייגן, איך האָב מיך איבערגעטון אין די בעסערע קליי־דער, אָפּראַזירט און אָנגעהויבן פאַרלאָזן וואָנצן, וואָס האָט מיר צוגעגעבן מער אויסזען אלס סטאַניסלאַוו.

נאָכן פרישטיק קומט צו מיר אירענע און הייסט מיר אריינגיין אין צווייטן צימער, ווו איך וועל זיך פרייער פילן. דורכן פענסטער פון צווייטן צימער וועל איך קענען זען, אויב עס וועט אָנקומען א פרעמדער צום הויז און דאַן דאַרף איך זיך צוריק אריינכאַפּן אין חדרל.

איך בעט אירענען, אז זי זאָל מיר געבן דאָס געבעט־בוך, בכדי איך זאָל זיך אויסלערנען די תפילות. זיצנדיק אזוי איבערן געבעט־בוך, נישט קענענדיק זיך פונאנדערקלייבן אין די תפילות, וואָס זענען אמנויטיקסטן פאר מיר אין מיין נייער ראָל אלס „אריער", קומט אריין די יינגערע שוועס־טער, וועלכע זעצט זיך נעבן מיר אוועק און ווייזט מיר אָן, וועלכע תפילות זענען אמנויטיקסטן זיך אויסצולערנען. זי לייענט מיר פארשידענע תפילות און די צען געבאָטן, זאָגט אז גאָט האָט מיטלייד מיט אלע ליידנדיקע מענטשן אויף דער וועלט און הערט אויס דאָס געבעט פון די אלע, וועלכע פאר־לאַנגען זיין הילף. און זי דערציילט מיר פארשידענע געוווינהייטן פון זייער רעליגיעז לעבן, פון קלויסטער, פון די חגא־טעג. זי פארענדיקט איר „לעק־ציע" זאָגנדיק:

— ווער עס גלויבט אויפריכטיק אין דעם וואָס דאָ איז געשריבן, וועט קיין שלעכטס קיינעם נישט טון.

* * *

אין שטאָט איז א שטאַרקע באַוועגונג. פּויערים און פּויערטעס גייען צוריק מיט זייערע אויסגעליידיקטע קוישלעך פון מארק, ווו זיי האָבן אויס־פארקויפט זייערע דאָרפישע פּראָדוקטן. עס דרייען זיך מיר קענטיקע מי־ליטער און פּאָליציי־לייט, וועלכע טאָרן אפילו מיין שאָטן נישט זען. אנט־קעגן, ביים אָפענעם פענסטער פון דעם גרויסן הויז, שטייט דער מערדער

ד"ר הערמאַן און קוקט אַרום אויף דער גאַס מיט אַ צופרידענער מינע. ער ווייסט גאָרנישט, אַז אַנטקעגנאיבער אים, הינטערן פאַרהאַנג, וואָס פאַרשטעלט מיך פון זיינע געשטאָפּאָ־אויגן, שטייט אַ ייד, וועלכן ער האַלט שוין לאַנג פאַר אַ ליקווידירטן און שיקט אים אַרויף צום פענסטער אַ קללה. צו אַ שכנותדיק הייזל פאָרט צו אַ שטאָטישער פּאַליאַק מיט אַ פול אָנגעלאָדעוועט פורל יידישע זאַכן. זיין ווייב און קינדער פילן אָן די צימערן מיט די זעק מלבושים און מעבל.

היינט איז אַ טאָג פאַר די שטאָטישע פּאָליאַקן אין אויסגעשאָכטענעם געטאָ. מאָרגן וועלן די זעלבע קניען ביים גאָטעסבילד און תפילה טון שעפּטשענדיק פרום: „איך וועל נישט רויבן און מאָרדן", „איך האָב ליב אַ צווייטן פונקט ווי זיך" — און באַלד נאָך דעם געבעט וועלן זיי פאַרוואַשן די בלוט־פלעקן אויף די מלבושים און גאַנץ מאַכן דאָס דורכגעשאָסן מעבל.

אָוונטצייט בין איך אַוועק צום פאָטאָגראַפיסט, איבערגעטון אין מיינע נייע קליידער, בכדי צו האָבן אַ „פּוילישן אויסזען". די פּוילישע איינוווינער באַוועגן זיך אין דער טונקלקייט און קיינער זעט מיך נישט גיין צום פאָטאָ־אַנשטאַלט פענדיק.

איך בלייב שטיין אויף דער גאַס. די ראַגאַזשינסקאַ, וועלכע איז אַריינגעגאַנגען זיך איבערפרעגן, צי געפינט זיך נישט איר טאָכטער, וואָס האָט דאָ געזאָלט זיין אין דער צייט, קומט צוריק און זאָגט מיר:

— דו קענסט אַריינגיין, איך וועל צוואַרטן.

פון מיין אָנקלינגען אין דער טיר באַוויזט זיך אַ פרוי. מיך אַריינלאָזנדיק אין פאָדערצימער, פרעגט זי מיך וואָס איך פאַרלאַנג.

— איך וויל זיך מאַכן בילדער צו אַ דאָקומענט — ענטפער איך.

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט — עס איז דאָך שוין נאָך דער אַרבעטסצייט.

— אַנטשולדיקט מיר זייער, פרוי —ענטפער איך— איך בין אַן אַרבעטער ביי דער באַן און האָב קיין צייט נישט פריער צו קומען.

זי קווענקלט זיך אַ ביסל און פירט מיך אַריין אין פאָטאָ־אַנשטאַלט.

— ווי איז אייער נאָמען?

— סטאַניסלאַוו גורסקי.

איך בעט, אַז מען זאָל מיר די בילדער מאַכן ווי אַמשנעלסטן.

ווען איך בין געקומען צוריק צו ראגאזשינסקיס וווינונג, זענען דאָרט געווען פרעמדע מענטשן. די שטוביקע האָבן שוין אָבער געוווּסט, אַז מיר דארפן קומען און די געסט אריינגעבעטן אין צווייטן צימער. איך האָב זיך דערווייל אריינגעכאפּט ווידער אין מיין חדרל.

פלאָריאַן, וועלכער איז געקומען גוט געשטימט פון וועג, נאָכן דער־ציילן זיינע איינדרוקן און א פּאָר וויצן, וואָס האָבן אלע געמאכט לאכנ־דיק, דערציילט אזא געשיכטע:

—זייענדיק היינט אין שפּיטאָל קלימאַוויזנע אויפן וועג צווישן ווענ־גראָוו און סאָקאָלאָוו, האָב איך פארברענגט צוזאמען מיט באַקאַנטע פּאָ־ליאַקן, וואָס ארבעטן דאָרט ביי מאלעריי. צווישן זיי האָב איך באמערקט איינעם מיט א בלאָנדן אויסזען, אָבער לויט דעם אקצענט פון זיין רעדן און זיינע באוועגונגען האָב איך אים חושד געווען, אז ער איז א ייד. ביי איינעם זיינס א חבר, האָב איך זיך אויף אים געפרעגט און יענער האָט זיך א ביסל קרעמפּירט צו רעדן וועגן אים. אָבער קענענדיק מיך גוט —דערציילט ער— האָט ער מיר על פּי סוד אויסגעגעבן, אז ער איז א ייד און פיגו־רירט אלס פּאָליאַק, אָבער ס׳ווייסט נישט קיינער וועגן דעם, נאָר ער אליין. איך —דערציילט ער ווייטער— באמערקנדיק, אז ער האָט געוויסע גע־וווינהייטן אין רעדן, מיט וועלכע ער קען זיך נאָך פארראטן, האָב אים געזאָגט, אז ער זאָל דעם ייד מיר איבערגעבן, ווייל איך וויל זיך מיט אים פארשטענדיקן און איך האָב זיך טאקע מיט דעם ייד צונויפגערעדט און אים אויפמערקזאם געמאכט, אז ער זאָל ווייניקער רעדן, בכדי נישט אריינ־צופאלן אין די גערמאנישע הענט. דער ייד איז פון אָנפאנג געווען דער־שראָקן, ער האָט געמיינט —גיט ער צו איראָניש— אז איך גיי אים אריינ־נארן — אָבער דערנאָך האָט ער זיך איבערצייגט אין מיין אויפריכטיק רעדן און אפילו מיר דאנקבאר געווען פאר דער גוטער באמערקונג.

ביינאכט פארלאָז איך די וווינונג און קענענדיק שוין דעם וועג אין דער פינסטער, כאַפּ איך מיך שוין אליין אריין אין דער קלאטקע אויף דער שטרויענער נאָרע, ווו איך גראָב מיך איין אונטער דער פייכטער דעק פון נעכטיקן רעגן און מאך מיך פארגעסן אָן דער אומהיימלעכקייט פון דער־נאכט אין שטעלכל און ליג טראכטנדיק ביז איך שלאָף איין.

פארטאָג, ווען די ראגאזשינסקא איז מיך געקומען וועקן, בין איך

שוין לאַנג געלעגן וואָך נאָך די נאַכט קאָשמאַרן, וועלכע האָבן אוועק־געטריבן מיין שלאָף.

דעם זעלבן טאָג ביים עסן מיטאָג, קומט אריין די פריילן, וועלכע ווערט אויפגענומען דורך פלאָריאַן אין צווייטן צימער. ווען זי איז נאָך א קורצן שמועס מיט פלאָריאַנען אוועק, האָט ער דערקלערט, אז די פריילן האָט אים געבראַכט א נישט אויסגעפולטן דאָקומענט, בלויז מיט דריי סטעמפּלען, זאָגנדיק, אז צו די אנדערע צוויי האָט זי נישט קיין צוטריט, און קען נישט באַווייזן דאָס דורכצופירן. דאָס האָט געשאַפן א געדריקטע שטימונג פון אַלע שטוביקע און מען האָט געמיינזאַם גענומען נאָכקלערן וואָס ווייטער צו טון.

איך, פלאָריאַן און יוזעף באַראַטן זיך אין מיין חדרל און מען קומט צום באַשלוס וועגן דריי אויסוועגן: איינס — אז איך זאָל זיך ווענדן צו די דריי יידישע דרוקער, וואָס לעבן נאָך ארבעטנדיק אין דער דרוקעריי, אז זיי זאָלן צוהילף קומען און נאָכמאַכן די צוויי פעלנדיקע סטעמפּלען. צוויי — פלאָריאַן זאָל זיך פארשטענדיקן מיט זייער באַקאַנטן פּוילישן וועכטער פון שטאַטישן אמט, אז ער זאָל אים אריינלאָזן זונטיק צייט אין דעם צימער, וווּ עס זיצט דער בירגערמייסטער און דאָרט נעמען די סטעמ־פּלען. דריי — אויב דורך די וועגן וועט נישט געלינגען צו דערליידיקן די צוויי סטעמפּלען, וועט זיך יוזעף פארשטענדיקן מיט זיין פריינט פּיאַט־קאָווסקי, וועלכער אָריענטירט זיך גוט אין אמטלעכע אונטערשריפטן, אפשר וועט ער עפּעס קענען מאַכן.

ביידע זענען אוועק צוריק צו דער ארבעט, אָנזאָגנדיק מיר, אז איך זאָל זיין פאָרזיכטיק ביים גיין צו די דרוקער.

מיט אומגעדולד האָב איך זיך דערוואַרט, ביז עס האָט פּאמעלעך אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט. איך לאָז מיך ארויס אויף דער לאַנגער גאַס צו דער דרוקעריי, וואָס האָט אמאָל געהערט צום סאָקאָלאָווער ייד קאַיעט. אין שטעטל איז נאָך א מארק טאָג. עס דרייען זיך נאָך ארום די דאָרפישע פויערים, וואָס זענען זיך אין שענק פארזעסן, און דער בראָנפן האָט זיי געמאַכט פארגעסן אָן דער שפּעטער צייט. אויפן מארק־פּלאַץ געפינען זיך נאָך איינצלנע באַשעפטיקטע פּוילישע הענדלער, וואָס נעמען צונויף זייערע סחורות פון די טישלעך אראָפּ. אין מיטן גאַס שטייען גרופּקעס פּאָליאַקן

און קוקן זיך צו צו דעם געשלעג פון די שיכורים, וואָס שלאָגן זיך צוליב נישט קיין דורכגעקומען געשעפטל. אנדערע שטייען און קוקן זיך צו, ווי צוויי יונגע פויערים קושן זיך הינטער דער וואנט פון ליבשאפט צום בראָנפן.

און איך גיי זיך דרייסט אויף דער גאס, וואָס איז נאָך פול מיט דער שטעטלדיקער באוועגונג.

ווען איך בין צוגעקומען צו דער דרוקעריי, האָב איך געמוזט צו־ווארטן, ביז עס וועלן ארויס צוויי פרעמדע מענטשן, וואָס איך האָב זיי געזען דורך די שפּארעס פון די פּארטונקלטע גלעזערנע טירן. אריינקו־מענדיק, דערקען איך גלייך אלע דריי טויט־בלאסע יידישע דרוקער, וועלכע איך האָב געקענט בלויז פון זען.

די דרוקעריי איז געווען אין א לאנגן לאָקאל, העל באלויכטן מיט עלעקטריש ליכט. איינער איז שטיין געבליבן מיט א פוס אויפן טריטל פון דער קליינער דרוק־מאשין, דער צווייטער ביי א קליינעם שופלאָד, פון וועלכן ער האָט אויסגעקליבן זאץ צום זעצן. די ביידע, וואָס קוקן מיר נאָך, לאָז איך הינטער זיך און גיי צו דעם עלטסטן פון זיי, וואָס זיצט אינמיטן לאָקאל ביי א שרייבטישל און פרעג אים, צי איך קען מיט אים רעדן אויג אויף אויג. ער קוקט מיך אָן פארדעכטיקט און פרעגט מיך, ווער איך בין.

— איך בין אן איבערגעטוענער סאָקאָלאָווער ייד — ענטפער איך אין יידיש.

די אנדערע צוויי, וואָס האָבן דערהערט רעדן יידיש, קומען צו און זאָגן צו אים, אז איך האָב טאקע אויסגעזען צו זיין קענטלעך. איינער פארשליסט די טיר און די אנדערע צוויי פירן מיך אריין אין א חדרל, וואָס האָט אמאָל געדינט אלס קאסע. זיי פרעגן מיך אויס, פון וואנען איך קום און ווי אזוי האָב איך זיך אויסבאהאלטן פון די נאצים. איך קען זיי קיין סך נישט דערציילן און גיי גלייך איבער צום עצם ענין, וואָס האָט מיך צו זיי געבראכט. זיי דערקלערן מיר אָבער, אז דאָס איז אן אוממעגלעכע זאך, ווייל אלע פּאָר מינוט קומט מען אריין אין דער דרוקעריי און מען קאָנטראָלירט נאָך די ארבעט. נאָרוואָס זענען גראד ארויסגעגאנגען צוויי, איינער פון זיי א געשטאפּאָ־מאן.

די דריי יידישע דרוקער־ארבעטער קוקן מיך אָן מיט זייערע אויס־געלאָשענע אויגן. איך פרעג זיי:

פארוואָס זיצט איר דאָ? מיינט איר, אז דאָ קען הערמאַן פארגעסן, אז איר זענט יידן? ווי אזוי קענט איר נאָך איינשטיין ביי דער ארבעט?

נאָך א קורצן שטילשווייגן ענטפערט מיר איינער פון זיי גלייכגילטיק:

— מיר ווייסן אלץ, אָבער וואָס זאָלן מיר טון? גראמס און ד"ר הערמאַן האָבן אונדז געוואָרנט, אז קוים וועט איינער פון אונדז אנטלויפן, וועט ער אויסשיסן אונדזער גאנצע פאמיליע, וואָס ער האָט געלאָזט ביים לעבן. ער פארזיכערט אונדז, נישט אומצוברענגען, אויב מיר וועלן ארבעטן. ער באזאָרגט אונדז אפילו מיט ווייס ברויט.

— לעבט נאָך אייער פאמיליע? — פרעג איך מיט פארוווּנדערונג.

— יאָ. מיר האָבן אין אונדזער וווינונג באהאלטן נאָך צוויי סאָ־קאָלאָווער פרויען, אונדזערע קרובים, וואָס זענען געשפּרונגען פון צוג אויפן וועג קיין טרעבלינקע. און ווי אזוי קענען מיר אליין אנטלויפן און איבערלאָזן די משפחות. מיר וואָלטן אנטלאָפן אלע צוזאמען, אָבער וווּהין? אפילו דער וואלד איז דאָס זעלבע פאר אונדז ווי טרעבלינקע. מיר האָבן נישט קיין אנדער אויסוועג ווי איבערצולאָזן ווייטער אונדזער גורל אין די הענט פון גראמסן און ד"ר הערמאַן. אונדז איז שוין קיין אונטערשיד נישט. מיר שרעקן זיך נישט פארן טויט, ווייל מיר ריכטן זיך אלע טאָג אויף אים. און דאָס לעבן איז אונדז שוין מיאוס געוואָרן. א חוץ אונדז — גיט דער זעלבער צו— לעבן נאָך אין סאָקאָלאָוו העכער צוואנציק יידן, וואָס מאכן ריין דאָס געטאָ. וואָס עס וועט זיין מיט זיי, וועט זיין מיט אונדז.

איך בעט איינעם פון זיי, אז ער זאָל נאָכקוקן, צי מען קען ארויסגיין. איך געזעגן זיך מיט זיי און פארלאָז די דריי יידן מיט די טויט־בלאסע פּנימער און אויסגעלאָשענע אויגן.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט צום הויז, האָב איך זיך נישט גע־קענט ארייּנקריגן אין מיין חדרל צוליב די פרעמדע מענטשן, וואָס זענען דאָרט געזעסן און איך בין גלייך אריין אין דער קליאטקע אויף מיין שטרוי־ענער נאכט־נעסט.

זיץ איך אזוי אין פינסטערן ווינקל אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אויפן ווינקל און טראכט וועגן די לעצטע פּאָר יידן פון מיין שטעטל, וועלכע די

מערדער האָבן אויף א ראפינירטן אופן בארויבט פון זייער ווילנס־קראפט צום לעבן. אָנגעשטעקט זיי מיט אַפּאַטיע און גלייכגילטי־קייט. אָט די דריי יידן מיט די אויסגעלאָשענע אויגן, וועלכע האָבן שלום געמאכט מיטן געדאנק פון א לעבן אויף דערוויילֿ, יעדן טאָג דערווארטנ־דיק דעם טויט, האָבן דאָך נישט פארלוירן זייערע מענטשלעכע אייגנשאפטן פון ליבע און איבערגעבנהייט צו זייערע נאָענטע. די חיהשע מערדער האָבן געוווּסט אויף א ראפינירטן אופן אויסצונוצן די מענטשלעכע אייגנשאפטן פון די פאָר יידן און איבערגעלאָזט זיי די עלטערן, פרויען און קינדער, מיט וועלכע זיי האָבן געוווּסט, אז זיי קענען נישט אנטלויפן און אויך זיך נישט שיידן פון זיי.

מיינע טראכטעניש זענען איבערגעריסן געוואָרן אין דעם פינסטערן שטעלכל, ווען פרוי ראגאזשינסקא איז געקומען מיט א לאמטערן מיך זוכן. טרעפנדיק מיך אין דער קלאטקע, זאָגט זי צו מיר מיט א צופרידענער מינע: מיר האָבן געמיינט, אז דו ביסט שוין פארפאלן געגאנגען, נישט באוויזנ־דיק זיך צוריק. אָבער איך האָב פארשטאנען, אז צוליב די פרעמדע ביסטו אריין אין דער נאָרע. קום אריין אין דיין חדרל, זאָגט זי שנעל זיך איילנ־דיק — עס שטייט שוין דאָרט פאר דיר דאָס עסן.

פלאָריאן באוויזט זיך אין מיין חדרל. ער איז אין א גוטער שטימונג.

— איך זע שוין, אז דו האָסט גאָרנישט דערליידיקט. אָבער שוין באלד איז זונטיק און איך וועל אויספראָבירן, אפשר וועט מיר געלינגען. א חוץ פאר דיר — זאָגט ער צו מיר סודותפול — מוז איך זיך אויך פארזאָרגן מיט א פאלשן דאָקומענט, ווייל די היטלערישע זין שיקן איצט פונאנדער דורכן ארבעטס־אמט קוויטלעך אויף צוואנגס־ארבעט אין דייטש־לאנד, און דו ווייסט דאָך — גיט ער צו — ווי ליב איך האָב די גערמאנער, אז איך זאָל פאָרן פאר זיי ארבעטן אין זייער פארשאָלטן לאנד. קום אריין אין קיך, וועסטו אויסהערן א ביסל נייעס פון א געהיים בלעטל.

אין קיך טרעפן זיך אלע שטוביקע. דאָס פענסטער איז גוט פאר־שטעלט. פלאָריאן, וועלכער פילט זיך זיכער, אז קיינער אין דרויסן וועט אים איצט נישט אונטערהערן, נעמט ארויס פון זיין טאש א קליין 4־זייטיק בלעטל, וואָס איז שוין א ביסל געלעכערט פון די פיל קנייטשן, און לייענט פאר אלע שטילערהייט די וועלט־נייעסן, וואָס עס שטעלט צו די אונ־

טערערד. ער לייענט וועגן דער לאַגע אויפן איטאַליענישן פראָנט, ווו עס הערשט א שטילשטאַנד פאַר א שטורעם, וואָס דאַרף ברענגען מיט זיך דעם דערוואַרטן צווייטן פראָנט; וועגן די שווערע ענגלישע לופט־אָנגריפן אויף דייטשלאַנד; וועגן דייטשן טעראָר און אויסמאָרדונג פון טויזנטער פּאָליאַקן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן; א ווענדונג צו אַלע פּאָליאַקן אין לאַנד, אַז זיי זאָלן זיך נישט לאָזן פאַרשיקן קיין דייטשלאַנד אויף צוואַנגס־אַרבעט. פלאָריאַן לייענט אויך פאַר די מיליטערישע לאַגע אויפן רוסישן פראָנט, ווו עס רעדט זיך וועגן דייטשן דורכפאַל אויף דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט; וועגן דער שלעכטער מאַטעריעלער באַזאָרגונג פון די דייטשע אַרמייען אויף די מזרח־פראָנטן, וואָס זענען נישט צוגעפּאַסט פאַרן אָנקומענדיקן ווינטער אין די רוסישע סטעפּעס; וועגן דער קומענדיקער אָפענסיווע פון דער רויטער אַרמיי. אַממיינסטן איז גערעדט געוואָרן וועגן פראָנט ביי סטאַלינגראַד, ביז וואַנען די היטלעריסטישע אַרמייען זענען געלאָפן און זענען שטיין געבליבן מיט א פאַרהאַקטן אָטעם קעגן דעם אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי.

פלאָריאַן ענדיקט לייענען דאָס בלעטל, וואָס האָט פאַרשאַפט א גוטע שטימונג און האָפענונג וועגן דער קומענדיקער מפּלה פון די דייטשן. יוזעף, וועלכער איז שטענדיק ערנסט און שטילשווייגנד, איז איצט פון די גוטע נייעס קעגן די גערמאַנער געוואָרן באַרעדעוודיק און ער דערציילט מעשיות וועגן די דייטשן.

אַלע לאַכן, און יוזעף, א צופרידענער פון די ידיעות, הייבט זיך אויף זאָגנדיק:

— לאָמיר גיין שלאָפן, אפשר דורך דער נאַכט וועלן די גערמאַנער־אַנטלויפן...

זונטיק איז ביי די ראַגאַזשינסקעס אין שטוב געווען פריילעך. די געסט קלאַפּן צו צום טאַקט, טאַנצנדיק א פּוילישע מאַזורקע, געשפּילט אויף א פּאַטעפאָן. די געלעכטערס און פריילעכע שטימונג לאָזן זיך הערן ביי מיר אין דער קליאַטקע, ווו איך באַהאַלט זיך אויס פאַר די פרעמדע זונטיק־געסט. די ראַגאַזשינסקאַ באַווייזט זיך פאַר מיר א גוט געשטימטע מיט א פריילעך פּנים און דערלאַנגט מיר א גלאָז בראָנפן זאָגנדיק שטיל:

— ווייס איך, אַז היינט איז יום־טוב און פאַרטרייב דיר דיין איינ־

זאמע שטימונג מיטן בראָנפן. פלאָריאַן — זאָגט זי צו מיר מיט א נאָך שטילערן טאָן — פארלאָזט באלד די געזעלשאפט, גייט מיט דעם וועכטער ביים שטאטישן איינמעלדונגס־אמט. ער האָט מיט זיך פיל שליסלען, צווישן וועלכע איינציקע וועלן זיך פאסן. זי פארענדיקט מיט די ווערטער: גאָט זאָל העלפן, אז עס זאָל אים געלינגען זיך צוצוקריגן צו די סטעמפּלען.

איך בלייב ליגן אויף מיין שטרויענער נאָרע און מיר דאכט זיך, אז די קלאָטקע דרייט זיך מיט מיר אין א קארוסעלע. פון די חזירים, וועלכע שמעקן צו מיר אריבער מיט זייערע נאָזלעכער, רוק איך זיך אָפּ, מיינענ־דיק, אז אָט אָט פאלן זיי אויף מיר ארויף. דאָס גלאָז בראָנפן האָט זיך אין מיר צעשפּילט.

פּלוצלינג דערהער איך טריט אין דערנעבנדיקן שטעלכל און איך פיל, איבער מיר בלייבט עמעצער שטיין. איך הייב אויף דעם קאָפּ און טרעף זיך צונויף מיט א פּאָר אויגן, וואָס קוקן אויף מיר פארדעכטיק.

— וואָס טוסטו אין דעם שטעלכל? — פרעגט מיך אן עלטערער גוי, אריבערקוקנדיק אויף מיין זייט —. ווער ביסטו? זונטיק אין שטאָל? ווילסטו אפשר א פּאָר הינער פון דאנען ארויסנעמען אין אָוונט.

איך שטעל מיך אויף די קני און זאָג צו אים זיך שאָקלענדיק:

— הער נאָר צו, קענסטו אהער ברענגען א פלעשל בראָנפן — איז גוט, ווען נישט — טראָג זיך שנעל אוועק פון דאנען.

דער גוי פארשווינדט און איך הער זיך צו, ווי ער גייט אריין צו די ראגאזשינסקעס און קומט שוין מער נישט ווידער. א ביסל שפּעטער באַ־וויַיזט זיך די ראגאזשינסקא און פרעגט מיך:

פּין וואנען איז דער באלעבאָס פארקראָכן צו דיר? ער איז ביי אונדז געוועזן און איבערגעגעבן, אז עס ליגט א שכורער אין שטעלכל. איך האָב אים בארואיקט — זאָגט זי מיר לאכנדיק —, אז דאָס איז איינער פון אונ־דזערע געסט, וועלכער האָט זיך צופיל אָנגעטרונקען און אוודאי פארקראָכן אהער.

מיר צעלאכן זיך ביידע אין דער שטיל.

אָוונט צייט קומט אין מיין חדרל פלאָריאַן און גיט מיר איבער:

— דעם וועכטער, מיט וועלכן איך קען זיך, האָב איך דערציילט, אז איך דארף די סטעמפּלען צו א דאָקומענט פאר מיינם א פריינט, וועל־

בער מוז אנטלויפן פון דאנען, און ער האָט מיך אין געהיים ארייננעלאָזט אין צימער פון בירגערמייסטער. דאָרט האָב איך צוגעפּאסט א שליסל צו דער שופלאָד פון זיין טישל, אָבער דער הינטישער זון האלט זיכער די סטעמפּלען ביי זיך. איך האָב זיי נישט געפונען. אָבער — גיט ער צו — עס איז דאָ נאָך איין אויסוועג. באלד דארף ארייננקומען אונדזער פריינט פּיאטראָווסקי, וועלכן מיר האָבן פארבעטן צו זיך. מיט אים וועלן מיר קענען אדורכרעדן קלאָר וועגן דעם.

מען קלאַפּט אין טיר. עס קומט אריין א מאן, וועלכן די שטוביקע באגריסן זייער פריינטלעך. פלאָריאן דערקענט די שטים, אז דאָס איז פּיאט־ראָווסקי, און גייט אריין צו אים. איך כאַפּ א בליק דורך די לעכלעך און זע אן אויסגעפּוצטן מאן פון א יאָר פערציק. די שטוביקע פארבעטן אים אין צווייטן צימער און אלע גייען מיט אים דאָרט אריין.

אליין בלייבנדיק הינטערן וועגטל, האָב איך אָנגעהויבן נאָכקלערן, פון וואנען ער זעט מיר אויס באקאנט, און איך האָב זיך דערמאָנט אָן אים פון ארבעטסלאגער, ווו ער איז געווען אייניקע מאָל. ער איז געווען גוט בא־פריינדעט מיט א יידישן בחור יאסטשאמב. נאָך א לענגערער צייט פארברענ־גען אין צווייטן צימער, באווייזט זיך דער זעלבער ביי מיר אין חדרל און באגריסט זיך וואַרעם מיט מיר זאָגנדיק:

— איך האָב אויך געראטעוועט א ייד, וועלכער געפינט זיך ביי מיר און פארלאָזט שוין אין אייניקע טעג זיין באהעלטעניש מיט א פּוילישן דאָקומענט, וואָס איך האָב אים פארשאפט.

ווען ער האָט אָנגערופן זיין נאָמען, האָב איך אים גלייך געזאָגט, אז ער איז איינער פון די יידן, מיט וועלכע איך בין געווען צוזאמען אין ארבעטסלאגער און געבעטן אים, אז ער זאָל אונדז ביידע צוזאמענברענגען, איידער ער פארלאָזט זיין באהעלטעניש. אוועקגייענדיק, זאָגט ער מיר צו אנטקעגנצוקומען מיין פארלאנג.

שפּעטער גיט מיר איבער יוזעף אָט וואָס:

— מאָרגן ביינאכט קומט צו אונדז פּיאטראָווסקי און ער וועט מיט בעמישע מיטלען איבערדרוקן די צוויי סטעמפּלען וואָס פעלן צום דאָקו־מענט. אָבער עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט, אז דו זאָלסט די זעלבע נאכט

קענען בכלל פארלאָזן אונדזער וווינונג. יוזעף פרעגט מיך: וואָלסטו געהאט ערגעץ א נאכט איבערצונעכטיקן אויסערן שטאָט?

— יאָ, זאָג איך, דערמאָנענדיק זיך אָן דעם פויער פאיקע. איך וועל גיין אויף א קאָלאָניע. איין נאכט וועל איך זיכער קענען דאָרט אי־בערנעכטיקן.

דער צעשטערטער נייער בית-עולם



רעכטס: דער מאָנומענט אויפן קבר פון די געפאלענע יידישע זעלנער
אין יאָר 1920. — לינקס: די איינציקע נישט־צעשטערטע מצבה



רעשטלעך פון יידישע מתים אין אויפגעבראָכענע קברים
פון נייעם בית־עולם

VIII

צו א נייער וואַנדערונג

אין פעלד איז ערשט פאַרנאַכט, די זון הייבט זיך אָן באַהאַלטן און פאַרגייט אין איר נאַכט־באַהעלטעניש.

איך גיי דורכן פעלד אין דער ריכטונג צו דער באַן־ליניע, וואָס איז דער נאָענטסטער וועג צום פויער. גייענדיק אַזוי לענגאויס דער הויכקייט פון דער באַן־ליניע, דערזע איך פּלוצלינג אין דער נידער אויף דער לאַנקע ליגן אַן איינזאַמע, האַלב־נאַקעטע פאַרבלוטיקטע פרוי. איך בלייב שטיין און קען ווייטער נישט גיין. איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז זיכער אַ יידישע פרוי. איך קוק זיך אַרום — מען זעט נישט קיינעם. איך קריך אַראָפּ פון דער הויכקייט. דערנענטערנדיק זיך צו איר, דערזע איך ליגן אַ יונגע פרוי, אַ פאַרבלוטיקטע, אָן מלבושים, בלויז אין אונטערוועש. זי האָט דערפילט מיינע טריט און געעפנט אַ פּאָר פאַרגליווערטע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגע־קוקט פון האַלב־טויט געלן פּנים. איך פרעג זי אויף יידיש:

— ווער ביסטו? פון וואַנען נעמסטו זיך אַהער?

זי ליגט אומבאַוועגלעך און ענטפערט מיר נישט. איך באַמערק אין איר נאָך סימנים פון לעבן און זאָג ווייטער:

— ענטפער מיר, איך בין אַ ייד.

ביי דעם וואָרט האָט זי מיך אָנגעהויבן שאַרפער אָנקוקן און ענט־פערט מיר מאַכטלאָז, קוים צו דערהערן, אָנרופנדיק אַן אומבאַקאַנטע שטאָט. איך בייג מיך איבער איר און הער ווי זי רעדט שווין אַרויס:

— איך בין געשפּרונגען פון צוג און מען האָט מיר נאָכגעשאָסן.

— ווער האָט דיך אויסגעטון נאַקעט?

— איך געדענק נישט ווער. נאָר איך האָב געפילט, אַז מען שלעפּט

פון מיר אראָפּ די קליידער. ביסט טאקע א ייד? — פרעגט זי מיך, קוים ארויסרעדנדיק.

— יאָ, ענטפער איך.

— טאָ האָב רחמנות און דערהרגע מיך. איך ליג שוין אזוי דעם צווייטן טאָג און קען נישט שטארבן — בעט זי זיך קרעכצנדיק.

איך ציטער אויף פון אירע ווערטער און הייב זיך אויף, קוקנדיק אויף דער האלב־נאקעטער פרוי אין פארבלוטיקטן העמדל, וואָס פארדעקט די דורכגעשאָסענע זייט. איך קוק אויף אירע פארגלאָצטע אויגן, וואָס בעטן זיך:

— „דערהרגע מיך, ווייל איך קען נישט שטארבן".

שטיי איך איבער איר א צוגעשמידטער צו דער ערד און ווארט, אז דער מלאך המות זאָל קומען און רחמנות האָבן אויף איר געבעט. איך שטיי און ווארט אויף איר לעצטן אָטעם, וואָס זאָל אָפּשטעלן אירע פאר־גלאצטע אויגן, וואָס פארמאכן און עפענען זיך בעטנדיק: דערהרגע מיך. פאר איר איז קיין אנדער רעטונג נישטאָ ווי דער טויט, וואָס וועט קומען צו איר דאָ אין פעלד, ווו קיינער וועט אפילו אויף איר קבר זיך נישט אומקוקן... זאָג איך מיין קדיש איבער איר.

א דורכלויפנדיקער צוג רייסט מיך אוועק פון מיין פארגליווערט שטיין נעבן איר און איך גיי אוועק, איבערלאָזנדיק זי אליין אין פעלד.

אין דער ארומיקער פוסטקייט הייבט שוין אָן זיך טונקלען, און עס פאלט לאנגזאם צו די נאכט. גייענדיק אליין אין וועג, דאכט זיך מיר, אז ביי יעדן טריט, וואָס איך מאך מיטן פוס, טרעט איך אָן אויף אזא נאָמענלאָזער יידישער פרוי. אין מיינע אויערן זענען שטעקן געבליבן די ווערטער: „האָב רחמנות, דערהרגע מיך"...

דערנענטערנדיק זיך אין דער ריכטונג צום פויערישן הייזל, וואָס איז געשטאנען צווישן די צעוואָרפענע קאָלאָניעס, וואָס האָבן זיך קוים געלאָזט אָנזען אין דער נאכטיקער פינסטערניש, האָט מיך באגעגנט דאָס בילן פון הונט, וואָס האָט ארויסגערופן די אלטע פויערטע, צו וועלכער איך האָב זיך באוויזן. די פויערטע פאַיקע האָט מיך גלייך דערקענט. זי האָט מיך אריינגענומען אין דער כאטע, ווו עס האָט געהערשט א טרויעריקע איינ־זאמע שטימונג, און איך פרעג ביי איר:

— ווו איז דיין מאַן? ווו זענען דיינע זין?

זי ענטפערט מיר:

— מיין מאַן איז נאָך נישט געקומען פון קאָנצענטראַציע־לאַגער טרעבלינקע, מיין זון, וואָס איז געגאַנגען פאַרטיידיקן דעם פאָטער מיט באַווייזן, אַז דער קאָנטינגענט תבואה איז שוין צוגעשטעלט — איז אויך אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. גאָט זאָל מיר העלפן — זאָגט די פויערטע פרום— אַז די מענער זאָלן מיר צוריקקומען.

איך פרעג זי, צי איך קען איבערנעכטיקן די נאַכט ביי איר.

— יאָ —ענטפערט זי מיר— אָבער איך האָב אַ ביסל שרעק צוליב דעם וואָס מען שמועסט אויף הײַנטיקער נאַכט, אַז מען קען כאַפּן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. קריך אַרויף אויפן בוידים —גיט זי צו— און אַז דו וועסט דערהערן אַ שטאַרקן ביל פון הונט, זאָלסטו פאַרשטיין, אַז עס קומט אָן אַ פרעמדער... סטאַך, מיין יינגערער זון —זאָגט זי— איז אַוועק זיך אויסבאַהאַלטן אין דאָרף אויף דער הײַנטיקער נאַכט.

צומאָרגנס פרי, צוגלייך מיט דעם זון־אויפגאַנג, נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט, האָב איך זיך געלאָזט ווידער צו דער שטאָט.

ווען איך בין צוריקגעקומען צום הייזל אויף דער ליפּאָווע, האָט מיך באַמערקט די ראַגאַזשינסקאַ, וועלכע איז צו מיר אַנטקעגנגעקומען אַ שמייכלדיקע און אַ קנייטש געגעבן מיט איין אויג, איך זאָל פאַרשטיין אויף שטום־לשון, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. ווען איך בין אַריין אין מיין חדרל, האָט זי נאָכקומענדיק מיטגעבראַכט איר טאַש, פון וועלכער זי האָט אַרויסגענומען דעם דאָקומענט און מיר געגעבן זאָגנדיק:

— האָסט מזל, אַלץ האָט זיך גוט איינגעגעבן, דאַנקען גאָט. בלויז קלייניקייטן דאַרף מען נאָך אויספילן און דעם נאָמען פאַר דיר, וועגן וואָס מיר וועלן שפּעטער רעדן, ווען די מענער וועלן קומען אויף מיטאָג.

זעענדיק מיך אַן איבערראַשטן און צופרידענעם מיטן דאָקומענט אין האַנט, זאָגט זי צו מיר אַן ערנסטע פאַרן אַרויסגיין:

— פאַרטראַכט זיך, וואָס דו וועסט ווייטער טון.

איך בלייב זיצן אין מיין חדרל, צעעפן דעם העל גרינעם טאָוולנעם דאָקומענט, וואָס איז איינגעלייגט אין דרייען, און קוק אָן איבעררייס אויף אַלע דריי זייטלעך, וואָס זענען אויסגעפילט מיט פאַרשידענע רובריקן אין

דייטש און אין פויליש, מיט האקן־קרייץ סטעמפּלען, וואָס זענען צעטיילט אויף אַלע זייטלעך. איך קוק און באוואונדער ווי נאטירלעך עס זענען ארויס־געקומען די צוויי פאלשע אָפּגעדרוקטע סטעמפּלען, וואָס איינער פון זיי שטייט רונדיק א העלפט אויף מיין בילד. איך פארמאך דעם דאָקומענט און פון דער ערשטער זייט אויפן אויסגעוויינטסטן טאָוול לייענט זיך אראָפּ אין דייטש מיט גרעסערע בוכשטאבן: „קען־קארטע".

נאָכמיטאָג זיצט ביי מיר יוזעף און פלאָריאן אין מיין חדרל. יוזעף פרעגט מיך:

— וואָס האָסטו באשלאָסן?

— איך האָב בדעה צו פאָרן קיין ווארשע —ענטפער איך—, וויל דאָרט האָב איך געוווינט א לענגערע צייט. איך קען די שטאָט און איך וועל אפשר געפינען די מעגלעכקייט זיך איינצוארדענען.

— ווי אזוי ווילסטו זיך איינאָרדענען? — פרעגט מיך יוזעף נייגעריק.

— דאָס קען איך נישט פאָראויסזען. עס איז אָפּהענגיק אָן דעם גורל ווי מיר וועט געלינגען. ווארשע איז איצט פאר מיר פרעמד, אָבער דאָך גלויב איך, אז איך וועל אן אויסוועג געפינען.

— הער מיך אויס, זאָגט יוזעף. מיר וועלן דיר מיטגעבן עפּעס געלט און אויף א פּאָר טעג עסן, וויייטער זע איך קען מען זיך אויף דיר פארלאָזן. איצט וועגן דיין נאָמען —זאָגט ער וויייטער— בין איך ביי דער מיינונג, אז דו זאָלסט זיך רופן סטאניסלאוו פריבעל, דאָס איז א נאָמען נאָך מיינס אן ארבעטער, וועלכער איז נישט צוריקגעקומען פון פראָנט. ער שטאמט פון פויזנער געגנט, און פאר דיר איז וויכטיק, אז דו זאָלסט פיגורירן אלס פּליט, וועסטו גיכער געפינען ארבעט. ביים איינמעלדן זיך אין דער פרעמד, אז מען וועט פרעגן ווי דיין פאָטער הייסט, זאָלסטו געדענקען, אז זיין נאָמען איז קארל. דעם נאָמען פון דער מוטער געדענק איך נישט — גיט ער צו.

יוזעף גייט אוועק, אָנזאָגנדיק פלאָריאנען מיט אירענען, אז זיי זאָלן אויספילן דעם דאָקומענט מיטן נאָמען און דאטע לויט ווי עס פיגורירט אין דעם קראנקן־קאסע ביכל, וואָס פארוואלגערט זיך צופעליק ביי זיי פון דעם סטאניסלאוו פריבעל.

פלאָריאן פארקייטלט די טיר און נעמט ארויס אלץ, וואָס ער האָט

צוגעגרייט צום אויספילן דעם דאָקומענט. איך שטעל מיינע פינגער אָפּדריקן און שרייב אונטער „מיין נאָמען״.

ווען אַלץ איז שוין געווען פּינקטלעך אויסגעפּילט, גיט מיר אירענע דעם דאָקומענט, זאָגנדיק מיט א געלעכטער:

— מזל טוב דיר, סטאַניסלאַוו.

פלאָריאַן זאָגט צו מיר איראָניש:

— זאָלסט אָפּהיטן סטאַניסלאַוון, ער זאָל נישט אריינפאַלן אין די הענט פון די הינטישע זין.

פאַרנאַכט, אין מיין חדרל הינטערן ווענטל, זיץ איך א פאַרטראַכ־טער מיטן דאָקומענט אין האַנט, אייננחזרנדיק זיך אין געדאַנק דעם נאָמען, וואָס וועט מיך פירן ערגעץ אין וועלטן, פרעמדע און פינסטערע פאַר מיר.

איך קוק אריין אין דאָקומענט און טראַכט: ניין, נישט קיין פאַר־שטעלטן נאָמען פון א ייד לייען איך דאָ. איך לייען דאָ ארויס די געשיכטע פון א פינסטערער צייט און אן אייביקע נאַכט, נאָך אן אונטערגייענדיקער וועלט. איך לייען דאָ א געשיכטע פון ווילדע אורמענטשן אין די נייע צייטן, וואָס לעבן נאָר פון מענטשן־פרעסעריי. אָט אויף דער געשיכטע, וואָס איך לייען אין דעם דאָקומענט, שטייען די סטעמפּלען מיטן האַקן־קרייץ.

זיצנדיק נאָך אזוי אין דער טונקלקייט הינטערן ווענטל, קומט מיר זאָגן די ראַגאַזשינסקאַ, וועלכע קומט פון גאַס, אַז איך קען זיך שפּעטער צוזאַמענטרעפן מיט יאַסטשאַמבן, וואָס ליגט אויסבאַהאַלטן ביי פּיאַטראָוו־סקין. איך בלייב וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דער אָפּגערעדטער צייט.

אין שטעטל איז אָוונטצייט, אַלץ באַוועגט זיך אין טונקלקייט. אויף דער גאַס, וווּ מיר דאַרפן זיך צוזאַמענטרעפן, איז ווי שפּעט אין דער נאַכט, מען זעט קיין מענטשן נישט אדורכגיין. וואַרטנדיק אויף אים, האָב איך שוין דערהערט פון דערווייטנס זיינע שווערע טריט פון די הויכע שטיוול, וואָס ער פלעגט זיי נאָך טראָגן אין ארבעטסלאַגער. דערנענטער־דיק זיך האָב איך גלייך דערזען ארויסשיילן זיך פון דער נאַכט־פינסטערניש זיין נידעריקע און באַוועגלעכע פיגור.

— דאָס ביסטו, יאַסטשאַמב? — פרעג איך שטיל.

ער קוקט מיך אָן אין דער פינסטער:

— דאָס ביסטו, שמחה? פון וואנען נעמסטו זיך? ביסט פון הימל אראָפּגעפאלן. ביסט דאָך צוזאמען מיט אנדערע געפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע?

— יאָ —ענטפער איך שטיל צו בארואיקן זיין איבערראשונג — איך קום פון יענער וועלט.

— ווי אזוי ביסטו ארויס פון דאָרט?

— צווישן מלבושים — ענטפער איך.

— ווי הייסטו פון דאָקומענט? — פרעג איך.

— יאן יאניצקי, געבוירן אין קאלושין.

— פון היינט אָן האָב איך שוין אויך נישט מער מיין יידישן נאָמען. מען וועט מיך רופן סטאניסלאוו פריבעל, געבוירן אין פויזנער געגנט. איך האָב באשלאָסן צו פאָרן קיין ווארשע, נישט ווילנדיק וואָס מיך דער־ווארט דאָרט.

— איך —זאָגט ער מיר— וועל אָנהייבן צו וואנדערן אויף דער צווייטער זייט בוג. דאָרט לעבן נאָך יידן, צווישן וועלכע עס דארפן זיך נאָך געפינען מיינע פריינט. אפשר אלס „פאָליאק" וועל איך זיי קענען ברענגען הילף.

— האלט זיך פעסט און אנטשלאָסן. גלויב אין דיין ווילן צו איי־בערלעבן די פינסטערע צייט — ענטפער איך אים.

פון דערוווייטנס דערהערן זיך טריט. מיר כאפּן זיך שנעל ארום און בלייבן אין דער נאכט־פינסטערניש א ווײַלע שטיין ווי צוזאמענגעוואק־סענע. די אָנקומענדיקע טריט האָבן אונדז פונאנדערגעשיידט און מיר זענען זיך צעגאנגען נישט אויסרעדנדיק א וואָרט.

* * *

אויפן 8טן טאָג פארנאכט אין מיין חדרל, אָפּווארטנדיק די שעה פון אוועקפאָרן. די שטוביקע האָבן פאר מיר שוין אלץ גרייט געמאכט. איך זיץ שוין איבערגעטון אין א שווארצער קורטקע, געפּרעסטע הויזן, א

גויאיש היטל, וואָס האָט נאָך מער פאַרענדערט מיין פּנים מיט די פאַר־לאָזטע וואָנסעס.

זיץ איך הינטערן וועגטל אין דער טונקלקייט, דורכגענומען פון מיין בענקשאַפט און טראַכטן, וואָס האָט מיך געדריקט פון דער שלעכטער פּיינ־פולער שטימונג צו מיין וואַנדער־וועג, וואָס וועט מיך אויף אייביק אוועק־פירן פון מיין שטעטל, ווו איך האָב מיין לעבן פאַרבראַכט.

דו שטעטל מיינס, אויף דיינע ברוק־שטיינער האָסטו אויסגעטראָגן די טריט פון אַזוי פיל יידישע דורות.

דיינע גאַסן זענען אַמאָל פול געווען מיט אַ יידיש לעבן, וואָס האָט געוועקט און געלויכטן אין די פינסטערע צייטן. אין דיינע שטיבלעך זענען געזונגען געוואָרן לידער פון אַרבעט און קאַמף, לידער פון לעבנס־פרייד און יוגנט־טרוימען.

היינט וויעט פון דיינע גאַסן טויט. דיינע שטיינער, וואָס זענען פאַר־קלעפּט געוואָרן מיט דעם בלוט פון די אויסגעשאָכטענע יידן, וועלן קיינמאָל נישט פאַרטרוקנט ווערן. דיינע הייזלעך זענען שטיין געבליבן ווי שוואַרצע מצבהם אויף אַ בית עולם. יידיש שטעטל פון אַמאָל, איצט ביסטו איין גרויסער מאַסן־קבר, ווו איך שטיי געבויגן און זאָג איבער דיר:

יתגדל ויתקדש שמה רבא.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראל־פארבאנד פון פּוילישע יידן
אין ארגענטינע

רעדאקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פּרץ גראנאטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאבאקסבלאט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד"ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) ז. סעגאלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד"ר מאיר באלאבאן: די יידן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: הַיימלאָזע יידן
13) ד"ר יעקב שאצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד"ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ
16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַזע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּארטיזאנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פארצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: ווארשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: א וואנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געווען... (חורבן ווארשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: העַנעך
30) ד"ר י. קערמיש: דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ
31) שמחה פּאָליאַקעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
יחיאל לערער: מיין היים
א. נחתומי: אין שאטן פון דורות
יוסף וואלף: לייענענדיק פּרצן
שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
הערשעלע: שבת אויפן טראקט
י. הירשהויט: פינסטערע נעכט אין פּאוויאַק
צפורה קאצענעלסאָן־נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
רחל ה. קארן: היים און היימלאָזיקייט
יוסף אקרוטני: אין קלעם
ד. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאמען (טאָגבוך)
מנשה אונגער: פּזשיסכע און קאָצק
א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן

עס גרייט זיך צום דרוק:

יוסף אקרוטני: אין קלעם
ישראל אשענדאָרף: איינאקטערס
רחל אויערבאך: מאטעריאלן פונעם רינגעלבלום־ארכיוו
מיכאל באָרוויטש: אַרישע פּאפּירן (דאָקומענטן)
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאוויע
הרב אברהם ביק: צען דורות פּוילישע גאונים
נח גריס: קינדער אינעם קאמף (דאָקומענטן)
עוזר ווארשאווסקי: שמוגלארס
אברהם זאק: ווארשעווער געטאָ
ד״ר הלל זיידמאַן: געשטאלטן פונעם ווארשעווער געטאָ
ה. לייוויק: דער נס פון געטאָ
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
מ. נודעלמאַן: אָפּגעשפּילט...
יהושע פערלע: יידן פון א גאנץ יאָר
מיכאל און צבי ראיאַק: חורבן גלובאַק
י. ראפּאפּאָרט: י. מ. ווייסנבערג
א. ל. שוסהיים: גאַליציע
ד״ר ח. שאָשקעס: א לעבן, וואָס איז פארביי...
ל. שפּיזמאַן: די חלוצישע באוועגונג אין פּוילן
שמואל צעסלער: זאבלודאָווע — די לעגענדע פון א שטעטל
בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13

פרעסע שטימען וועגן דער ביכער סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

שמואל ראָזשאַנסקי שרייבט וועגן ש. קאַטשערגינסקיס בוך „פּאַרטיזאַנער גייען!”... אן ארטיקל א”נ „א בוך ארום געטאָ, וואָס טרייסט און מוטיקט” („די יידישע צייטונג”, בוענאָס איירעס, יולי 1947):

נאָך דער גרויסער צאָל ביכער, אין וועלכע עס ווערט פאַרפיקסירט אונדזער אומענדלעכער חורבן, צער, בלוט און טרערן, איז דאָס 18טע בוך פון „דאָס פּוילישע יידנטום”— טאַקע ח”י...

שמערקע קאַטשערגינסקיס בוך „פּאַרטיזאַנער גייען!...” חיעט אָפּ, פרישט אָפּ, לעבט־אויף.

נאָך די אומצייליקע בילדער פון מאסן־הריגות און פון מאסן־הילפסלאָזיקייט, וואָס ווערן געשילדערט אין די מערסטע ביכער פון אונדזער חורבן, זעען מיר דאָ יידן, וועלכע ווערן אויך געהרגעט פון די נאַציס. זיי ווערן אָבער קיינמאָל נישט אויסגעשאָכטן. זיי זענען קיינמאָל נישט אומבאַהאָלפן, זיי זענען קיינמאָל נישט געפאלן ביי זיך, אפילו ווען דער שונא איז טויזנטער מאָל שטארקער פון זיי.

און ווען קאַטשערגינסקי שרייבט אין זיין פאָרוואָרט צום בוך: „געבענטשט זאָלן זיין יענע הענט, די קוילן און יענער מעסער, וואָס האָט געבראַכט די נאָך נישט דערצאָלטע באַצאָלונג די מערדער און געבענטשט זאָלן זיין יענע הענט וואָס רוען נאָך נישט און זענען נאָך אלץ אין טראַנס פון אויספילן די הייליקע צוואה פון אונדזער געשאָכטן פאָלק” (ז. 7) — איז דאָס נישט גלאט אזוי א רעטאָרישע פראַזע. דאָס איז דער גייסט פון זיין לעבן און דער זין פון זיין טויט — צו ביידע איז ער צוגעגרייט.

ער ווייסט אויך, דער פּאַרטיזאַן, אז די וואָס זענען געשטאַנען ווייט פון דער פאַרמעסטונג מיטן טויט, וועלן נישט אזוי לייכט אים פאַרשטיין. דער רוף פון נקמה איז אלע יידן פון דער וועלט נאָענט צום הארצן, אָבער נישט אלע זענען בכוח צו באַגרייפן, מיט וואָס דאָס איז פאַרבונדן, און יעדער געוואַלט־אַקט פון פאַרטיזאַנער קען אין זייערע אויגן שנעל פאַרטונקלען די הערלעכקייט און העראָאישקייט פון דעם נקמה וועג... קאַטשערגינסקי זאָגט דעריבער: „ס'וועלן זיך געפינען לייענער, וועלכע וועלן נישט קענען פאַרטראָגן מיין שפּראַך, וואָס איז פול מיט בלוטדורשט”... ער שטאָלצירט אָבער מיט דעם, וואָס „גרויזאם איז געווען די נקמה פון די ווילנער יידישע אָטריאַדן „נקמה נעמער” און „א טויט דעם פאשיזם” אין די רודניצקער פּושטשעס, ביי ווילנע” און וואָס ס'פלעגן אָפּט זיך צעפלאַקערן אין די נעכט דערפער גאַנצע” און „די ליטווישע ערד פלעגט באַמיסטיקט ווערן מיטן בלוט פון די מערדער” (ז. 6).

מוטיק האָבן די פּאַרטיזאַנער געטראָגן זייער אייגן לעבן אויף די שפּיץ פינגער. אָבער זיי האָבן אויך געקענט טראָגן דעם טויט מיט דער זעלביקער גרינגקייט. צו יעדער רגע גרייט געווען צו באַצאָלן מיט א לעבן פאר א לעבן. די טראַגעדיע אין זייערע אייגענע היימען האָבן זיי נישט פאַראומערט, נאָר ערשט אָנ־

געצונדן אין זיי אַ פֿייער — נאָך נקמה. די טייערע געשטאַלטן זענען נאָכגעגאַנגען די פֿאַרברודיקטע און אויסגעהונגערטע יונגען, פֿאַרוווּנדעטע אָפּטמאָל און ניט־אויסגעשלאָפֿענע ס׳רוב, און אין זייערע אויערן אַריינגעשעפּטשעט: נקמה, נקמה, נקמה!

דער שונא האָט געלויערט פֿון אַלע זייטן און דאָך האָבן זיי דעם מוט נישט פֿאַרלוירן. אַפֿילו ווען זיי זענען אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון אַלע זייטן דורך גרעסערע כּוחות, האָבן זיי דעם מוט נישט פֿאַרלוירן. זיי האָבן דורכגעפֿירט פּלענער, וואָס האָבן אויסגעזען אומגלויבלעך. אונטער דער נאָז פֿון שונא האָבן זיי אַרויסגעריסן קרבנות און זיי אָפּגעראַטעוועט. טאָ וואָס איז שוין דער חידוש, וואָס קאַטשערגינסקי האָט „אויסער עטלעכע די איבעריקע פֿאַרצייכענונגען, וואָס קומען אַריין אין דעם בוך, כּמעט אַלע געשריבן אין וואַלד, אויף אויפֿגאַבעס, ווען אין די הענט איז טאָג און נאַכט געהאַלטן געוואָרן דאָס געווער און ווען, אויב די צייט האָט דערלויבט, האָט דער בלייער געטון דאָס זייניקע”? דער מחבר רופֿט דערפֿאַר ריכטיק אָן זיינע דערציילונגען און סקיצן ווי „פֿאַרצייכענונגען”, כאָטש אין אַ רייע איז דאָ דער אָטעם פֿון דערציילונג מיט קינסטלערישע עלעמענטן.

אַז קאַטשערגינסקי דערציילט „וועגן פֿינף העלדן”, ווי פּאָליציי האָט געשלעפּט די קערפּערס פֿון די דערהרגעטע פּאַרטיזאַנער און באַגראָבן „ס׳זאָל קיין סימן נישט בלייבן”, גיט ער באַלד צו: „אָבער נישט באַמערקט האָבן די באַנדיטן דעם הויכן דעמב, וואָס זיינע צווייגן און בלעטער סודען טאָג איין טאָג אויס די פֿאַרבייגייער אין שטילן געמורמל”... (ז. 121). דאָס זענען שורות פֿון ליטעראַרישער מאַנירליכקייט. ווער וואָלט געגלויבט, אַז אַזעלכע שורות וואָלט אַ חבר פֿון די „פֿינף העלדן” געקענט שרייבן, געפֿינענדיק זיך אין די נאַראָטשער וועלדער?

נאָר אַז מען לייענט זיך אַריין, ווי „פּאַרטיזאַנער גייען”, ווי אַנטשלאָסן זיי זענען לעבן צו בלייבן און ווי גרייט זיי זענען צו שטאַרבן, ווען



דער איינציקער אויסוועג איז אַריינצופֿאַלן אין שונאס הענט, פֿאַרשטייט מען אויך, ווי זיי האָבן זיך „פֿאַרגונען” צו באַנוצן ליטעראַרישע מאַנירליכקייטן — אין שרייבן.

עס איז פּשוט נשתומם־צו־ווערן פֿאַר דער גייסטיקער דיסציפּלין, וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן אַרויסגעוויזן. ס׳איז גענוג דאָס קאַפּיטל „מיין שעף איז געווען אַלפֿרעד ראָזענבערג”, (ז. 61־69), אין וועלכן קאַטשערגינסקי שילדערט די אַרבעט אין ווילנער „איוואָ” אונטער דער אויפֿזיכט פֿון די נאַציס און ווי אונטער די אויגן פֿון די נאַציס איז אַריינגעשמוגלט און אַרויסגעשמוגלט געוואָרן אַ סך געווער, כּדי מ׳זאָל האָבן אַ פֿולע פֿאַרשטעלונג פֿון דעם וווּנדערלעכן קאַמף, וואָס די מאַרטירער האָבן אַרויסגעוויזן.

אָט־די, וועלכע זענען געפֿאַלן, זע־

נען געווען די אמתע מארטירער! די געשטאלטן פון דעם דרוקער, וואָס האָט צונעשטעלט פּלאַקאַטן און פלוגבלעטלעך פאַר דער אונטערער־דישער באַוועגונג, פון דער יונגפרוי וואָס איז געגאַנגען צווישן די פּויערים און געצונדן רעוואָלט, פון די ווילנער בחורים וואָס זענען ארויס און אריין אין געטאָ, שמוגלענדיק געווער, פון די פּאַרטיזאַנער וואָס האָבן נקמה גענומען אין די רוצחים פון די שטעט און שטעטלעך, שטייגן ארויף איבער די געטאָס ווי עדות פון יידישער העראָאישקייט, וואָס איז א טרייסט פאַר דעם אומענדלעכן פּיין.

אז מען לייענט „פּאַרטיזאַנער גייען", זעען מיר דעם געטאָ נישט בלויז אין אומקום, נאָר אויך אין אויפקום —

מאַרקוס יאַקובאָוויטש שרייבט וועגן אלחנן צייטלינס „אין א ליטעראַרישער שטוב" אין זיין אַרטיקל „א לעבעדיקע מצבה פאַר אלחנן צייטלין" („פּאָלקסבלאַט", מאָנטעווידעאָ, 24סטער דעצעמבער 1947):

כיהאָב ליב דעם גרויען רעגן,
דעם גרויען רעגן אויף אלטע דעכער.
ס'ירייסט די בענקעניש צו וואָלקנס—
אויב נישט נאָך העכער.
ווי שטומע קינדער ווייִנען צווייגן,
אויף קאַלטע וועגן
און ס'טרערט דאָס גוטע אויג
פון גרויען רעגן...

מיט 11 יאָר פאַר זיין טויט, האָט צייטלין —דער גליד פון דער גרויסער צייטלין־משפחה— באַזונגען דעם רעגן אויף אלטע דעכער, און זיין בענקעניש צו „אויב נישט נאָך העכער". און איצטער זענען מיר „ווי שטומע קינדער", וואָס „ווייִנען ווי צווייגן אויף קאַלטע וועגן, און סטרערט דאָס אויג פון גרויען רעגן"...

גרויען רעגן... גרויער, בלוטיקער רעגן, פון זעקס מיליאָן אומשולדיקע יידן, צווישן וועלכע עס זענען אויך אומגעקומען די דריי דורות פון דער ליטעראַרישער שטוב פון דער אָנערקענטער צייטלין־פאַמיליע.

פיר יאָר טיילט אונדז אָפּ פון דעם גרויזאַמען טויט פון אלחנן צייטלין, דער איינציקער שילדערער פון דער ליטעראַרישער שטוב. אָט דער קינסטלער, וועלכער האָט אזוי גלענצנד פּסיכאָלאָגירט די איינגייער און די באַזוכער פון זיין יוגנט היים, וועלכער האָט פאַר אונדז געעפנט א טיר, אז מיר זאָלן קענען צוזען וואָס עס פּאַסירט זיך, און וואָס עס קומט פאָר אין דער ליטעראַרישער שטוב פון זיין גרויסע פאָטער ר' הלל צייטלין.

ביז צום דערשיינען פון אלחנן צייטלינס „אין א ליטעראַרישער שטוב", האָבן מיר שוין געקענט אזא שטוב, און דאָס איז געווען אויף צעגלאַנע גאַס ביי פּרצן אין שטוב. ווייניק האָבן מיר געוווּסט, אז אין דער באַלעבטער וואַרשע זאָל זיך האָבן געפינען נאָך א שטוב, ווו יעדעם ווינקעלע, יעדעם פּיצל מעבל זאָל קענען עדות זאָגן וועגן חלומות פון יידישע ליטעראַרישע שעפער, וועגן הכנות פאַר גרויסע ליטעראַרישע שאַפונגען, וועגן מסיבות פון פאַרשידענע ליטעראַרישע, געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אידייען. מיר האָבן געקענט דעם גרויסן יידישן פילאָזאָף און אנערקענטן שריפטשטעלער ר' הלל צייטלין. מיר האָבן זיך אויך שפּעטער באַקענט מיט זיינע זין, אלחנן און אהרן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אז ביי די צייטלינס אין שטוב דאַרף זיין א ליטעראַרישער יריד, ווייל אין א שטוב, ווו עס געפינען זיך דריי ליטעראַטן, דריי

שרייבער —מעגן עס זיין א טאטע און זין— דאַרף דאָרט זיין א ליטע־ראַרישער יריד. אָבער זיך קאָנען פאַרשטעלן אויף אזוי פיל, ווי עס האָט אונדז געשילדערט דער אומ־גליקלעכער קרבן פון נאַציזם אין פוילן, דער זשורנאליסט און שריי־בער־פּאָעט אלחנן צייטלין, האָבן מיר דאָס גאָרנישט געהאַט אין דער מחשבה. אפילו די וואָס האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט יידישער לי־טעראַטור אין יענע צייטן. אפילו די יעניקע, וועלכע זענען געווען וואך צו די אינטערעסן פון יידישן שריי־בער, און וועלכע האָבן אויפגעפאַסט אויף יעדער דערשיינונג אין יידישן ליטעראַרישן וועלטל, און אפילו די וועלכע האָבן זיך מיטבאַטייליקט אין דעם פרישמאַן־צייטלין קאַמף צווישן „היינט"־„מאָמענט", אפילו די יעניקע האָבן נישט געוווּסט, אז אין דער משפחה־שטוב פון דעם רויט־בערדיקן און מיט קינדיש־אוי־גיקן ר' הלל צייטלין, זאָל זיך געפי־נען די היים פון פאַרשידענע פאַר־בענקטע שרייבערישע פאַנטאַזיאָרן, און ווו עס זאָלן געבוירן ווערן פאַר־שידענע איניציאַטיוון פאַר יידישער געזעלשאַפטלעכער ארבעט, און פאַר יידישע ליטעראַרישע שאַפונגען.

אלחנן צייטלין האָט פאַר אונדז אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג. אלחנן צייטלין האָט פאַר אונדז געשילדערט די „ליטעראַרישע שטוב" אין איר גאַנצער ווירקלעכקייט און ווי א דיכטער אויך נישט אויסגעמיטן פּאָעטישע שילדערונגען, און ווי א ביאָגראַף פאַר אונדז כראָנאָלאָגיש איבערגעגעבן פאַרשידענע, פאַר אונדז אזוי פיל באַקאַנטע פּערזענ־לעכקייטן—פון דער אמאָליקער און אויך ביז היינט נישט פאַרגעסענער יידישער ליטעראַרישער וועלט.

„אין א ליטעראַרישער שטוב" איז פאַר אונדז א גלענצנדע דערפרי־שונג פון די אמאָליקע צייטן אין אונדזערע אלטע היימען, ווו יעדע ליטעראַרישע דערשיינונג, יעדער ליטעראַרישער פאַרזוך פון אונדזערע אמאָליקע שעפער, זענען ברייט אַרומגערעדט געוואָרן צווישן דעם גרויסן לייענער קרייז, ווי אין א פילם־קאַלײדאָסקאָפּ גייען פאַר אונדז פאַרביי די נעמען פון די גרויסע יידישע שרייבער און דענקער, ליטע־ראַטן, פּאָעטן און געזעלשאַפטלעכע טוער. אָט, זעען מיר שניאורן; אָט — אנכי. און אָט דערשיינט שוין



פאַר אונדז דער שעפער פון יידישן בעסערן טעאַטער, פּרץ הירשביין. און עס פליען פאַרביי אונדזערע אויגן די נעמען פון בערשאַדסקי, ספּוג, טשערנאָוויץ, גנעסין, ציטראָן, בערקאָוויטש. און אָט דערשיינט דער ליבלינג־שרייבער, סעגאַלאָוויטש, וועמען די יידישע מיידלעך און פרויען האָבן פאַרגעטערט פאַר זיינע שאַפונגען. איז ער דאָך געווען דער ערשטער עראָטישער שרייבער צווי־שן דעם יונגוואַרג, און וואָס האָט זיינע ערשטע אויפטריטן צוגעגרייט אין דער ליטעראַרישער שטוב פון דער צייטלין־פאַמיליע.

שוין פיר יאָר ווי עס איז פון אונדז אוועקגעריסן געוואָרן די

צייטלין־פאמיליע. שוין פיר יאר ווי צוזאמען מיטן גאנצן פארפייניקטן פוילישן יידנטום זענען אויך אומ־געקומען די דריי דורות צייטלין. שוין 4 יאר ווי אלחנן צייטלין איז פון הונגער אומגעקומען אין ווארשעווער געטא (מיט 3 חדשים שפעטער — זיין גאנצע פאמיליע, אין טרעבלינ־קע). צי האט אלחנן צייטלין א מצבה אויף זיין קבר? צי געדענקען די איבערגעבליבענע קליינע צאל יידן אין פוילן דעם פערטן יארצייט פון אלחנן צייטלין? ווער ווייסט?

דער פארלאג „דאס פוילישע יידנ־טום" האט אבער נישט פארגעסן און האט אים געשטעלט א ווירדיקע מצבה — א מצבה פון לעבעדיקע אותיות; א מצבה, וואס ער האט נאך צוגעגרייט ביי זיין לעבן, און ער, ווי מיר, האבן זיכער זיך נישט גערעכנט, אז דער 40־יעריקער גלענ־צנדיקער שילדערער פון „אין א לי־טעראַרישער שטוב", וועט האבן איי־בער זיך א מצבה — פון זיין איי־גענער שאפונג.

זאל דערמיט געערט זיין דער אנ־דענק פון דעם גליד פון דער גרוי־סער צייטלין־טרילאגיע. זאל דאס איצטיקע ארויסגעגעבענע בוך דורך דעם פארלאג „דאס פוילישע יידנ־טום" זיין דער לעבעדיקער מאנו־מענט אויף דעם קבר פון דריי דורות יידישע שרייבער און שעפער און זעקס מיליאן יידן.

גדליה ראטנער שרייבט אין צוזאמענהאנג מיט דער פייערונג לכבוד דעם דערשיינען פון די ערשטע 25 בענד פון דער ביכער־סעריע „דאס פוילישע יידנטום" („ניי וועלט", מינכען, דעם 31סטן דעצעמ־בער 1947):

בוענאס איירעס פייערט אן איי־גנארטיקע פייערונג: דאס דערשיי־נען פון 25סטן באנד פון פארלאג „דאס פוילישע יידנטום".

דער פארלאג איז געגרינדעט גע־ווארן נאכן חורבן פון פוילישן יידנ־טום, ווען ס'איז קלאר געווארן, אז ס'איז געשען מער ווי מען האט זיך פארגעשטעלט אין דער שווארצסטער פאנטאזיע, אז עס איז פארשניטן געווארן דער שעפערישסטער ישוב פון דער וועלט־פארצווייגטער יידי־שער צעשפרייטקייט, און אז מיט אים איז אוועק מיטן רויך אויך דער גאנצער קולטור־פארמעגן זיינער.

ס'איז דערוועקט געווארן דאס באוואוסטזיין, אז ס'איז א חוב פון די ערגעצוואו געבליבענע יידן, קודם כל פון די אזוי־גערופענע פוילישע יידן גופא, צונויפזאמלען די גייסטי־קע ירושה, אויף וויפל עס לאזט זיך אויפריכטן און רעסטאווירן דורך זכרונות אין אויסגעזוכטע דאקו־מענטן דאס אומגעקומענע, כדי עס זאל איבערגיין צו די ווייטערדיקע דורות. ס'איז געווען די אינערלעכע עמפינדונג, אז דאס פאלק איז נישט אומגעקומען און וועט ווייטער לעבן, טאר נישט אפגעריסן ווערן פון זיין עבר, נאר, ווי עס זאגט טרעפלעך דער דיכטער־פארטיזאן אברהם סוצ־קעווער, דער „נעכטן זאל נתגלה ווערן אין דעם מארגן", דער נייער דור זאל וויסן זיין אייגענעם יחוס פון קריגן חשק אים היטן און שאפן זיין המשך.

איז דעם פארבאנד פון די פוי־לישע יידן אין ארגענטינע געקומען צום געדאנק, צו גרינדן א פארלאג מיטן נאמען „דאס פוילישע יידנ־טום". דער נאמען אליין זאגט שוין, וואס ס'איז די כוונה און דער ציל פון אזא אונטערנעמונג: ארויס־ברענגען דעם פרצוף פון פוילישן יידנטום. דאס מיינט, אז דער פאר־לאג האט אלס זיין אויפגאבע צו פארעפנטלעכן אלץ, וואס האט א שייכות צום קולטור און גייסטיקן לעבן פון פוילישן יידנטום, ארויס־געבן ווערק, וואס זענען שוין געווען

פאַרעפנטלעכט, אָבער זיי זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין פייער פון אומקום. ארויסגעגעבן בפרט ווערק, וואָס שילדערן די נאָר־וואָס פאַרגאַנגענע עפּאָכע און ווי ווייט מעגלעך געבן איר כאַראַקטעריסטיק דורך די האַנדלונגען אין דער אויפפירונג פון די פּוילישע יידן אין די היטלער־יאָרן, לסוף באַקענען די יידישע וועלט מיט די גייסטיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געווירקט און משפּיע געווען אינעם יידישן ישוב אין פּוילן.

ס'האָט אָפּגעגליקט און בראש פון דער אונטערנעמונג האָט זיך געשטעלט מאַרק טורקאָוו אלס רעדאַקטאָר און אברהם מיטלבערג אלס ארויסגעבער, ביידע שטאַמען פון פּוילן, זענען אויסגעבונדן מיט איר אַמאָליקן יידישן ישוב, האָבן א נאָענטע, טיפע שייכות צום בראָך, וואָס האָט אונדז דאָרט געטראָפן, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן דער ארבעט מיטן גאַנצן ברען און התלהבות, מיטן פולן באַוווּסטזיין און אחריות געפיל, וואָס אַזאַ ארבעט פאַרלאַנגט.

אָנגעהויבן האָט טורקאָוו מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרצייכנט: „וואָס מלכה אָוושיאַני דערציילט". מלכה אָוושיאַני, די ערשטע אָפּגעראַטעוועטע פרוי, וואָס איז געקומען קיין ארגענטינע, און דאָס ערשטע בוך, אָנגעשריבן מיט פּשטות, פון וועלכער עס האָט געטריפט היים יידיש בלוט, האָט געגעבן דעם טאָן דעם פאַרלאַג. ס'האָט ארויסגערופן אינטערעסן אי ביי דעם לייענער אי ביי די שרייבער אי ביי די, וואָס האָבן זיך פון „דאָרט" געראַטעוועט. בוך האָט נאָכגעיאָגט בוך. יאַנקל וויערניק פון טרעבלינקע, און סעגאַלאָוויטש פון תל אביב, ישראל טאַבאַקסבלאַט פון לאָדזשער געטאָ און זרובבלס „בארג חורבן", אלחנן צייטלינס „ליטעראַרישע שטוב" און פּראָפּ' באַלאַבאַנס לובלין, דוד פלינקער „א הויז אויף גזשיבאָוו" און מ. נודלמאַנס „געלעכטער דורך טרערן", ישראל אפרתם איינדרוקן פון זיין באַזוך ביי די היימלאָזע יידן אין די לאַגערן און ד"ר שאָשקעס באַזוך אין פּוילן 1946, פרידע זרובבלס ערשטע שילדערונג פון נע־ונד פון יידישע פּליטים אין אָנהייב קריג, און חיים גראַדעס „פּליטים" פון די גאָר לעצטע יאָרן. סעגאַלאָוויטשעס „טלאָמאַצקע 13" און מרדכי שטריגלערס „מאַידאַנעק".

א שלל פּשוטע אינפאָרמאַציע און אויסגעצייכנטע שילדערונגען. גוטע ליטעראַטור און שטיקער ווירקלעכקייט, איינדרוקן, באַטראַכטונגען און אויספירן. ס'איז נישט קיין מצבה, נאָר א לעבעדיקער שפּרודלדיקער קוואַל, פון וועלכן עס איז כדאי צו טרינקען און צו טרינקען. פאַראַן פאַרמעסט און פאַרנעם, ס'איז דאָ באַציאונג און צוגאַנג, פאַרוואָרצלטקייט און פּערספּעקטיוו.

אפילו אין נאָרמאַלע צייטן ווייסן מיר נישט פון קיין יידישן פאַרלאַג, וואָס זאָל אין משך פון בערך איין יאָר צייט ארויסגעבן פינף און צוואַנציק בענדער יידישע ביכער, און נאָך ווי ארויסגעבן: — שיין, אָפּגעהיט, מיט פיעטעט, מיט א סך געשמאַק פון דער אויסערלעכקייט און זאָרג פאַרן אינערלעכן תוכן.

ס'איז א קולטור־אויפטו פון ערשטע מדרגה.

איבעריק צוצוגעבן, אז ס'איז א גרויסער פאַרדינסט אויך פאַר דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך. ס'איז ליבע צום יידישן וואָרט און א קאָלאָסאַלער ביישטייער צו דער יידישער ליטעראַטור פון דערציערישן כאַראַקטער. אויף אָט די בענדער וועלן זיך דערציען דורות נייע יידישע לייענער, דורך זיי וועט מען זיך נענטער און האַרציקער באַהעפטן מיטן אייגענעם יחוס און זיך אויסלערנען, ווי אַזוי אים אָפּצוהיטן און פאָרזעצן.

קומט א יישר־כוח דעם פאַרלאַג, דעם רעדאַקטאָר און ארויסגעבער!

זאָל זיי די אָנערקענונג מצד די מאַסן יידישע לייענער געבן מוט און חשק, ווייטער אָנצוגיין מיט זייער פרוכטבאַרער און נוטיקער ארבעט.

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן
דעם 28סטן אַפּריל 1948 אין דער
דרוקעריי „הײמאַן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 47-7752 — בוענאָס איירעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 28 de Abril de 1948 en
los Talleres Gráficos HEUMAN
Pasteur 333 - T. A. 47-7752 - Bs. As.